STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01928

BATRAKHTUNGEN FUN DER NOENT

Mordejai Herbst

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי הערבסט

באַטראַכטונגען
פֿון דער נאָענט

אַלע רעכטן זענען רעזערווירט

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

מרדכי הערבסט

באטראכטונגען פון דער נאָענט

•

בוענאָס־איירעס ה׳תשכ״ב — 1961

מיינע טייערע קינדערלעך,
דבורהלע, טויבעלע,
משהלע און פערעלע —
מיט גרויס ליבשאפט געווידמעט

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט 11

וועגן אונדזער חינוך

וואָס דאַרף זיין די יידישע שול 15
אַ פּאָר באַטראַכטונגען וועגן אונדזער שול 17
אַרום אונדזער שול־פּראָבלעמאַטיק 23
לאָמיר אויפהייבן אונדזער שול־ניוואָ! 27
די קוואַליטעט פון דעם לערער — הויפּט־פּראָבלעם פון אונדזער שול . 31
דעם דירעקטאָרס אויפגאַבע ביים אָנהייב שול־יאָר 35
דעם דירעקטאָרס אויפגאַבע אין דער שול 41
וואָס דערוואַרטן מיר פון דעם קינדערגאָרטן? 47
וועגן אונדזער קינדערגאָרטן 53
אונדזער שול־וועזן בייטיקט זיך אין רעוויזיע 57
דריי הויפּט־פראַגן 59
צום יום־עיון פון דער לערער־אָרגאַניזאַציע 67
לאָמיר געווינען דאָס יידישע קינד! 71
„זאָל לעבן די יידישע שול!" 77

יוגנט־פּראַגן

ווו איז אונדזער יוגנט? 85
ווי אַזוי ציט מען אַריין די יוגנט אין אונדזער קולטור־אַרבעט? 89
שפּראַך און אינהאַלט ביי אונדזער יוגנט 93

זייט

קולטור־פּראָבלעמען

ווער דאַרף אַזאַ מין ליטעראַטור? 101
מען דאַרף פאַראײנהײטלעכן דעם ייִדישן אויסלייג 107
תוך־פּראַגן 109
מיט בײדע אויגן 115

געזעלשאַפטלעכס

עסקנים 123
פּופּציק יאָר 127
די אויסבילדונג פון פּראָפעסיאָנעלע עסקנים 131
די נויטן פון אונדזער פּראָווינץ 135

מדינת־ישׂראל און תּפוצות־ישׂראל

וואָס דער גלות דערוואַרט פון מדינת־ישׂראל 145
ייִדישע מדינה און ייִדיש פאָלק 149
דער גאַנג צו זיך אַליין 153
אונדזער זעלבסטשטענדיקייט 157
דער צענטער פון אונדזער פאָלק 163

פאָרוואָרט

אונדזער ישוב הייבט אָן פאַרנעמען אַן ערשטראַנגיק פּלאַץ צווישן די יידישע ישובים אין די תפוצות.

נאַטירלעך, אַז ער ראַנגלט זיך מיט אַ סך פּראָבלעמען און מאַכט דורך זיין אַנטוויקלונגס-פּראָצעס אויף אַלע לעבנס-געביטן.

איז דעריבער גוט צו באַהאַנדלען אַט-די פּראָבלעמען, צו דיס-קוטירן זיי און צו נעמען צו זיי אַ שטעלונג, ווי אַ ביטראַג צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אונדזער געמיינדע-לעבן.

ערשטנס, העלפט דאָס אויך מיט צו קענען און דערקענען זיך אַליין, אַ זאַך וואָס איז נייטיק ביי יעדן ציבור.

צווייטנס, זענען דאָס נישט בלויז ספּעציפישע אַרגענטינער טע-מעס, נאָר אין אַ סך הינזיכטן שפּיגלען זיי אָפּ די פּראָבלעמען פון אַלע אָדער כמעט אַלע יידישע ישובים אויף דער וועלט.

אין דעם בייליגנדיקן בוך ווערן באַהאַנדלט אַ רייע אַספּעקטן פון דעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער ישוב, ווי: חינוך, יוגנט, געזעלשאַפטלעכס, קולטור, ווי אויך די ראָל און די השפּעה פון מדינת-ישראל, מיט וועלכער אונדזער ישוב איז אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדן מיט הונדערטער פעדעמער.

איך גלייב און האַלט פאַר וויכטיק אַט-די היימישע טעמעס אַריינצונעמען אין בוך-פאָרם, נישט נאָר צוליב זייער איצטיקער אַקטועלקייט, נאָר איך בין אויך זיכער, אַז אין יאָרן אַרום וועלן זיי האָבן נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג, אויף וויפל זיי וועלן מיטהעלפן לערנען און פאַרשטיין דעם אַנטוויקלונגס-פּראָצעס און די קולטור-געזעלשאַפטלעכע אויספורעמונג פון אונדזער היגן געמיינדע-לעבן.

דער מחבר

וועגן אונדזער חינוך

וואָס דאַרף זיין די ייִדישע שול

(פֿון אַ רעדע)

די ייִדישע שול דאַרף זיין די קרוין־אינסטיטוציע, די טאָן־געבערן און וועג־ווייזערן פֿונעם ייִדישן ישוב, דער מוסד אין וועלכן עס ווערט אויסגע־פֿורעמט און געשטאַלטיקט די נשמה פֿון אונדזער פֿאָלק. די וועלכע וועט דערציִען אַ דור פֿון ייִדישער אינטעליגענץ, נייע ייִדישע פּקחים און גאונים, די וועלכע וועט זיי אָנפֿילן מיט ייִדישן באַוווּסטזיין און קולטור, מיט ייִדישן באַנעם און גייסט, מיט ייִדישן צוגאַנג און אויפֿפֿאַסונג.

אין דער זעלבער וועלן די קינדער לערנען און רעדן דעם באַחנטן מאַמע־לשון, די שפּראַך אין וועלכער מיר האָבן באַזונגען אונדזער טראַגיק און ראָמאַנטיק, אונדזער גלויבן און האָפֿענונג, די שפּראַך אין וועלכער מו־טערס האָבן איינגעוויגט אין זייערע וויג־לידער גאַנצע גענעראַציעס פֿון ייִדישע גייסטיקע ריזן, אין וועלכער זיי האָבן דורכגעטרערט זייערע תּחינות און אויסגעווייקט זייערע טרוימען נאָך שטראַלנדיקער גאולה.

אין אירע זאַלן וועט געהערט ווערן דער קלינגעוודיקער העברעיִש, אין וועמענס בוכשטאַבן האָבן אונדזערע זיידעס אויסגעגאָסן די בענקשאַפֿט נאָך ציון, און אויסגעקריצט אין זייערע מוחות און הערצער די גאַרונג נאָך ירושלים.

אין אירע קלאַסן וועלן קינדער און יוגנט, די מאָרגנדיקע עול־טרעגער און מנהיגים פֿון ייִדישן פֿאָלק, זיך אָנזאַפּן מיט דער גלאָררייכקייט פֿון אונ־דזער לאַנגער געשיכטע, פֿון וועלכער עס דופֿט אַרויס מיט אויסדויער, מסירת־נפֿש, גייסטיקער פּאָטענץ און מוסטערהאַפֿטער לערע פֿאַר די קומענדיקע עפּאָכעס.

עס וועט אויך אַריינגעוועבט ווערן דאָס ייִדיש ליד, דאָס געזאַנג פֿון אַ

מרדכי הערבסט

דור וואָס איז אויסגעלייטערט געוואָרן אין דעם פייער פון חורבן, און דער־הויבן געוואָרן אין די טענער פון גאולה.

דער אויפוואַקסנדיקער דור וועט אויך דורכגעדרונגען ווערן מיט ייִדי־שער טראַדיציע און שטייגערלעבן, מיט ייִדישע ימים־טובים און יהדות.

אַזוי אַרום וועלן מיר געבן אונדזער יוגנט ניט קיין איבערגעזעצטע, נאָר אַן עכטע, אַ מקורותדיקע און אינטעגראַלע ייִדישקייט.

מיר וועלן זיי אָנפילן מיט ייִדישן אינהאַלט און זעלבסט־באַוווסטזיין. מיר וועלן זיי צוגרייטן אַלס גייסטיקע חלוצים, און אויסוואָרצלען פון זייער גייסט די גלותדיקייט, איידער זיי זענען עולה קיין ישראל.

עס איז דעריבער דער חוב פון די עלטערן צו באַציִען זיך מיטן גרעסטן ערנסט און פּיעטעט צו דער ייִדישער שולע, צו שיקן די קינדער אין גן־עלטער און צו איינפירן אין זייערע היימען דאָס רעדן ייִדיש, דאָס פּייערן ייִדישע ימים־טובים אד"גל, כדי אַזוי אַרום שאַפן אַ בריק צווישן שול און היים. עס איז די גרעסטע פליכט פון די עסקנים און מנהיגים אָפּצוגעבן פּריאָריטעט דער ייִדישער שול און זיך באַמיִען צו געבן דער ייִדישער יוגנט אַ סאָלידע, טיפּישע קולטור־אויסבילדונג און פעסטע גייסטיקע פאַר־באַרייטונג.

עס איז דעריבער פאַרפליכטנדיק פאַר דער יוגנט, צו שטראָמען אין מאַסן צו די קורסן און סעמינאַרן פון ייִדישע לימודים. אַזוי אַרום וועלן מיר שאַפן אַן אומאיבערגעריסענע קולטור־ און דערציִונגס־קייט, פון די פּיצעלעך גן־קינדער ביז דער אינטעליגענטער יוגנט. און פאָלגלעך קומען מיר צום שלוס, נאָך דעם אויבן־באַגרינדעטן כאַראַקטער און ראָל פון דער ייִדישער שול, צו זאָגן, אַז די עלטערן וואָס שיקן ניט זייערע קינדער אין דער זעלבער, באַגייען דעם גרעסטן פאַרראַט לגבי זייערע אייגענע זין און טעכטער, לגבי אונדזער דור און לגבי דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק!

אַ פּאָר באַטראַכטונגען וועגן אונדזער שול

כאַראַקטער פון אונדזער שול

ווען מען וואָלט געוואָלט ריכטיק כאַראַקטעריזירן אונדזער היגע ייִדישע אָנפאַנג־שול, וואָלט מען זי באַצייכנט אַלס סענטימענט־שול, דאָס הייסט אַלס אַזעלכע וואָס אָפּערירט אויפן סענטימענטן־געביט פון אונדזער ייִדישער גאַס און היים, און שפּילט אויף די סענטימענטן־סטרונעס פון אונדזערע תּלמידים.

דעריבער שענקט מען אין אונדזער אָנפאַנג־שול אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט אויף איינצופלאַנצן אין די שילער דעם סענטימענט צו אונדזער פאָלק, צו אונדזער שפּראַך, אונדזער טראַדיציע, אונדזערע קולטור־ווערטן און פאָלקס־קנינים. און וויל מען שאַצן די רעזולטאַטן פון אונדזער שול, דערזעט מען צום אַלעם ערשטן די דאָזע פון סענטימענטן־איינפלאַנצונג אין דעם שילער, אויף ווי ווייט די דאָזיקע האָבן אין אים געשלאָגן וואָרצלען.

אין פּועל יוצא דערפון פאַרקוקט מען אָפט מאָל, און אפשר די מערסטע מאָל, אויף די אייגנטלעכע ידיעות מיט וועלכע דער תּלמיד פאַרלאָזט די שול.

אָט דער צוגאַנג צו אונדזער שול און אָט דער מאַסשטאַב איז אַ רעזולטאַט פון די געגעבענע באַדינגונגען אויף אונדזערע ווינערטער.

אין די אַמאָליקע אַלטע ישובים פון אייראָפּע, ווו ייִדישקייט האָט אַרויסגעקוואָלט פון דער היים, ווו טראַדיציע און פאָלקס־פירונג זענען געווען די פּערמאַנענטע אַטמאָספער אין וועלכער דאָס קינד האָט זיך אויסגעלעבט, האָט די שול געדאַרפט אים געבן דעם געפאָדערטן סכום ידיעות, און דער ידיעות־מאַסשטאַב האָט געדינט צו מעסטן די דערגרייכונגען פון דער שול.

און געשאַצט האָט מען דעריבער די דעמאָלסדיקע שול לויט דער דאָזע פון ידיעות וואָס זי פלעגט איבערגעבן דעם תלמיד.

אין אונדזערע מקומות, ווו די שטוב איז אויסגעליידיקט פון טראַדי־ציע, פון שפּראַך, פון פֿאָלקס־פירונג און פון יעטוועדער ייִדישקייט, מוז די שול ווערן דער צענטער פון ייִדישן סענטימענט. זי מוז דעם קינד דערנערן מיט די דורותדיקע זאַפטן פון אונדזער לאַנגער פֿאָלקס־טראַדיציע, זי מוז ביי אים אַרויסרופן אָט יענע ייִדישע עמאָציעס וואָס אין דער היים פילט ער זיי ניט און וואָס די זעלבע איז ניט ביכולת אים צו געבן. דעריבער ווערט אַזוי הויך געשאַצט אין אונדזער שול־ווען דאָס דורכפירן אַ יום־טוב. דעריבער ווערט אָפּגעגעבן אַזוי פיל פלאַץ פאַר צייכענונג און געזאַנג וועגן ייִדישע ימים־טובים, פאַר דראַמאַטיזאַציע פון די זעלבע, ווי וועגן פּסח, סוכות, שבועות, שמחת־תורה אאַז״וו. אַ זאַך וואָס אין דער אַמאָליקער שול איז דאָס גאַרניט נייטיק געווען, ווייל ער האָט די זאַכן געהאַט און געאָנט אויף אַ נאַטירלעכן און רעאַלן אופן ביי זיך אין שטוב.

ס׳וואָלט געווען איבעריק אָפּצוגעבן פלאַץ פאַר צייכענען אַ סוכה, דאַן ווען ער האָט געהאָלפן דעם פאָטער זי מאַכן ביי זיך אין שטוב. עס וואָלט אויך געווען איבעריק קינסטלעך צו אינסצעניזירן אין שול אַ פּסחדיקן סדר, דאַן ווען ער האָט אויף אַ לעבעדיקן אופן אָנטיילגענומען אין אַן אמתן, ניט־אינסצעניזירטן פדר, פּסח ביינאַכט, ביי זיך אינדערהיים.

דאָס גלייכן קענען מיר זאָגן וועגן די אַנדערע ימים־טובים, ווי חנוכה, פּורים, אאַז״וו. און וועגן אַלע מאָמענטן פון ייִדישן לעבן.

אַנדערש איז אין אונדזער שול היינט צו טאָג.

זיך שטיצנדיק אויפן אויבנגעזאָגטן, וואָלטן מיר געקענט באַהויפּטן, אַז די היינטיקע ייִדישע אָנפאַנג־שול איז אַן עמאָציאָנעלע בעת די אַמאָליקע איז געווען אַן אינטעלעקטועלע.

אַנדערש פאָרמולירט, וואָלטן מיר געקענט זאָגן, אַז אונדזער היינטיקע שול ריכטעט זיך אויף דערציִונג פון אונדזערע תלמידים — מיט דערציִונג מיינען מיר זיינע עמאָציעס, זיינע סענטימענטן — בעת די אַמאָליקע איז געווען אַ בילדונג־שול. דאַן קען מען שוין פאַרשטיין ווי נייטיק עס איז פאַר אונדז דאָס דורכפירן אַ יום־טוב, דאָס שאַפן אַ קינדער־קלוב, ווו דאָס קינד זאָל פאַרברענגען אין אַ ייִדישער סביבה, צווישן ייִדישע חברים, דאָס

װעלן געבן דעם קינד די ייִדישקײט װאָס אײגנטלעך װאָלט די הײם געדאַרפט געבן און װאָס לײדער באַקומט ער זי ניט דאָרטן.

דעריבער באַשטרעבן מיר אַז די שול זאָל פאַרװאַנדלט װערן אין דעם קולטור־הױז און אין דעם קולטור־צענטער פון אונדזערע ישובים, פון װאַנען עס זאָלן זיך ציִען די ייִדישקײט־פעדעמער און פון װעלכע עס זאָלן שטראָמען די ייִדישע סענטימענטן צו דער הײם.

היות װי דאָס איז אַזױ, גײט דער הײנטיקער תלמיד אַרױס מיט אַ שװאַכן באַגאַזש פון ייִדישע ידיעות, אָבער אַזױ װי אונדזער שול װערט געריכטעט אױפן עמאָציאָנעלן געביט און היות װי די גרעסטע טײל פון אונדזערע שילער װערן, נאָכן פאַרלאָזן די אָנפאַנג־שול, געװנצלעך אָפּגעריסן פון אונדזער קולטור, ליטעראַטור, שפּראַך, און די קנאַפּע דערװאָרבענע ידיעות װערן דעריבער בײַ זײ אױך אױסגעװעפּט, זוכט אונדזער שול צו פאַרפאַנצערן אונדזערע תלמידים מיט אַ װאָס גרעסערן סכום ייִדישע סענטימענטן און עמאָציעס, װײַל ידיעות װערן פאַרגעסן, פאַרשװינדן, װעפּן זיך אױס, אױב מען לערנט ניט װײַטער, און מען פּראַקטיצירט ניט, אָבער עמאָציעס רופן זיך אָפּ אַ גאַנץ לעבן.

דאָס איז די סיבה פון פאַרקוקן אָפּט מאָל און די מערסטע מאָל אױף דער אינטעלעקטועלער, אױף דער ידיעות־פּאָזע, בכדי צו באַקרעפטיקן און באַגינסטיקן די עמאָציאָנעלע זײַט, דעם סענטימענטן־אַספּעקט פון אונדזער ייִדישער שולע.

ראָל פון אונדזער מיטל־שול

אמת איז טאַקע, אַז די עמאָציעס װאָס אונדזער אָנפאַנג־שול רופט אַרױס בײַם קינד, רופן זיך בײַ אים אָפּ אין זײַן װײַטערדיקן לעבן, אָבער חוץ עמאָטיװע אָדער סענטימענטאַלע ייִדן װילן מיר דאָך האָבן אינטעליגענטע און באַװוּסטזיניקע ייִדן, װאָס זאָלן אױך פאַרשטײן (און ניט נאָר פילן) דעם זין און דעם טעם פון ייִדישקײט. דאָס הײסט אַזעלכע װאָס באַזיצן אַ גענוגנדיקן באַגאַזש פון ייִדישע ידיעות, װאָס דענקען ייִדיש, װאָס זענען צוגעשמידט צו אונדזער װאָרט, װאָס בילדן אונדזער לײענער־מאַסע, און װאָס קענען אױך זײַן שעפערישע ייִדן.

אויף צו פילן, כידוע, דאַרף מען אויך פאַרשטיין, ידיעות ברענגען צו עמאָציעס. דאָס דענקען, דער פאַרשטאַנד, ווירקט אויפן געפיל. האָבן דאָך שוין אונדזערע חכמים טרעפלעך באַמערקט אַז „לא עם הארץ חסיד".

דעריבער דאַרפן מיר דערגענצן אונדזער עמאָציאָנעלע אָנפאַנג־שול מיטן שאַפן נעבן איר אַ מיטל־שול, וואָס זאָל זיין די יידישע בילדונג־שול, די אַזוי צו זאָגן אינטעלעקטועלע שול, וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין אך ורק צו אַריינגעבן דעם תלמיד ידיעות, אים לערנען און לערנען.

דאָס וואָלט באַפרידיקט די חינוך־אַספּיראַציעס פון אונדזערע לערער און עסקנים און נאָר אַזוי אַרום וואָלטן מיר דערצויגן און אויסגעבילדעט אַ געזונטן גייסטיק־קולטורעלן דור, סיי אַן עמאָציאָנעלן ווי אַן אינטעלעק־טועלן.

דאָס וואָלט באַרעכטיקט אונדזערע אָנשטרענגונגען אויפן שול־געביט און וואָלט געגעבן אַ תיקון פאַר דער אָנפאַנג־שול, וועמענס תלמידים ווערן עמאָציאָנעל פאַרפאַנצערט אויף זייער גאַנצן לעבנס־וועג, בעת זיי וואָלטן אין דער מיטל־שול געוואָרן אינטעלעקטועל אויסגעשולט און אַריינגערינגלט אין אונדזער פאָלקס־קייט.

דאָס הייסט, אַז אַלע אונדזערע שולן זאָלן ווערן צוזאַמענגעשטעלט פון אַן אָנפאַנג־שול און אַ מיטל־שול. דאַן וואָלטן מיר אויך געוווּנען פאַר דער מיטל־שול די מערסטע תלמידים וואָס פאַרענדיקן די אָנפאַנג־שול אין אַלע געגנטן, ווייל אין תוך גענומען, האָבן אונדזערע תלמידים זייער ליב די יידישע שול און וואָלטן פאַרגעזעצט, אין זייער רוב, זייערע לימודים אין דער מיטל־שול, אויב אַזעלכע וואָלט נאָר ביי איר עקזיסטירט, און וואָלטן זיך אָנגעזאַפּט מיט גרינטלעכע ידיעות במשך פון אייניקע יאָרן אויפן זעלביקן פּלאַץ פון זייערע אָנפאַנג־לימודים.

אַנדערש אָבער איז איצט, ווען נאָר געציילטע תלמידים פון יעדער שול לערנען אין סעמינאַר צי אין „מכון", ווייל צו פאָרן אַהין לערנען פון ווייטערע געגנטן באַדאַרף מען שוין האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס, אַ באַ־זונדערע נייגונג, אָדער גאָר אַ לערער־באַרוף.

מיטן שאַפן אַ מיטל־שול ביי יעדער שול, וואָלט מען אויך אַוועקגע־שטעלט אויף אַ סדר די עקסיסטירנדיקע לערער־סעמינאַרן ביי אונדז. און דאָס וואָלט זיך אָפּגערופן גינסטיק אויף דער צוקונפטיקער לערערשאַפט

און אויפן חינוך פון אונדזערע תלמידים. מען וואָלט דערמיט דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין באַצוג צו אונדזערע לערער־סעמינאַרן. ווייל למען האמת, לערנען איצט אַריבער 1.000 תלמידים אין זיי, וואָס זייער רוב קלערט גאָרניט לכתחילה צו זיין לערער, נאָר זיי לערנען דאָרטן, ווייל קיין אַנדערע מיטל־שולן זענען ניטאָ פּאַרא און היות ווי די מערהייט שילער פון אונדזערע לערער־סעמינאַרן באַזיצן ניט דעם לערער־באַרוף, גיבן די זעלבע ניט אַרויס קיין צופרידנשטעלנדיקן לערער־עלעמענט, וואָס דאָס האָט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף אונדזער גאַנצן שול־וועזן.

ווען מען וועט אָבער שאַפן מיטל־שולן נעבן יעדער אָנפאַנג־שול, וועלן דאָרט לערנען די מערהייט פון אירע אַרויסגייענדיקע שילער, און די וואָס האָבן אַ נייגונג צו לערעריי, וועלן קענען לערנען אין די לערער־סעמינאַרן. אַזוי אַרום וועלן אָט די סעמינאַרן אַרויסגעבן באַרופענע און איבערגעגעבענע לערער, און דאָס וועט הייבן די חשיבות פון די דאָזיקע לערן־אַנשטאַלטן, וואָס וועלן אַזוי אַרום פאַרמאָגן אַ סעלעקציאָנירטע שילערשאַפט, ד״ה, צו־קונפטיקע סעלעקציאָנירטע לערער. און דאָס וועט זיך אי ברכהדיק אויס־ווירקן אויפן היגן חינוך־וועזן און סיי פאַרפילפאַכן די צאָל שילער וואָס לערנען ווייטער, נאָכן פאַרענדיקן די אָנפאַנג־שול. וואָס דאָס וואָלט געמיינט פאַר אונדזער צוקונפט, איז ניט נייטיק מאַריך צו זיין.

נאָר אַזוי וואָלט מען אויסגעפילט דעם גרויסן בלויז פון אונדזער שול־וועזן און געקליבן פאַרדינטן נחת פון אונדזער אָנגעשטרענגטער שול־אַרבעט.

אַרום אונדזער שול־פּראָבלעמאַטיק

אין דער דאָזיקער אַרבעט פּרעטענדיר איך ניט צו מאַכן אַן אויסשעפּ־לעכן אַנאַליז איבער דער פּאַרצווייגטער שול־פּראָבלעמאַטיק, נאָר איך וויל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף אייניקע אַספּעקטן וואָס זענען נוגע די באַציִונגען פון דער שול מיט דער היים און איר ראָל און פּאָזיציע אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

כידוע, איז פון תמיד אָן געווען חל דער געבאָט פון חינוך־הבנים אויפן פאָטער. דער „ושננתם לבניך" איז געווען אַן עיקרדיקער פאַקטאָר אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק. אָבער ביי אונדזערע באַדינגונגען דאַרפן מיר ניט נאָר דאָס קינד אַליין דערציִען, ד"ה זיך פאַרנעמען מיטן חינוך־הבנים, נאָר טאַקע אויך מיטן חינוך־האבות, מיטן דערציִען די עלטערן גופא צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

דעם אַספּעקט פון חינוך־האבות דאַרפן מיר אין זינען האָבן צוגלייך מיטן חינוך־הבנים.

כדי דאָס דורכצופירן זענען פאַראַן אייניקע וועגן, וואָס פירן צו דער דערנענטערונג פון די עלטערן צו אונדזער שול, ווי צ"ב דאָס איינאָרדענען פּעריאָדישע עלטערן־פאַרזאַמלונגען, קולטור־רעפעראַטן, אַקטן ווי אויך (און דאָס איז זייער וויכטיק) קורסן פאַר דערוואַקסענע פון עברית און ייִדיש אא"וו.

עס איז אונדז אויסגעקומען צו זען און דיקטירן העברעיִשע קורסן, ווו עלטערן און קינדער (יוגנטלעכע) פלעגן זיצן אויף איין באַנק און אַ סך מאָל האָבן די עלטערן געלערנט מיט גרעסערן חשק ווי די קינדער... מיר קענען אויך דערציילן פון אַ סך מוטערס, וואָס זענען אונדז געקומען בעטן איינצו־אָרדענען פאַר זיי קורסן פון ייִדיש (לייענען, שרייבן, רעדן), כדי זיי זאָלן ערשטנס קענען די דאָזיקע שפּראַך און צווייטנס, צו קענען זיין בייהילפיק

זייערע קינדער אין די אויפגאַבעס פון דער יידישער שול אָדער קאָנטראָלירן זיי די זעלבע.

כאַראַקטעריסטיש זענען אויך די פאַלן, ווען אונדזערע תלמידים האָבן אויסגעלערנט די עלטערן דעם יידישן א״ב. אַ זייער אינטעליגענטער תלמיד מיינער האָט אויסגעלערנט זיין מוטער אונטערצושרייבן איר נאָמען אויף יידיש אין זיין קלאַסיפיקאַציע־ביכעלע. אַן אַנדער תלמיד האָט אויסגעלערנט זיין פאָטער, אַן אינזשעניער, לייענען יידיש, אַ דאַנק וועלכן ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען טעגלעך אַ יידישע צייטונג. אַ צווייטע, אַן אַכט־יעריקע האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ העברעיש־שפּאַניש ווערטער־ביכעלע פון אירע ערשטער לעקציע פון עברית פאַר איר פאָטער, אַ מעדיקער, ווייל ער האָט נישט קיין צייט, צוליב זיין פּראָפעסיאָנעלער פאַרנומענקייט צו לערנען העברעיש אויף אַן אָוונט־קורס...

מיר ברענגען אַריין, דורך דער שול, יידישקייט אין דער היים. דאָס איז אַ באַדויערלעכער פאַקט, ווייל די היים וואָלט געדאַרפט זיין די, וואָס שטראַלט אויס יידישקייט און שטויסט צו דער שול, אָבער קעגן דער ווירקלעכקייט קענען מיר גאָרנישט טון. דאַרפן מיר אַרבעטן אין דער דאָזיקער פאַרקערטער ריכטונג, ד״ה פון דער שול צו דער היים, כדי טאַקע דורך דעם צו געווינען סיי די עלטערן און סיי די קינדער פאַר אונדזער שול. ווייל עס איז דאָך אַ באַוווסטער פאַקט, אַז געווינען מיר די עלטערן, האָבן מיר זייערע קינדער פאַר תלמידים.

איבערהויפט דאַרפן מיר זיך אָפּגעבן מיטן חינוך־האם, שאַפן מוטער־קאָמיסיעס, אָרגאַניזירן קורסן פאַר זיי, ווייל דער „ושננתם לבניך" איז אין אונדזערע מקומות אָנגעוויזן מערסטנטייל אויף דער מוטער, וואָס איז די יעניקע וואָס באַשטימט, צי אירע קינדער זאָלן גיין אין דער יידישער שולע צי נישט. ד״ר הערצל האָט געוואָרפן די לאָזונג פון „כיבוש־הקהילות", דאַרפן מיר וואַרפן די לאָזונג פון „כיבוש־הבתים", איינגעמען די יידישע היימען און זיי געווינען פאַר אונדזער שול. עס איז אויך נייטיק צו באַווירקן די קינדער אויסצושרייבן אַ קינדער־זשורנאַל אַזוי צוליב זיי ווי אויך צוליב די עלטערן, וואָס לייענען אים דערוויל און... זיי דערוויסן זיך עפּעס פון יידישן אינהאַלט.

אַזוי איז אויך ווינטשנסווערט צו פאָדערן ביים קינד צו לייענען די וועכנטלעכע קינדער־ווינקלען פון די ייִדישע צייטונגען, אַזוי אַז דער פאָטער זאָל ווערן אַן אַבאָנענט פון אַ ייִדישער צייטונג און דורך דעם אָנצוהייבן צו לייענען און זיך באַקענען מיט אונדזער פּראָבלעמאַטיק. דאָס איז ניט סתם קיין טעאָריע, אין אונדזער פּראַקטיק קענען מיר אָנווייזן אויף אַ סך אַזעלכע פאַלן. מיר וואָלטן אַפילו גערעכט, אַז מען זאָל פון צייט צו צייט מיטגעבן מיט די קינדער ייִדישן לייען־מאַטעריאַל פאַר די עלטערן. דאָס וואָלטן זיי באַטראַכט פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט פון דער שולע צו זיי, וואָס פאַרפליכ־טעט מאָראַליש צו לייענען; דאָס וואָלט געהאַט אַ גאַר גרויסע ווירקונג אויף אונדזערע קינדער אויך צו ווערן לייענער, ווייל לאָמיר קיין מאָל ניט פאַר־געסן, אַז די היים איז די, וואָס איז משפּיע אַממערסטן אויף די געוווינהייטן פון די קינדער. אין דעם פאַל וואָלט עס זיי סטימולירט צו לייענען ייִדיש און וואָלט זיי אַריינגעבראַכט אין דער אַטמאָספער פון דער ייִדישער קולטור.

אַז מיר ווילן זיך דורך דער שול אָפּגעבן מיט חינוך־האבות צוגלייך מיט חינוך־הבנים, וואָס דאָס מיינט כיבוש־הבית, דאַן וועט די צאָל שילער אין אונדזערע שולן, וואָס שטייט אויפן זעלבן אָרט, סטאַגנירט, פונקט די זעלבע ווי אין די פאַריקע יאָרן, דורכמאַכן אַ זייער גרויסן אויפשטייג און וועט אַריינברענגען מזל־ברכה אין אונדזער שול און אין אונדזער געזעלשאַפט.

מיט איין וואָרט: די ייִדישע שול דאַרף ווערן דער קולטור־ צענטער פאַר גרויס און קליין, דער ייִדישקייט־היכל פאַר עלטערן און קינדער, די אַזוי נערופענע בריק פון די ייִדישע היימען, און פאָלגלעך די באַווירקערן אויפן היגן ייִדישן לעבן.

***

אונדזער אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט איז די יעניקע, וואָס קען אַמבעסטן מיטווירקן אין דעם צופלוס פון אַ סך אַ סך נייע שילער אין אונדזערע שולן און הייבן די באַציִונג צו זיי. זי איז דאָס די יעניקע, וואָס קען אויסאיבן אַ דרוק און אַפילו מאָראַליש צווינגען אירע מיטגלידער צו שיקן זייערע קינדער אין דער ייִדישער שולע. אָט אַ שטייגער ווי עס ווערט פּראַקטיצירט ביים פאַראייניקן קאַמפּיין. דאָס נישט דערלאָזן צו קיין אמטן אין אונדזערע אינסטיטוציעס מענטשן, וואָס שיקן נישט זייערע קינדער אין אַ ייִדישער

שול, דאָס אָנגעבן די רשימה פון די עלטערן וואָס שיקן נישט זייערע קינדער אין אונדזערע שולן, דאָס פאָדערן אַ צייגעניש ביי די וואָס ווילן ווערן מיט־גלידער אין אונדזערע אינסטיטוציעס, פון דער גרעסטער ביז צו דער קלענסטער, אַז זיי שיקן קינדער אין אונדזערע שולעס אד״גל. ווען אונדזער אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכקייט וואָלט אונטערגענומען אַזאַ שול־קאַמפּיין, דעמאָלט וואָלטן אונדזערע שולעס געוואָרן צו קליין פאַר דער גרויסער צאָל שילער. ווייל, למען האמת, באַזוכט איצט אַ זייער־זייער קליי־נער פּראָצענט קינדער אין שול־עלטער אונדזערע שולן.

הערצל האָט געקעמפט פאַר אַ „טשאַרטער״, פאַר עפנטלעכער מלוכה־שער אָנערקענונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים. אויך מיר דאַרפן האָבן אין אונדזערע מקומות אַזאַ „טשאַרטער״, אַזאַ מאָביליזאַציע און דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג לטובת דער יידישער דערציונג פון אונדזער אונ־טערוואַקסנדיקן דור און פאַר דער צוקונפט פון אונדזערע ישובים.

אַפילו די שטאַטלעכע דערציונג, וואָס פירט צו תכלית, צו פּראָפעסיעס, איז אַן אַרויפגעצוווּנגענע. היינט אונדזער יידישער חינוך דאַרף אַוודאי און אַוודאי ווערן אַרויפגעצוווּנגען דורך אונדזער געזעלשאַפט, דורך אירע מאָ־ראַלישע מיטלען, (ווייל קיין שטאַטלעכע, יורידישע און פּאָליציישע מיטלען פאַרמאָגן מיר נישט...) און מיטווירקן און דערפירן צו דעם, אַז דער יידישער חינוך־הבנים זאָל ווערן אַ נאַטירלעכער יידישער חוב פון יעדן יידישן פאָטער.

פון יראת־שמים קומט מען צו אהבת־שמים. אויך אין דעם פאַל וואָלט מען פון געזעלשאַפטלעכער יראה דערגאַנגען צו אמתר אהבה, צום יידישן שול־וועזן און צום באַוווּסטזיין פון יידישן חינוך. די ראָל פון אונדזער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָלט אויף אַזאַ אופן געווען אומאָפּשאַצבאַר און וואָלט דערפירט צו אַ ווירקלעכן אויפשטיין פון יידישן שול־וועזן אין אַרגענטינע.

לאָמיר אויפהייבן אונדזער שול־ניוואָ!

דאָס גאַנצע לאַנד לעבט איצט איבער שווערע עקאָנאָמישע מאָמענטן. מען איז באַהערשט פון אַ פּיינלעכער מורא פאַרן אַלץ שטייגנדיקן יקרות וואָס באַשווערט דעם געמיט און דעם בודזשעט. גאַנץ נאַטירלעך אַז אָט די דאָזיקע שרעק האָט אויך אַרומגעכאַפּט אונדזער שול־וועזן, נעמענדיק אין אַכט אַז עס איז געבויט אויף פּילפאַכע אַנשטרענגונגען מצד אונדזערע חינוך־טוער.

באַזונדערס האָט מען מורא אַז די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע זאָל גורם זיין דאָס אָפּפאַלן פון דער צאָל שילער וואָס באַזוכן די יידישע שולן, אָדער אין בעסטן פאַל זאָל ניט דערלאָזן אַז די זעלבע זאָל שטייגן.

מוזן מיר אָט דאָס לעצטע אַנאַליזירן און זאָגן אַז די צאָל שילער שטייט ביי אונדז די לעצטע יאָרן אויף אַן אָרט. נאַטירלעך, אַז מיט די לעצטע יאָרן, מיינען מיר די צייט וואָס פאַר דעם איצטיקן קריטישן פינאַנציעלן מצב, וואָס דאָס באַווייזט אַז נישט מחמת עקאָנאָמישער דחקות האָבן מיר ניט פאַר־גרעסערט די צאָל תלמידים אין אונדזערע שולן, נאָר מיר מוזן זוכן די סיבה דערפון ערגעץ אַנדערש.

אדרבא: מיר קענען באַווייזן, אַז דווקא האָבן פּראָגרעסירט די גרויסע שולן, די אַזוי צו זאָגן „טייערע" שולן, וואָס פלעגן נעמען אַ גאָר הויכן אָפּצאָל ביי זייערע תלמידים, בעת די קלענערע שולן, די אַזוי צו זאָגן „בי־ליקע" שולן, וואָס פלעגן גאָרניט אַכטונג געבן אויפן שכר־לימוד, האָבן גאָר געצאַנקט.

צו די גרויסע אָרגאַניזירטע שולעס, מיט צוציִענדיקע בנינים, מיט הויכן פּעדאַגאָגישן נייוואָ, האָט מען זיך אַלע יאָרן געריסן, ניט געקוקט אויפן הויכן שכר־לימוד, ניט געקוקט וואָס מען האָט די קינדער געדאַרפט פירן

מיט די אויטאָבוסן, ווייט פון זייערע היימען, גאַנצע שעהען, בעת אויף די דערנעבנדיקע קליינע שולן, וואָס האָבן ממש געשטרעקט זייערע אָרעמס צו די שכנישע קינדער, זענען געווען קנאַפּע בעלנים. דאָס באַווייזט אונדז בולט אַז דער שול־ניוואָ איז דער וואָס באַשטימט די צאָל שילער און ניט דער שכר־לימוד. אויך איצטער איז די שרעק גרעסער פאַר די קלענערע, ניט אָרגאַניזירטע, פּילגראַדיקע שולן, ווי פאַר די גרויסע, די פון הויכן ניוואָ.

מיר דאַרפן דעריבער דווקא אין דער דאָזיקער יקרות־צייט אויך פאַר־טייערן דעם אינהאַלטן פון אונדזער שול, ד״ה, הייבן איר ניוואָ, און דאָס וועט זיין די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ הויכן פּראָצענט שילער אין אונדזע־רע שולן.

דערצו איז אויך נייטיק צו אָרגאַניזירן, פאַרן אָנהייב שול־יאָר, אַ גרויסע באַזוך־אַקציע אין אַלע יידישע היימען, צו פאַרשרייבן קינדער, מחמת אַז „דער באַרג גייט ניט צו מחמד, מוז מחמד גיין צום באַרג״.

יעדעס יידיש קינד וואָס מיר געווינען פאַר אונדזער שול, דאַרף זיין פאַר אונדז ווי אַ בריליאַנט, אַן אבן טוב וואָס מיר פאַסן אַריין אין דער המשך־קרוין פון אונדזער פאָלק. און אַזוי ווי יעדער נייער שילער וואָס מיר ראַטעווען פאַר אונדזער חינוך, איז פאַר אונדז אַן אוצר, אַזוי איז יעדעס קינד וואָס פאַנגט אָן צו גיין אין אַ יידישער שול און הערט אויף, פאַר אונדז דער גרעסטער פאַרלוסט. עס ווערט פאַרלוירן אַ פּאָטענציעלער זייל פון דעם קיום־בנין פון אונדזער אומה.

מיר דאַרפן דעריבער, דורך אַלע מעגלעכקייטן דעראָבערן יידישע קינ־דער פאַר אונדזער שול און בשום אופן, פאַר קיין פאַל ניט, לאָזן פאַרלוירן גיין אַיין קינד פאַר אונדזער שול.

מיט אונדזער ליבשאַפט צום קינד געווינען מיר דאָס נעמלעכסטע מצד די עלטערן, און מיר הייבן די פּאָזיציע, דעם כבוד און דעם פּרעסטיזש פון אונדזער שול צו די העכסטע הייכן.

און די וואָס שפּילן די גרעסטע ראָל אין דער דערהייבונג פון אונדזער שול־ניוואָ, זענען, נאַטירלעך, די לערער. אין זיי איז געווענדט דאָס פאַר־טיפן דעם שול־אינהאַלט און דאָס פאַרוואַרפן די בריק פון דער שול צו דער היים.

דערביי ווילן מיר זאָגן, אַז אונדזער יונגער דור לערער דאַרף זיך

פאַרנעמען ניט נאָר אויפן וועג פון פּראָפעסיאָנאַליזם נאָר אינטעלעקטואַליזם, ד״ה, ניט בלויז דערפילן זייערע ספּעציפישע לערערישע פליכטן און זיך באַגרענעצן צו די עטלעכע באַשטימטע לערן־שעהען, נאָר זיי דאַרפן ווערן די קולטור־טרעגער און די פאַרשפּרייטער פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן אין אונדזער ישוב, די קולטור־טוער און אָרגאַניזאַטאָרן.

אין אונדזער לאַנד פילט זיך שטאַרק די מחלה פון פּראָפעסיאָנאַליזם צווישן דער אינטעליגענץ. פאַראַן דאָקטוירים, אינזשעניערן, כעמיקער, אַד־וואָקאַטן, לערער, אאַז״וו, וואָס אויסער זייערע פּראָפעסיעס אינטערעסירט זיי ניט קיין שום אַנדער קולטור־געביט. זיי זענען עס אויסשליסלעך פּראָ־פעסיאָנאַלן אָבער פאַר קיין פאַל ניט קיין אינטעלעקטואַלן, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע אייראָפּעיִשע לענדער, ווו אַ פּראָפעסיאָנאַל איז געווען אַ קולטור־מענטש, אַ ליבהאָבער, אַ קאָנסומענט פון ליטעראַטור, אַ חסיד פון קונסט און אַ באַטייליקטער אין דער שעפערישער קולטור פון זיין סביבה.

היינט שטייען מיר, לײדער, פאַר אַן אַנדערער דערשיינונג: אונדזערע פּראָפעסיאָנאַלן באַגרענעצן זיך בלויז צו זייערע פּראָפעסיעס, פאַרנעמען זיך בלויז מיט זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן און פאַרזעען דעם אינטע־לעקטואַליזם, די אמתע קולטור־נויטן פון זייערע סביבות.

איבערהויפּט דאַרף דער יידישער לערער זיין דער יידישער אינטעלעק־טואַל, אין ברייטן זין פון וואָרט, ווי עס זענען עס געווען די ערשטע לערער דאָ־הי, וואָס זענען געווען די אָרגאַניזירער פון די קולטור־צענטערן און זייער רוח־החיים, זענען עס געוואָרן די שרייבער, זשורנאַליסטן און לעק־טאָרן, האָבן געשאַפן דראַמאַטישע קרייזן און האָבן פאַרנומען אַן אַנגעזעענעם אָרט אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אויספורעמונג פון אונדזער ישוב.

פאַראַיאָרן, בעת די צוויי אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון דער לערער־אָרגאַניזאַציע, בעתן לערער־שטרייק, האָבן מיר אין דעם פאַרזאַמלונגס־זאַל געהאַט פאַר זיך אַן אומגעוויינטלעך פּרעכטיק בילד. דער גאַנצער סאַלאָן איז געווען פאַרפולט מיט הונדערטער יונגע יידישע לערער, וואָס האָבן אויף יידיש און העברעיִש דיסקוטירט, זיך געאַמפּערט, אויפמערקזאַם נאָכגע־פאָלגט די דעבאַטעס, און מיר האָבן בשעת־מעשה געטראַכט, אַז ביידע פאַרזאַמלונגען האָבן זיך געלוינט בלויז צוליבן פאַקט אַליין פון צונויפזאַמ־לען אַזאַ שיינע יוגנט, וואָס האָט אימפּאָנירט און פאַרכאַפּט.

אָבער גלייכצייטיק האָבן מיר מיט ווייטיק אויך געטראַכט:

— פאַר וואָס פילט די דאָזיקע יוגנט ניט אָן דעם סאַלאָן ביי אַלע אונדזערע קולטור־אַקטן, נאָר בלויז ביי אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרזאַמלונג קענען מיר האָבן דעם גרויסן נחת־רוח צו זען אָט אַזאַ פּרעכטיק בילד פון עטלעכע הונדערט יונגע לערער — פאַרזאַמלטע, און פאַר וואָס פילן ניט אויס די זעלבע אַלע קולטור־ווינקעלעך פון אונדזער ישוב, זענען עס ניט די אָרגאַניזירער פון אונדזערע קולטור־קרייזן, דער רוח־החיים פון אונדזער קולטור־טעטיקייט, די פאַרשפּרייטער פון אונדזערע קולטור־ווערטן, די שעפּערישע יונגע כוחות אין אונדזער ליטעראַטור און די חסידים פון אונדזער קונסט?

מיר, ייִדן, זענען דאָך בעיקר אינטעלעקטואַליסטן. אונדזערע גרויסע פאָלקס־לערער, די תנאים, רש״י, דער רמב״ם, זענען ניט געווען קיין ייִדישע פּראָפעסיאָנאַליסטן, זיך ניט פאַרנומען אַפילו מיט רבנות, נאָר געלעבט פון אַנדערע הכנסות, אָבער זיי זענען עס געווען די פאָלקס־לערער, די פאַרשפּרייטער פון תורה צווישן פאָלק.

מען האָט ביי אונדז אַפילו אָנגעזאָגט ניט צו מאַכן פון דער תורה אַ „קרדום לחפּר בה". ערשט אין שפּעטערע צייטן, האָבן די אומשטענדן געבראַכט דערצו, אַז רבנות איז געוואָרן אַ פּראָפעסיע. אויך לערעריי איז היינט אַ פּראָפעסיע, אָבער אין גרונט איז דאָס אַן אינטעלעקטואַליסטישע אויפגאַבע.

און נאָר אינטעלעקטואַליסטיש וועט דער לערער קענען געווינען די ייִדישע היים און די ייִדישע גאַס פאַר דער ייִדישער שול.

די קוואַליטעט פון דעם לערער – הויפּט־פּראָבלעם פון אונדזער שול

די ערשטע יִידישע לערערס אין אַרגענטינע זענען באַשטאַנען פון צוויי סאָרטן. איין סאָרט זענען עס געווען די לערער פון באַרוף און דער צווייטער סאָרט — פון נויט.

דער ערשטער סאָרט איז געווען דער טיפּ לערער וואָס ווערט, אַזוי צו זאָגן, געבוירן מיט דער נייגונג צו לערערײַ, וואָס לערערײַ איז אַ טייל אָדער זיין גאַנץ לעבן. מיט לערערײַ איז ער צוזאַמענגעוואַקסן, דורכגעדרונגען. דאָס איז זיין לעבן און אויסלעבן, זיין אינהאַלט און אינטערעס, זיין אידעאַל, זיין פאַרגעניגן און זיין שכר...

דער צווייטער סאָרט לערער איז בבחינת „הזמן גרמא" — לערער, וואָס די נויט, די עקאָנאָמישע נויט, דאָס נישט האָבן קיין אַנדער פּרנסה־קוואַל, קיין פאַך אין האַנט, נישט האָבנדיק זיך מיט וואָס צו פאַרנעמען, איז בלית־ברירה געוואָרן אַ יִידישער לערער.

אָבער ביידע סאָרטן לערער האָט פאַראייניקט אַ געמיינזאַמער שטריך: די טריישאַפט צו דער יִידישער שול, די איבערגעגעבנקייט צו זייער לערער־מיסיע און לערער־פונקציע, די ליבשאַפט צום יִידישן קינד און די גרויסע אַחריות פאַר די גוטע רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט.

דעם ערשטן סאָרט לערער — צוליב זיין נאַטירלעכן באַרוף און נייגונג צו לערערײַ, און דעם צווייטן סאָרט — צוליב דעם וואָס דאָס איז געווען זיין פּרנסה־מקור, פון וואַנען ער האָט געצויגן חיונה און, מתוך שלא לשמה בא לשמה.

די דאָזיקע צוויי טיפּן לערער זענען אויך געבליבן אין אונדזערע שולן

ביז היינט צו טאָג אָבער מיט אַ צולאָג פון אַ דריטן סאָרט לערער, דער אַזוי גערופענער „ציטוויילער״ לערער, דער וואָס פילט נישט קיין שום נייגונג אָדער באַרוף צו לערעריי און טראַכט אויך נישט צו מאַכן דערפון קיין „קרדום לחפר בה״, נאָר וואָס דאָס איז פאַר אים אַ ציטווייליקע זאַך, אַ באַהילפיקע, פאַרבייגייענדיקע פּראָפעסיע, וואָס העלפט אים פאַרלייכטערן זיינע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס האַלט אים אויס אין זיינע סטודענטן־יאָרן, ביז ער באַקומט זיין אוניווערסיטעט־דיפּלאָם און פאַרנעמט זיך מיט זיין נייער פּראָפעסיע, וואָס דאָס איז דער עצם־באַרוף זיינער און וועגן דעם האָט ער געחלומט און דערצו האָט ער געשטרעבט.

דער דאָזיקער „דריטער״ סאָרט לערער הייבט אָן צו פאַרנעמען אין אונדזערע שולן אַ וואָס גרעסערן אָנזען.

וועגן דעם אַז די יידישע שול, די יידישע דערציִונג און דער יידישער אונטערוואַקסנדיקער דור איז אָפּהענגיק פון אַ גוטער, איבערגעגעבענער אַחריות־פולער לערערשאַפט, איז נישט נייטיק מאַריך צו זיין. אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך פאַר יעדן איינעם, איבערהויפּט פאַר די וואָס זענען באַקאַנט מיט אונדזערע שול־פּראָבלעמען.

דאָס מיינט, אַז פון גוטע, אַחריותפולע לערער, איז צו דערוואַרטן גוטע תלמידים, הויכן שול־ניוואָ, פאַרטיפונג פון די לימודים און די געשטאַלטונג פון אַ גייסטיק געזונטן יידישן דור.

דאַקעגן, פון באַציִונגסלאָזע לערערס, אומערנסטע, אומאיבערגעגעבענע, איז צו דערוואַרטן דעם היפּוך.

דערביי מוז מען שוין נאָך אַ מאָל זאָגן, אַז לערעריי שיידט זיך אונטער פון אַלע איבעריקע פּראָפעסיעס, דערמיט וואָס עס פאָדערט זיך פון דעם אויספירער פון דער דאָזיקער אַרבעט, אַחוץ פאַכמענישקייט, חוץ בילדונג און צוגרייטונג, איבערהויפּט: האַרץ. ווי פלעגן די חכמים זאָגן: „רחמנא ליבא בעי״, ג־ט דאַרף האָבן דאָס האַרץ. דעם זעלביקן זאָג קען מען אָנווענדן אויפן יידישן לערער.

און דאָס קען נאָר פאַרמאָגן דער טיפּ לערער מיטן איינגעבוירענעם באַרוף אָדער דער צווייטער טיפּ, וואָס אויב ער באַזיצט ניט דעם באַרוף, האָט ער אָבער געמאַכט פון לערעריי זיין „קרדום לחפר בה״, זיין פּרנסה, און בעל־כרחו מוז ער, צוליב זיין אייגענער טובה, זיך באַציִען צו זיין אַר־

בעט מיט איבערגעגעבנקייט און אַחריות און זיך זוכן אַלע מאָל צו פאַרפול־קאָמען און צו שטייגן.

אַנדערש איז דער דריטער סאָרט, דער „צייטווייליקער" אָדער „פאַר־בייגייענדיקער" טיפּ לערער. ערשטנס, איז נישט נאָר זיין האַרץ ביי לע־רעריי (דאָס וואָלט שוין געווען צו פיל ביי אים געפאָדערט), נאָר אויך זיין קאָפּ איז נישט דערביי, ווייל ווי עס פאַרשטייט זיך, ליגט ער אין זיינע אַנדערע באַשעפטיקונגען, אין זיין אוניווערסיטעט־שטודיום, וואָס איז די אייגנטלעכע שטרעבונג, דער אידעאַל און דער אינהאַלט פון זיין לעבן. דע־ריבער איז זיין לערעריי אַן אַריינגעכאַפּטע, אַן „אָפּקומעניש", כדי צו פאַר־דינען דאָס געהאַלט פאַר זיינע אַנדערע באַדערפענישן. דאָס איז ביי אים אַ לעצטראַנגיקע, בעל־כרחודיקע, געצוווּנגענע באַשעפטיקונג, וואָס ער באַ־טראַכט, ווי שוין געזאָגט, פאַר אַ פאַרבייגייענדיקן און פאַרשווינדנדיקן עטאַפּ אין זיין לעבן.

דאָ קען שוין דעריבער ניט זיין קיין רייד פון פאַרפולקאָמונג, פון ליבשאַפט, פון אַחריות, פון ערנסט און באַציִונג. דאָס קען מען בלויז דער־וואַרטן און פאָדערן פון די ערשטע צוויי סאָרטן לערער. און די ווירקונג פון דעם דאָזיקן טיפּ לערער אויף אונדזער שול־וועזן איז פאָלגלעך נישט קיין געוווּנטשענע און לאָגישערווייזע ניט קיין גראָטענע.

למען האמת, האַנדלט זיך דאָ דווקא פון אַ פיינעם, אינטעליגענטן מענטשן־עלעמענט, פון יוגנט מיט שטרעבונגען, מיט אינהאַלט, וואָס — נישט באַטראַכט פון דעם לערערישן קוק־ווינקל, קענען מיר מיט איר שטאָל־צירן, אָבער דאָס נעמען זיך צו לערעריי, איז פאַר זיי, לויטן לערערישן שטאַנדפּונקט, אַ פּגם, און דאָס איז נישט קיין טובה און נישט קיין ברכה פאַרן שול־וועזן, נאָר אָפּן גערעדט, דער היפּוך.

אין אונדזער שול, ווי אין יעטוועדער שול, מוז אָפּגעהיטן ווערן די איכות פונעם לערער־פּערסאָנאַל, מוז מען אַכטונג געבן אויף זיין באַרוף, זיין איבערגעגעבנקייט, זיין אידעאַליזם און זיין שטאַנדהאַפטיקייט.

נאָר אַזוי אַרום קענען מיר אויך האָפן אויף קוואַליטעט פון דער שול, אויף דער ברכהדיקער אינפלוענץ פון איר אַרבעט, ווי אויף דער גראָטנקייט פון דער פּרוכט פון איר דערציִונג: פון די תלמידים.

דעריבער מוז די יידישע שול, אויב זי וויל דאָס אויבנגעזאָגטע דער־

גרייכן, זיך שטיצן אויף די ערשטע צוויי סאָרטן לערער, און דאַן, פאַר איר אייגענער טובה, ווי פאַרן לערער גופא, טאָר נישט זיין קיין פּלאַץ פאַרן „דריטן” סאָרט צוגעקומענעם „צייטווייליקן” טיפּ לערער, וואָס האָט זיך לעצטנס אַריינגעכאַפּט אין אונדזער שול־וועזן.

מען מוז, בכן, מאַכן אַ סעלעקציע אין דעם צוזאַמענשטעל פון דעם לערער־פּערסאָנאַל פון שול, כדי די זעלבע זאָל שטיין אויף דער געהעריקער הייך פון אירע פונקציעס.

פאַרשטענדלעך, אַז בשעת־הדחק, ווען עס זענען נישטאָ קיין לערער, ווען דער מאַנגל אין זיי לאָזט זיך פילן, קען מען נישט איבערקלייבן. ווי זאָגט דאָס ביאַליק: „אין בודקין בשעת־הסכנה”, אָבער מיטן צופלוס פון בייע לערער פון די פאַרשיידענע סעמינאַרן, וואָס הייבן שוין אָן אַרויסצוגעבן אַזעלכע אין די צענדליקער אַ יאָר, און וואָס וועלן לייזן בּיסלעכווייז אָט דעם לערער־מאַנגל, וועט מען דאַרפן שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט אָט דער האַרבער פּראָבלעם פון אונדזערע שולן, נעמלעך די קוואַליטעט פון דעם ייִדישן לערער.

דעם דירעקטאָרס אויפגאַבע ביים אָנהייב שול־יאָר

די צוויי סאָרטן אויפגאַבן

דעם דירעקטאָרס פּאַרצווייגטע אויפגאַבע אין אונדזער שול קענען מיר איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) אויפגאַבן אין דער שול און 2) אויפגאַבן אַרום דער שול.

די אויפגאַבן אין דער שול, וואָס באַשטייען פון וואַכן, קאָנטראָלירן און אַכטונג געבן אויפן גוטן גאַנג פון די לימודים, די דיסציפּלין, די אַסיסטענץ, די פּראָגראַמאַטישע זייט, די אַקטן, ימים־טובים אאַז״וו, זענען ענלעך צו די אויפגאַבן פון אַ דירעקטאָר פון יעדוועדער אַנדערער, נישט־יידישער שול אויף דער וועלט, פּלוס די אייגנטלעכקייטן פון דעם יידישן שול־וועזן און פון דער ספּעציפישקייט פון דעם אַרגענטינער חינוך. די דאָזיקע אויפגאַבע קען מען אַרויסלייענען פון פּעדאַגאָגישע לערנביכער און זענען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פאַר אַלע זאַכקענער פון אַ שולע אין אַלגעמיין און פון אונדזער שולע בפרט. בעת די אויפגאַבע אַרום דער שול זענען שוין אַ פּראָדוקט פון אונדזער סביבה, אַ רעזולטאַט פון אונדזערע באַדינגונגען און געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג און אַ פּועל־יוצא פון דעם קולטור־מצב פון אונדזערע יידישע עלטערן, אונדזערע יידישע היימען און זייערע באַציונגען צו אונדזער שולע.

דעריבער וועלן מיר זיך צום אַלעם ערשטן אָפּשטעלן אין דער דאָזיקער אַרבעט דווקא אויף אייניקע וויכטיקע אַספּעקטן פון דעם דירעקטאָרס אויפגאַבן אַרום דער שול:

מ ר ד כ י   ה ע ר ב ס ט

א) פאַרוואַנדלען די שול אין אַ קולטור־צענטער

די הויפּט־פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף אונדזער שול זענען: דער עסקן און דער לערער. עס מוז דעריבער זיין צווישן ביידע אַ האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט און אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש.

דער עסקן דאַרף אָפּשאַצן דעם ווערטפולן צושטייער פון דעם לערער פאַר אונדזער חינוך, און דער לערער דאַרף אָפּשאַצן די גרויסע ראָל פון דעם עסקן אין דעם וווקס און אַנטוויקלונג פון אונדזער שול־וועזן.

ביידע, סיי דער דירעקטאָר און סיי די עסקנים, דאַרפן אין ענגער צוזאַמענאַרבעט, פאַרוואַנדלען די ייִדישע שול אין דעם קולטור־צענטער פון דער געגנט, אַזוי אַז די שול זאָל זיך נישט נאָר פאַרנעמען מיט דער קינדער־דערציִונג, נאָר אויך מיט די דערוואַקסענע. זי דאַרף פאַרשפּרייטן צווישן זיי אונדזערע קולטור־ווערטן און ייִדישקייט־אוצרות.

צו אָט דעם צוועק דאַרף דער דירעקטאָר, צוזאַמען מיט די עסקנים, אויסאַרבעטן ביים אָנהייב שול־יאָר, אַ פּלאַנמעסיקע קולטור־פּראָגראַם פון רעפעראַטן, לעקציעס, קורסן, שמועסן אאַז״וו. אויך איז ווינטשנסווערט אַז עס זאָל ביי דער שולע פונקציאָנירן די געגנט־ביבליאָטעק וווּ די דערוואַקסענע זאָלן געפינען פּאַסיקע ליטעראַטור אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, אויסלענדישע צייטונגען, זשורנאַלן, אאַז״וו.

עס ווערט דערמיט דערגרייכט צוויי זאַכן: 1) דאָס פאַרשפּרייטן ייִדישע קולטור אין דער געגנט און 2) שאַפן אַ וואַרעמע אַטמאָספער אַרום דער שול און זי פאַרוואַנדלען אין דעם קולטור־צענטער פון דעם באַטרעפנדיקן שטאָט־ווינקל.

ב) אָרגאַניזירן קרייזן פון עקס־שילער

ווי באַקאַנט, ווערן, ליידער, די מערסטע שילער וואָס גייען דורך אונדזער שול (מיר מיינען די וואָס זעצן נישט פאָר זייער לערנען אין די ייִדיש־העברעיִשע לערער־סעמינאַרן) אָפּגעריסן פון אונדזער שפּראַך, קולטור, ליטעראַטור, און עס גייט פאַרלוירן אַ טייערער עלעמענט פאַר אונדזער ישוב.

איז עס די אויפגאַבע פונעם דירעקטאָר צו אָרגאַניזירן אַ קרייז אָדער אַ

קלוב פון די אַרויסגייענדיקע שילער און דורך אים זיי האַלטן נאָענט צו אונדזער שול און זיי געווינען פאַר אונדזער צוקונפט.

דער פּערמאַנענטער קאָנטאַקט פון די דאָזיקע עקס־שילער מיט דער שול, מיט אירע דערציִער, דאָס געפינען זיך אין אַ ייִדישער סביבה, צווישן ייִדישע חברים, מיינט: נישט לאָזן פאַרלאָרן גיין דעם יונגן דור.

מיט דער הילף פון די לערער אָדער ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן וואָס דער „וועד־החינוך" וואָלט באַדאַרפט שיקן צו אָנפירן אַזעלכע קרייזן, דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן אַ ברייט־אַרומנעמענדיקע טעטיקייט־פּראָגראַם פון פאַרוויילונגען, קולטור, ספּאָרט, וואָס זענען אייגן דעם יוגנטלעכן און פאַראינטערעסירן אים און מאַכן אים אייגן דעם קלוב. די פּראָגראַם נעמט אַריין, צום ביישפּיל, שפּילעריי, ספּאָרט־פאַרמעסטן, ליטעראַרישע קאָנקורסן אויף ייִדישע טעמעס, כאָר פון ייִדישע לידער, טעאַטער־קרייז, מוזיק־פּלאַטן, ביבליאָטעק פון צוגעפּאַסטע ייִדישע ביכער, ייִדישע טענץ, קולטור־אַקטן, ימים־טובים, רעפעראַטן, שמועסן, וואַנט־צייטונגען, זשורנאַלן, לעקציעס, סעמינאַרן, אויספלוגן, זומער־מחנות, פאַרלעזונגען, פילמען, אָרקעסטער, אאַז"וו, וואָס וואָלטן אַריינגעצויגן אַלע מיטגלידער, סטימולירט זייערע פאַרשיידענע נייגונגען און וואָלט זיי באַשעפטיקט אויפן געביט וואָס איז זיי אַמנאָענטסטן צום האַרצן.

עס איז אויך כּדי צו באַטייליקן פון מאָל צו מאָל די דאָזיקע קרייזן אין די ימים־טובים פון דער שולע אָדער לטובֿת דער שולע, ווי מיט אַ סצענקע פון דעם יוגנט־קרייז, צי גאָר אַ דעקלאַמאַציע־אויפטריט, צי מוזיק־באַטייליקונג, צי גאָר אַ רעפעראַט פון אַ געוועזענעם שילער וכדומה.

דאָס וואָלט געמיינט אַז די געוועזענע שילער וואָלטן געצויגן דעם גאָלדענעם המשך פון אונדזער שול, וואָלטן ווייטער זיך אויסגעלעבט ייִדישלעך און וואָלטן געווען די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע פון דער ייִדישער שולע און די בעסטע פריינד פון דער זעלבער.

שפּעטער וואָלטן זיי אָנטיילגענומען אין דער שול־פירונג, און אַז די דאָזיקע שול־עסקנים זענען פון די געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע און עס איז זיי ליב, נאָענט און אייגן די שול, דאָס זאָגן עדות אַ סך אַזעלכע דערשיינונגען אין אונדזער שול־וועזן.

זיי זענען עס די ערשטע צו שיקן אין שול זייערע קינדער וואָס קומען

שוין דורכגעדרונגען מיט דער ליבשאַפט צו דער ייִדישער שול, וואָס זייערע עלטערן האָבן אין זיי איינגעפלאַנצט און דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַרן פּראָגרעס פון אונדזער חינוך־וועזן.

ג) געווינען די עלטערן פאַר דער שול

כדי צו דערגרייכן עס איז נייטיק אַ פּערמאַנענטער און נאָענטער קאָנ־טאַקט מיט די עלטערן.

דערצו איז נייטיק צו אָרגאַניזירן פּעריאָדישע עלטערן־צוזאַמענקונפטן, שמועסן מיט עלטערן אאַז״וו.

דער בריוולעכער קאָנטאַקט מיט די עלטערן וועגן גאַנג פון זייערע קינדער, שפּילט אַ גרויסע ראָל אין אונדזער שול — אויך דאָס אַרויסווייזן אינטערעס צו זייערע קינדער ווען זיי פעלן, אָנפרעגן די סיבות, באַזוכן די עלטערן ווען זיי קומען ניט אד״גל שאַפט פאַרבינדונגען מיט דער היים און דערנענטערט זי צו דער שול. די עלטערן זענען פּשוט גערירט. דאָס רירט אָן אַ פילבאַרע סטרונע ביי זיי און זיי קריגן ליב די ייִדישע שול. דאָס אַרויסווייזן ליבשאַפט צו זייער קינד, געווינט זיי פולשטענדיק אַלס איבער־געגעבענע פריינד פון אונדזער שול.

פון אונדזער פּראַקטיק קענען מיר ברענגען פאָלגנדיקן עפּיזאָד פון פאַרגאַנגענעם יאָר:

אַ מיידעלע פון ערשטן אָנפאַנג־גראַד, פרימאָרגן־טורנע, איז ניט געקו־מען אייניקע טעג אין שול. דער שאַפער מעלדעט אונדז אַז די מוטער האָט אים געהייסן איבערגעבן אַז זי וועט מער ניט קומען. מיר קלינגען תיכף אָן טעלעפאָניש צו דער יונגער ציטערדיקער מאַמען אָנפרעגנדיק די סיבה. זי זאָגט אונדז, אַז ביי איר בעסטן ווילן קען זי דאָס קינד מער ניט שיקן, ווייל זי דאַרף איר אַלע אין דער פרי, לויט דעם דאָקטערס פאַרשריפט, איינגעבן אין אַ באַשטימטער שעה, וואָס קומט אויס אין די קלאַס־שעהען, אַ רעצעפּט, אַ מין פּרעפּאַראַט פון אַ פלעשעלע. מיר ענטפערן איר אַז דאָס איז ניט קיין מאָטיוו ניט צו שיקן איר קינד. זאָל זי מיט איר מיטשיקן אַלע טאָג דעם רעצעפּט, וועלן מיר עס איר איינגעבן. זי בלייבט דערשטוינט און גלייכצייטיק גערירט פון אונדזער פאָרשלאָג. אויף דעם האָט זי זיך נישט

געריכט. — אָבער, פרוווט זי דערווידערן, — מען דאַרף דאָס צוגרייטן, אויסמישן, אָפּמעסטן און ווי וועלן מיר עס טאָן אַלע טאָג?

מיר האַלטן זיך פעסט ביי אונדזער מיינונג, אַז עס מאַכט ניט, זאָל זי נאָר אָנווייזן ווי אַזוי, און מיר וועלן אַלע טאָג פּינקטלעך עס טאָן. וכך הווה. אָפּגעראַטעוועט אַ שילערן און דערצו נאָך אַ גלענצנדיקע שילערן פאַר אונדזער שול, און געוווּנען די רירנדיקסטע פריינדשאַפט צו דער זעלבער מצד די עלטערן. אינטערעסאַנט צוצוגעבן אַז אין אַ מאָנאַט אַרום איז געשען דאָס זעלביקע. די זעלבע מוטער האָט דאָס קינד ניט געוואָלט שיקן מער, ווייל עס האָט געדאַרפט נעמען דעם רעצעפּט, פּונקט אין דער שעה וואָס דער שאָפער פירט זי מיטן אויטאָבוס אַהיים.

מיר האָבן ווידער אינטערוועניִרט און געבעטן דעם שאָפער ער זאָל דאָס איר איינגעבן. און די פריינדשאַפט פון די עלטערן האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט און די ליבשאַפט-פעדעמער צו אונדזער שול האָבן זיך נאָך ענגער פאַרקנופּט.

דאָס איז בלויז אַ קליינער עפּיזאָד וואָס דינט ווי אַ מוסטער, ווי מיט אונדזער ליבשאַפט און אויפמערקזאַמקייט צום קינד געווינען מיר דאָס נעמלעכסטע מצד די עלטערן. און האָבן מיר דאָס דערגרייכט, דאַן האָבן מיר געהויבן די פּאָזיציע, דעם כבוד און דעם פּרעסטיזש פון אונדזער שול אויף די העכסטע הייכן.

פאַרן אָנהייב שול-יאָר דאַרף דער דירעקטאָר צוזאַמען מיט די עסקנים און לערער, דורכפירן אַ באַזוך-אַקציע אין די ייִדישע היימען פון זיין געגנט, צו פאַרצייכענען קינדער אַלס תלמידים פון דער ייִדישער שול.

דאָס האָט אַ דאָפּלטע באַדייטונג: ערשטנס, ראַטעוועט מען אָפּ אַ סך ייִדישע קינדער פאַר אונדזער שול, וואָס וואָלטן, ווען ניט דער באַזוך ביי זייערע עלטערן, דאָס איינרעדן, דאָס איבערצייגן צו שיקן זיי אין אַ ייִדישער שול, דאָס צונישט-מאַכן אויף אַ פריינדלעכן, איידעלן און דעליקאַטן אופן אַלע זייערע פּרעטעקסטן פון ניט-שיקן זיי, ווען ניט דאָס, וואָלטן זיי קיין מאָל ניט אָנגעקומען צו אונדז און קיין מאָל ניט געגאַסן פון ייִדישן חינוך.

צווייטנס, שטעלט דאָס איין אַן אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג און פריינדשאַפט-קאָנטאַקט מיט די עלטערן. זיי שאַצן אָפּ אונדזער אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט צו זייערע קינדער.

מרדכי הערבסט

דאָס זעלבע דאַרף דער דירעקטאָר איינשטעלן ביים אָנהייב שול־יאָר, ווען אַ קינד פעלט. ער דאַרף גלייך צושיקן אַ בריוו צו די עלטערן, אָנ־פרעגנדיק די סיבה. ווען ער באַקומט נישט קיין ענטפער, דאַרף ער אָנקלינ־גען טעלעפאָניש און ווען דאָס גיט נישט קיין רעזולטאַטן, דאַרף ער באַזוכן, צוזאַמען מיט די שול־עסקנים, די עלטערן און זען ווירקן אויף זיי אַז דאָס קינד זאָל נאָך אַ מאָל קומען אין שול.

יעדעס ייִדיש קינד דאַרף אונדז זיין זייער טייער, ממש אַ בריליאַנט. און מען דאַרף דאָס זען צו געווינען מיט אַלע מעגלעכקייטן און ניט דער־לאָזן פאַר קיין פאַל ניט עס זאָל אויפהערן צו קומען, ד״ה צו פאַרלירן עס פאַר אונדזער שול.

אויב מיר וועלן זיך באַציִען מיט אַזאַ ליבשאַפט צום ייִדישן קינד און מיר וועלן געווינען זיינע עלטערן אַלס אונדזערע פריינד, וועלן מיר קענען זיין זיכער אַז מיר האָבן אַ סך מיטגעשטייערט מיט אונדזער באַשיידענעם בייטראָג פאַרן אַזוי פיל באַטאָנטן קיום און המשך פון אונדזער פאָלק.

**
*

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן נישט אויסגעשעפּט די אויפגאַבן פון דעם דירעקטאָר אַרום דער שול ביים אָנפאַנג שול־יאָר ווי אויך פון אַ גאַנץ יאָר. מיר האָבן בלויז אָנגעצייכנט אייניקע וויכטיקע אַספּעקטן פון די זעלבע, וואָס קענען דינען אַלס ריכטליניע אין זיין פאַרצווייגטער אַרבעט לטובת דעם ייִדישן חינוך.

דעם דירעקטאָרס אויפגאַבע אין דער שול

א) פינקטלעכקייט און דיסציפלין אין שולע

אויב אין דער שטאַטלעכער שול ווערט געלייגט גרויס אַכט אויף דער פינקטלעכקייט און אויף דער דיסציפלין, דאַרף מען אין אונדזער שול אַוודאי און אַוודאי שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אַט די דאָזיקע אַספּעקטן. ווייל, בעת אין דער לאַנד־שול איז דאָס נאַטירלעך, היות דאָס לערנען פאַר די תלמידים און דאָס שיקן זיי מצד די עלטערן איז אָבליגאַטאָריש, און היות ווי דאָס זעלבע פּירט צו תכלית און קאַריערעס, איז אונדזער שול נאָך אַלץ אָנגעוויזן אויפן גוטן ווילן פון די עלטערן און די תלמידים און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זייער באַציִונג, אין זייער פּינקטלעכקייט און דיס־ציפּלין אין שול, אין זייער אַסיסטענץ און אין דער דערפילונג פון זייערע אויפגאַבעס.

ליגט דעריבער דער חוב אויפן דירעקטאָר איינצושטעלן אין אונדזער שולע דעם געהעריקן סדר, די געוווּנטשענע דיסציפּלין און פּינקטלעכקייט אין דער שול־אַרבעט, סיי מצד די לערער און סיי מצד די תלמידים.

ער דאַרף פון דעם ערשטן טאָג אָן וואַכן אויף דער פּינקטלעכקייט פון אַריינגאַנג פון די לערער און תלמידים, איינפירנדיק אַן אַלגעמיינעם צענט־ראַלן אַסיסטענץ־רעגיסטער פון די תלמידים פון דער גאַנצער שול און דעם אַסיסטענץ־רעגיסטער פון די לערער. ער דאַרף שענקען די גרעסטע אַכטונג אויף דער גוטער אַסיסטענץ פון די תלמידים, אויב מיר ווילן דער־גרייכן גוטע רעזולטאַטן אין די לימודים. אויב אַ תלמיד פעלט דריי טעג

נאָכאַנאַנד אין שולע, דאַרף ער גלייך אָנפרעגן די סיבה, בריוולעך אָדער טעלעפאָניש ביי די עלטערן.

אויך דאַרף דער לערער אָנהאַלטן אַ גוטע אַסיסטענץ. אין פאַל ער מוז, צוליב דרינגנדיקע סיבות, פעלן אין שול, דאַרף ער צושטעלן אַ שטעל־פאַרטרעטער, וואָס זאָל אים ממלא־מקום־זיין און געבן די דורך אים אָנגע־צייכנטע לעקציעס.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דער דירעקטאָר אַליין, מוז זיין אַ מוסטער פון סוד, פינקטלעכקייט און דיסציפּלין, בכדי ער זאָל אין דעם זין באַווירקן די לערערס און די תלמידים.

ב) אויסבילדונג פון די לערער

דער חינוך פונעם קינד ליגט אין די הענט פון דעם לערער, און די גוטע רעזולטאַטן פון אונדזער שול־וועזן זענען אָנגעוויזן אויף דער איבער־געגעבנקייט און קאָמפּעטענץ פון דעם לעצטן.

אַזוי ווי אונדזער לערערשאַפט באַשטייט ס׳רוב פון יינגערן דור, דאַרף דער דירעקטאָר זיי אויסבילדן, ריכטן, אָריענטירן און אַרויספירן אויפן וועג פון לערערישער שלימות.

דערצו איז נייטיק אָפּצוהאַלטן מיט זיי פּעדאַגאָגישע זיצונגען, אויף וועלכע דער דירעקטאָר זאָל זיי געבן די געהעריקע אָנווייזונגען וועגן לימוד, מעטאָדאָלאָגיע, ווי אויך מוסטער־לעקציעס פון די פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן.

וואָס עס איז ביז גאָר וויכטיק איז אויך דאָס אָנווייזן זיי די פּאַסיקע ליטע־ראַטור וואָס צו לייענען און בכלל זיי אָנרעגן צו לייענען, למען האמת, לייענען נישט אונדזערע יונגע לערער קיין יידישע ביכער און צומאָל אַפילו קיין צייטונגען, און אַז דאָס ווירקט נעגאַטיוו אויף זייער לערערישקייט און אויף זייערע שילער, איז נישט נייטיק מאַריך צו זיין.

דער דירעקטאָר דאַרף אויך אַכטונג געבן, ווי ווייט מעגלעך, אויף די לעקציעס וואָס די לערער גיבן די תלמידים, די פאַרצייכענונגען, די גראַמאַ־טיקאַלע און אָרטאָגראַפישע אַספּעקטן פון די זעלבע, כדי צו פאַרמיידן אַ סך אומאָנגענעמע גרייזן...

ער דאַרף אויך אַרויסרופן ביי די לערער זייער וואָלונטאַריזם אין זייער אַרבעט.

לערעריי פאָדערט, מער ווי יעטוועטעד אַנדער פאַך, איבערגעגעבנקייט און גוטן ווילן. עס איז נישט גענוג אין דער לערערישער אַרבעט, זיך צו באַשרענקען אין די פאַר קלאַס־שעהען און אַרבעטן לויט די שול־רעגלאַ־מענטן, נאָר מען דאַרף אויסער דער שול זיך צוגרייטן, אויסאַרבעטן די נייטיקע מאַטעריאַלן, לעקציעס, אילוסטראַציעס, אאַז״וו. אויך דאַרף דער לערער אָנטיילנעמען אין דער קולטור־אַרבעט פאַר די עלטערן, אין דער אָרגאַניזירונג און אָנפירונג פון די קינדער־קלובן, און ער דאַרף זיין דער הויפּט־זייל פון דעם גרויסן און הייליקן בנין, וואָס הייסט יידישער חינוך.

אין אָט דעם זין, פון אַרויסרופן דעם וואָלונטאַריזם פון דעם יידישן לערער, פון סטימולירן זיין אָנטייל אין דער קולטור־אַרבעט, און אין דעם אויסבילדן אים אין זיין לערערישער מיסיע, דאַרף קאָנצענטרירט ווערן אַ גרויסע טייל פון דעם דירעקטאָרס אויפגאַבע אין אונדזער שול.

ג) זאָרגן פאַר דעם שול־אינהאַלט

נאַטירלעך, אַז דער דירעקטאָר דאַרף זאָרגן פאַרן פאַרשענערן דעם שול־אינהאַלט. דערצו איז נייטיק באַליבט צו מאַכן די שול און אירע לימודים ביי די תלמידים. די יידישע שול מוז ממש דעראָבערן אונדזער קינד מיט איר ליבשאַפט.

סיי דאָס לערנען, סיי די ימים־טובים, סיי דאָס שפּילן זיך, די עקס־קורסיעס, די אויסשטעלונגען, פאָרשטעלונגען, אַלץ וואָס איז ביכולת אַרויס־צורופן ביי דעם קינד זיינע יידישע עמאָציעס און אַריינגעבן אים אַ וואָס גרעסערע דאָזע פון ידיעות, פון דעם קינדער־גאָרטן ביזן העכסטן גראַד.

דער יידישער אינהאַלט, אונדזערע לשונות, דאַרפן אָפּשטעמפּלען טריט ביי טריט, זייער חותם אויף אונדזערע תלמידים און זיי צובינדן צו אונדזער פאָלק, זיין שפּראַך, זיין קולטור און טראַדיציע.

ס׳איז דערצו נייטיק, אַז נישט נאָר אין קלאַס, נאָר אַפילו אויף די פּויזעס, זאָל דאָס קינד פאַרברענגען יידישלעך, אין יידישע שפּילערייען, קרייז־שפּילן, טענץ, לידער אאַז״וו.

פון מאָל צו מאָל דאַרף מען די קינדער אויך וויזן יידישע דערציִערישע פילמען. מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ ביבליאָטעק פון יידישע קינדער־ביכער און זשורנאַלן, אָנגעפירט דורך קינדער־ביבליאָטעקאַרן און סטימולירן זיי צו נעמען אַהיים ביכלעך און זשורנאַלן צו לייענען.

אויך דאַרף מען איינפירן אין די העכערע גראַדן דאָס לייענען אַ יידישע צייטונג און זען אַז דאָס זאָל ווערן ביים קינד אַ געוווינהייט, ווייל דאָס שפּילט איינע פון די גרעסטע ראָלן פאַרן פאַרזעצן די יידישע לעקטור ביי אונדזערע תלמידים און פאַר זייער צוגעבנדנקייט צו אונדזערע פאָלקס־אינטערעסן און פּראָבלעמען.

אויך איז וויכטיק איינצופירן אין די גראַדן אַ חודשלעכע וואַנט־צייטונג, ווי אויך אַ צענטראַלע וואַנט־צייטונג פון דער גאַנצער שולע. דאָס גלייכן — דאָס אַרויסגעבן ביולעטינען מיט די אַרבעטן פון די שילער אאַז״וו.

אויך דאַרף מען זאָרגן אַז פאַר די גראַדויִרטע שילער זאָלן געשאַפן ווערן העכערע קורסן, ווי אויך קורסן פון יידיש און עברית פאַר די עלטערן, ספּעציעל פאַר די מוטערס וואָס קענען נישט קיין יידיש און העברעיִש.

דאָס וועט האָבן אַ גינסטיקע השפעה אויף אונדזערע תלמידים און גאַראַנטירן דעם אינטערעס פון די עלטערן אין זייערע יידישע לימודים.

דער דירעקטאָר דאַרף אויך שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אויסערלעכן אַספּעקט פון דער שולע, אירע עלעמענטן, אילוסטראַציעס, דעקאָראַציעס אאַז״וו, וואָס מאַכן אָנגענעם דעם שול־אינהאַלט און באַווירקן פּאָזיטיוו די תלמידים.

ד) דעם דירעקטאָרס ראָל און פּאָזיציע אין דער שול

דער דירעקטאָר דאַרף זיין דער צענטראַליזירער, קאָאָרדינירער און קאָנטראָלירער פון דער שול־אַרבעט.

ער דאַרף זיין דער באַווירקער פון די לערער און די תלמידים, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דעם שול־אינהאַלט און דיסציפּלין, און דער וואָס שאַפט די ליבשאַפט־אַטמאָספערע אין אונדזער שול.

דערצו דאַרף ער זען אָנהאַלטן די בעסטע באַציִונגען מיט דער שול־פאַרוואַלטונג, מיט דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע, מוטער־קאָמיסיע, קינדער־

קלוב, לערער און קינדער פאַרקניפּנדיק די פעדעמער צווישן אָט די דאָזיקע באַשטאַנדטיילן פון אונדזער שול.
ער דאַרף אויך שטיין אין פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די עלטערן, אָרגאַ־ניזירן עלטערן־פאַרזאַמלונגען, אויפקלערונגס־אַקטן וכדומה.

מיט איין וואָרט קענען מיר זאָגן, אַז דעם דירעקטאָרס אויפגאַבע איז אַ ברייטע און אַן אומבאַגרענעצטע און נעמט אַרום אַלע אַרבעטס־אַספּעקטן אין און אַרום אונדזער שול, פאַר וועמענס פאַרשענערונג, פאַרבעסערונג, פאַרטיפונג און אויפשטייג, דאַרף ער פּערמאַנענט שטיין אויף דער וואַך.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי מיר האָבן דאָס שוין באַמערקט אין דער פאַריקער אַרבעט, האָבן מיר נישט אויסגעשעפּט די אויפגאַבע פון דעם דירעקטאָר, וואָס זענען בכלל אוממאויסשעפּלעך, נאָר מיר האָבן אָנגעצייכנט אין גרויסע שטריכן די הויפּט־אַספּעקטן פון זיין אַרבעטס־פּראָגראַם, וואָס קענען דינען אַלס ריכטליניע אין זיין ברייטער טעטיקייט לטובת דער ייִדי־שער דערציִונג פון אונדזער אונטערוואַקסנדיקן דור.

וואָס דערוואַרטן מיר פון דעם קינדער־גאָרטן?

דער קינדער־גאָרטן שפּילט אין אונדזער שול־וועזן זייער אַ גרויסע ראָל, און דעריבער דאַרפן מיר אים שענקען אונדזער גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

ערשטנס, פאַרזיכערט אונדזער קינדער־גאָרטן אַ שטאַנדהאַפטיקערן תלמידים־עלעמענט אין אונדזער שול, ווי דער תלימידים־שיכט וואָס באַזוכט נישט קיין קינדערגאָרטן. דאָס באַווייזט טאַקע די סטאַטיסטיק פון „וועד־החינוך״, וואָס שטעלט־פעסט, אַז דאָס רוב תלמידים וואָס דערגייען ביז אין די העכערע גראַדן פון אונדזער אָנפאַנג־שול זענען אַזעלכע וואָס זענען דורכגעגאַנגען אונדזער קינדערגאָרטן, וואָס דאָס מיינט, אַז דאָרטן ווערן זיי פאַרפאַנצערט מיט ליבשאַפט צו דער יידישער שול און אויסדויער אין דער זעלבער.

צווייטנס, ווירקט דער קינדערגאָרטן אַז אונדזערע קינדער זאָלן אָנפאַנגען צו לערנען אין אונדזער שולע אין דער נאָרמאַלער שול־עלטער, בעמלעך צו זעקס יאָר אין ערשטן גראַד, און נישט ווי אַ סך שילער, וואָס קומען נישט פון קינדערגאָרטן און טרעטן אַריין אין אונדזער שול אין שפּעטערע עלטערס, ווען די עלטערן דערמאָנען זיך זיי צו שיקן; און זיי בילדן עס פאָלגלעך דעם ספּאָראַדישן שילער־עלעמענט וואָס לערנט־אָפּ אַ פּאָר יאָר אין אונדזער שול און פאַרלאָזן זי טאַקע צוליב זייער עלטער. זייערע ידיעות זענען פאָלגלעך אויך אַריינגעכאַפּטע, נישט קיין סיסטעמאַטישע. די דאָזיקע תלמידים ווירקן נעגאַטיוו אויף דער אָרגאַניזאַציע פון דער שול, אויף

דער גראַדויִרטקייט, און זענען בכלל אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג אין דער זעלבער.

דאַקעגן, ווי שוין געזאָגט, איז אַנדערש דער עלעמענט קינדער וואָס קומט אין שול פון קינדערגאָרטן.

ערשטנס, זענען זיי פאַמיליאַריזירט אין און מיט אונדזער שול, וואָס איז זיי גאָר נאָענט און באַליבט. צווייטנס, קומען זיי אַריין אין ערשטן גראַד מיט אַ סכום יידישע עמאָציעס, באַגריפן און טערמינען, וואָס דאָס פאַרלייכטערט די אַרבעט פון דעם לערער פון ערשטן גראַד, און איז אַ נאַטירלעכער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס ביי דעם קינד גופא, וואָס קומט נישט אַריין אין עפּעס, אַ פּאַר אים פרעמדער וועלט, (ווי עס געשעט מיט אַ סך תלמידים וואָס באַזוכן נישט קיין קינדערגאָרטן), און דאָס רופט זיך אָפּ פּאָזיטיוו אויף זיינע לימודים און אויף דער גאַנצער שול־אַרבעט און אָרגאַניזאַציע.

דער קינדערגאָרטן איז עס אַזוי אַרום דער פּרוזדור, דאָס פאָדערהויז פון דעם טרקלין, צו דעם היכל פון דער יידישער שול און פון דער יידישער דערציִונג. אין אַנדערע ווערטער קענען מיר זאָגן, אַז דער קינדערגאָרטן איז די מכינה, די צוגרייטונג צו דער שול, וואָס איז אַ נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון דעם ערשטן.

אין אָט דעם זין דאַרף דעריבער געריכטעט ווערן די אַרבעט פון קינדערגאָרטן און קאָאָרדינירט ווערן מיט דער פּראָגראַם פון דער שול, נעמלעך פון דעם ערשטן גראַד, אין וועלכן דאָס קינד גייט אַריבער פון דעם קינדערגאָרטן, בכדי סיי דער קינדערגאָרטן און סיי די שול זאָלן בילדן איין גאַנצקייט.

מען דאַרף דעריבער זען, אַז דאָס קינד וואָס גייט אַריבער פון קינדערגאָרטן אין דעם ערשטן גראַד, זאָל שוין אַריינקומען מיט אַ באַגאַזש פון די נייטיקע ווערטער, און באַגריפן, וואָס דאָס וועט זייער אָבער זייער אַ סך פאַרלייכטערן די אַרבעט פון דעם לערער, וואָס וועט קענען באַקומען די בעסטע רעזולטאַטן אין דעם ערשטן לערן־יאָר, און נישט דאַרפן ערשט קנעלן מיט די נייע תלמידים די עלעמענטאַרסטע יידישע ווערטער.

ווי באַוווּסט, ווערט אַ סך מאָל פאַרלוירן געגאַנגען די גאַנצע צייט פון דעם לערנען אין דעם ערשטן גראַד צו געבן צו פאַרשטיין און מקנה־זיין די קינדער די דאָזיקע עלעמענטאַרע טערמינען, און עס איז שוין קיין רייד

ניט פון פאַרטיפן די געלערנטע טעמעס, אַ זאַך וואָס געשעט נישט אין קיין שום אַנדערע שולן פון דער וועלט, ווו די קינדער קומען שוין אַריין אין שול מיט שפּראַך און באַגריפן און ווו די לערער באַרייכערן זייער שפּראַך, שלייפן זי און גיסן אין איר אַריין אַלע קעגנשטאַנדן און נייטיקע ידיעות.

אַנדערש איז עס ביי אונדז, וואָס אין אַ סך פאַלן דאַרף מען ערשט לער־נען מיט די קינדער פון ערשטן גראַד דעם באַדייט פון יעדן עלעמענטאַרן וואָרט באַזונדער, ווי מען לערנט אַן אייניאַריק קינד וואָס הייבט ערשט אָן רעדן.

דער קינדערגאָרטן קען אין דעם זין פאַרשפּאָרן די גאַנצע טרחה און נאָרמאַליזירן די דאָזיקע, שטוינענדיקע און באַדויערונגסווערטע לאַגע וואָס איז, נאַטירלעך, אַ פּראָדוקט פון דער נייער יידישער היים וואָס איז אין זייער אַ סך פאַלן אויסגעליידיקט פון יידישן לשון און אינהאַלט, און דאָס קינד קומט אַריין צו אונדז, ווי געזאָגט, ווי אַן ערשט־אַנטווייינטער, וואָס מען דאַרף אים לערנען רעדן.

דאַרף דעריבער דער קינדערגאָרטן זיך שטעלן אַלס ערשטן ציל און אימפּעראַטיוו דאָס אויסלערנען דעם קינד דעם נייטיקן סכום ווערטער, וואָס עס באַדאַרף האָבן אויף אָנצוקומען נאָרמאַל אין ערשטן גראַד.

דאָס מיינט, אַז מען דאַרף שוין אין קינדערגאָרטן, לערנען שפּראַך מיט אַ געוויסער סיסטעם, מען דאַרף, לאָמיר זאָגן, אויסאַרבעטן אַ גענויע טאַבעלע פון דעם נייטיקן און באַשטימטן סכום טערמינען און באַגריפן וואָס מען דאַרף לערנען דאָס קינד אין קינדערגאָרטן.

דאָס מיינט אויך אַז דער שפּראַך־לימוד דאַרף נישט זיין קיין אימפּראָ־וויזירטער און באַשטייַן פון סתם ווערטער, נאָר מען דאַרף אויסאַרבעטן די פּראָגראַם פון וויפל ווערטער און וואָס פאַרא ווערטער מען דאַרף דאָס קינד אויסלערנען אין ערשטן יאָר קינדערגאָרטן, אין הסכם מיט דער פּראָגראַם פון ערשטן גראַד. לאָמיר זאָגן, צום ביישפּיל, וועלכע 50 אָדער 100 ווער־טער אין ערשטן יאָר און וועלכע 100 אָדער 150 אין צווייטן יאָרן.

נאָך מער: אין לעצטן יאָר קינדערגאָרטן, לאָמיר זאָגן אין דער צווייטער העלפט לערן־יאָר, דאַרף מען אָנהייבן צוצוגרייטן דאָס קינד צו לייענען און שרייבן, צוגעוווינען ווי צו האַלטן אַ בלייער און אַ העפט און טאָקע אים אַריינפירן, אויב מעגלעך, אין לעקטור און שרייבן, ווידער אַ זאַך וואָס וואָלט

פאַרלייכטערט דעם לערער אין ערשטן גראַד און וואָלט פאַרפּילפאַכט די דערגרייכונגען פון דעם תלמיד, וואָס מוז אַ סך צייט אָפּגעבן איינצואיבן די האַנט, אויסלערנען זיך ווי געהעריק צו האַלטן אַ בלייער, שרייבן קאַלי־גראַפיע און לערנען פאַמעלעך אות נאָך אות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר פּרעטענדירן נישט, אַז דער קינדער־גאָרטן זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שול. — ניין! אַנדערש וואָלט מען דאָס געלערנט אין קינדערגאָרטן, דורך דער געהעריקער שפּיל־מעטאָדיק.

צווייטנס, דאָס לייענען און שרייבן וואָלט געוואָלדיק פאַראינטערעסירט דאָס יונגע קינד, ווייל ווי באַקאַנט, זענען אין דעם לעצטן יאָר קינדערגאָרטן אַ סך קינדער שוין מיד פון זינגען, טאַנצן און שפּילן זיך. לעקטור און שרייבן וואָלט דערייבער געווען פאַר זיי אַן אומגעהייערע גרויסע צוציִונגס־קראַפט און ממש אַ נייע וועלט, וואָס וואָלט זיי איבערגעפּולט מיט שטאָלץ און גליק.

דריטנס, וואָלט דאָס געפירט צום עצם־ציל און תכלית פון דעם קינדער־גאָרטן. דאָס אַלץ, שטרייכן מיר נאָך אַ מאָל אונטער, לויט די שפּיל־מעטאָדן פון קינדערגאָרטן.

ווייל דאָס שפּילן זיך אין אונדזער קינדערגאָרטן, איז דאָך אַ מיטל, אַ שיין און דערהויבן מיטל, אָבער פאַר קיין פאַל נישט קיין תכלית פאַר זיך, נאָר וואָס פירט צו דער שול.

דערביי דאַרף מען שוין באַמערקן, אַז אין אונדזערע מקומות און ביי די היגע באַדינגונגען און שטאַנד פון דעם רוב קינדער פון קינדערגאָרטן, ווערט דאָס קינד נישט נתפּעל פון די שפּילערייען און שפּילעכלעך וואָס ער האָט זיי צו דער זעט אין זיין פאַרמעגלעכער היים, און ווי רייך אונדזער קינדערגאָרטן זאָל ניט זיין אין שפּילערייען קען ער — זייער אָפט — מיט די היימען נישט קאָנקורירן.

אַזוי אַרום, אַז אַ שפּילעכל איז פאַר אונדזער קינד קיין שום נייעס נישט. וואָס עס איז ווירקלעך ביי אים אַ נייעס איז די שפּראַך, די יידישע אותיות וכדומה.

דאָס גלייכן קען מען זאָגן אויף דער אויסשטאַטונג פון אונדזער קינדער־גאָרטן, אויף זיין פאַרב און דעקאָראַציעס, וואָס קענען אין אונדזערע מקומות נישט קאָנקורירן מיט אָפט מאָל זייערע רייכערע אויסגעשטאַטע היימען פון

כל־המינים פאַרבן־שפּיל און דעקאָראַציעס. (אַנדערש וואָלט געווען אין די אַלטע אייראָפּעישע ישובים, ווו מען האָט געלעבט אין אָרעמקייט און דחקות).

און אפשר דערפאַר, ווייל דאָס קינד האָט אַזאַ באַקוועמע היים, דאַרף מען זען אַז זיין קינדערגאָרטן זאָל נישט אָפּשטיין פון איר. אָבער, מען דאַרף שטענדיק, אַ חוץ זיין אויסערלעכן שיינעם אַספּעקט, וואָס ווירקט בלי שום ספק אויף זיינע חושים, אויף זיינע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, און אויף זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, כלל נישט פאַרזען זיין עצם צוועק, פון דער שפּראַכלעכער און אינהאַלטלעכער זייט, וואָס פירט צו דער שול, דערגאַנצט איר אַרבעט און בינדט צו איר צו מיט ליבשאַפט אונדזער קינד. ווייל ווען דאָס קינד קומט אַריין אין ערשטן גראַד און פאַרשטייט די ווערטער וואָס דער לערער רעדט צו אים, ווערט אים דער לימוד און די שול טייער, ווייל „דער מענטש האָט ליב — האָט אַ מאָל געשריבן ש. ניגער — די שפּראַך וואָס ער קען". אַוודאי און אַוודאי באַציט זיך דאָס אויף אונדזער יונג קינד.

דאַקעגן קען עס נישט ליב האָבן אַ שפּראַך וואָס עס קען נישט, און עס פילט זיך דאַן אין שול ווי אַן אויטאָמאַט און דאָס קען אים אַפילו דערווייטערן פון אונדזער שול און פירן צו דעם, אַז ער זאָל זי גאָר פיינט האָבן.

און ווי האָט אַ מאָל געזאָגט אַ רבי, וואָס איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש און באַמערקט ווי די בחורים לערנען נישט תורה לשמה:

— „אוי, וויי, דער בית־המדרש איז פול מיט תורה"... דערקלערנדיק דעם מיין פון זיין זאָג, אַז ווען מען לערנט לשמה, גייט די תורה אַרויף אין הימל, דאַקעגן, — בלייבט זי אין בית־המדרש...

לאָמיר אויך זען, אַז די תורה פון קינדערגאָרטן זאָל נישט בלייבן בלויז אין אים נאָר זאָל דערגרייכן דעם הימל פון אונדזער שול און פאַרפאַנצערן אונדזער קינד מיט ליבשאַפט צו אונדזער שפּראַך און קולטור אויף זיין גאַנצן לעבנס־וועג.

ווען אונדזער קינדער־גאָרטן

ווען קינדערגאָרטן ווערט ביי אונדז זייער ווייניק געשריבן, הגם ער שפּילט אין אונדזער שול־וועזן אַן אומגעהייער־גרויסע ראָל, אַן ערשטראַנ־גיקע ממש, און ער פאַרדינט דעריבער אונדזער גרעסטע אָנשטרענגונג און מאַקסימאַלסטע אויפמערקזאַמקייט.

לויט דער סטאַטיסטיק פון „וועד־החינוך", האָבן אין אונדזערע קינדער־גערטנער געלערנט אַ דריטל פון אַלע שילער פון אונדזער אָנפאַנג־שול, וואָס דאָס איז אַ צאָל, וואָס פאַרפליכטעט צו טיפערער באַטראַכטונג און ערנסטן צוגאַנג.

אין דער אַלטער היים, אין אייראָפּע, פלעג מען געוויינטלעך, נעמען אַ יינגעלע צו דריי יאָר, אים איינוויקלען אין אַ טלית און דער באַהעלפער פלעג אים אַוועקטראָגן אין חדר, אָנצוהייבן מיט אים צו לערנען אלף־בית.

דאָס קינד, וואָס איז ביז דאַן, שטענדיק געווען מיט דער מאַמען, פלעגט בעת־מעשה, אין דעם באַהעלפערס אָרעם, וויינען, און די מאַמע פלעג גאָר דערביי טיילן בלינצעס, אַלס פריידן־צייכן צו האָבן זוכה־געווען אַז איר קינד זאָל אָנהייבן צו גיין אין חדר.

היינט וויקלט מען אונדזערע קינדער ניט איין אין אַ טלית, נאָר מען טוט עס אָן צו די דריי יאָר אַ ווייסן כאַלאַט, און ניט דער באַהעלפער קומט דאָס נעמען, נאָר דער שול־אויטאָבוס. דאָס קינד וויינט ניט אין די מערסטע פאַלן, נאָר גייט בשמחה אין קינדערגאָרטן, ווייל דער זעלבער וויקלט אים איין אין אַ ליבשאַפט־טלית צו דער יידישער שול און צום יידישן פאָלק.

**
*

בכדי צו באַקומען די געהעריקע רעזולטאַטן אין קינדערגאָרטן, טאָר מען זיך פאַר קיין פאַל ניט פאַרלאָזן אויף ספּאָראַדישקייט, נייערט די קינדער־גערטנער דאַרף קומען מיט אַ פּאָרויסיקן אַרבעטס־פּלאַן, און זיך שטיצן אויף אַ גוט פּלאַנירטער פּראָגראַם.

דערצו איז נייטיק אַז דער „וועד־החינוך" זאָל דורך זיין קינדערגערט־נער־דעפּאַרטאַמענט, אויסאַרבעטן וווי אַמשנעלסטן אַ מינימום־פּראָגראַם פאַר די פאַרשיידענע קינדערגערטנערע, דאָס הייסט, פאַר אַ יידישן, העברעישן און אַ יידיש־העברעישן, כדי די קינדערגערטנערס, וואָס זענען אין זייער רוב יונגע, זאָלן זיך שטיצן אויף איר, און כדי זייער אַרבעט זאָל ווי געהעריק קאָנטראָלירט ווערן דורך דער קינדערגערטנער־אינספּעקציע ווי דורך דער שול־דירעקציע, און כדי צו פאַרזיכערן אַז אונדזער קינדערגאָרטן זאָל באמת זיין אַ פאָרשטאַפּל צו דער אָנפאַנג־שול, און די לעצטע — אַ נאַטירלעכע און לאָגישע פאָרזעצונג פון דעם קינדערגאָרטן.

די פּראָגראַם דאַרף לייגן דעם טראָפּ אויפן יידישן אינהאַלט, אויף שפּראַך, אויף דער יידישער דערציונג און אויספורעמונג פון אונדזער קינד, אין אַזאַ צאַרטער עלטער, אין וועלכער מען קען עס קנעטן און געשטאַלטיקן, ווי מען וויל, און ווייל וועט זיין פאַרן קינדערגאָרטן ווי פאַר דעם אונטער־וואַקסנדיקן דור, ווען ער וועט עס אויספורעמען יידישלעך, וואָס דאָס איז דאָך דער אייגנטלעכער ציל פון אונדזער קינדערגאָרטן.

ווייל דער לעצטער איז פאַרן זיין אַ קינדערגאָרטן אַ יידישער קינדער־גאָרטן. דערצו איז אויך נייטיק, צום אַלעם ערשטן, אַז די קינדערגערטנערן זאָל האָבן אַ גוטע יידישע צוגרייטונג, זאָל לערנען, לייענען און רעדן יידיש, און זאָל פאַרקלינגען פערמאַנענט דעם זעלבן מיט אונדזערע לשונות. דאָס איז אויך גילטיק פאַר דער געהילפן.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען אויך לייגן אויף די אויטאָ־בוס־באַגלייטערנס, אין וועמענס געזעלשאַפט די קינדער פאַרברענגען כמעט אָדער אָפט מאָל נאָך מער צייט ווי די צוויי און אַ האַלבע שעה אין קינדער־גאָרטן, אַז זיי זאָלן זיין אַזעלכע וואָס קענען רעדן יידיש, כדי צו רעדן אויף דער שפּראַך מיט די קינדער, אַזוי אַז אונדזער קינד זאָל זיך געפינען אין דער פּערמאַנענטער יידישער אַטמאָספער, און זאָל הערן און זיך לערנען אונדזער שפּראַך פון דעם מאָמענט אַן וואָס ער שטייגט אַיין אין דעם שול־

אויטאָבוס ביז ער קערט זיך צוריק אַהיים, וואָס דאָס באַטרעפט אַ קימאַ־לן פון אַ פיר־פינף שעה אין טאָג — אַ גרויסער צייט־אָפּשניט וואָס באַווירקט און באַאיינפלוסט אונדזערע קלייניקע קינדערלעך.

די קינדערגערטנערן דאַרף אויך פירן איר אַרבעט פּלאַנמעסיק, צוגרייטן אַ פּאָרויסיקן סינטעטישן און אַנאַליטישן אַרבעטס־פּלאַן, כדי, ווי שוין געזאָגט, זאָל אונדזער שול־וועזן, פון קינדערגאָרטן אָן ביז דער הויכשול, פאָרשטעלן מיט זיך אַ געקייטלטן וועג פון שטאַפּלען, וואָס פירן וואָס אַ מאָל העכער צו דער יידישער אויסבילדונג און דערציִונג פון דעם נייעם דור אין אַרגענטינע.

אונדזער שול־וועזן נייטיקט זיך אין רעוויזיע

באַטראַכטנדיק דאָס אַרגענטינער ייִדיש חינוך־וועזן, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז עס נייטיקט זיך אין אַ גרינטלעכער רעוויזיע אין פיל הינזיכטן.

ווייל איך זיך באַגרענעצן אויף איין אַספּעקט פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער זייט, און נעמלעך, וועגן די פונקציעס פון די שול־קאָמיסיעס אָדער די שול־ראַטן, אַרום און אינערהאַלב דער שולע. וועגן די פליכטן און די רעכטן פון די שול־טוערס וואָס האַלטן־אויס, טראָגן־ביי צו דער אַנטוויקלונג פון אונדזערע שולעס.

מיט אונדזער גרויסער אַכטונג און אָנערקענונג פאַר די מ׳זונגספּולע שול־טוערס, מוזן מיר אָבער זאָגן, אַז די זעלבע באַגרענעצן זיך ניט בלויז אין זייערע אַרבעט־פליכטן, נאָר זיי אייגענען זיך צו, אין אַ סך פאַלן, פּעדאַגאָגישע פונקציעס, ווי שול־אינספּעקציעס, פּראָגראַמאַטישע מיינונגען, צו אַרויסזאָגן זיך איבער דער קוואַליטעט פון לערער־פּערסאָנאַל, באַשטימונג פון דירעקטאָרן און לערער אד״גל, וואָס דאָס איז אַן אָפּנייגונג פון זייערע ספּעציפישע פונקציעס און ברענגט אַריין אין די שולעס ניט קיין נוצן, נאָר פאַרקערט, גרויס שאָדן.

דאָס זאָגן מיר ניט אַבסטראַקט. מיר קענען אָנווייזן אויף דער אייגענער שול־פּראַקטיק, ווו אַ סך ייִדן זענען, גלייך נאָכן אַריינטרעטן אין אַ שול־קאָמיסיע, איבער נאַכט געוואָרן מבינים איבער די פּראָגראַמען, אויפן לערנען, און איבערהויפּט אויף די לערער, בעת מיר האָבן דייטלעך געוווסט, אַז זיי אַליין זענען נאָך ניט „אין גאַנצן״ בקי אין די דאָזיקע ענינים. און דאָך זענען זיי עס געוועזן די יעניקע וואָס האָבן לויטן אייגענעם געשמאַק צוגענומען לערער, אָפּגעזאָגט, געוויגן און געמאָסטן זייער אַרבעט און אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין אויף זייער קוואַליטעט; און די דאָזיקע „פּעדאַגאָ־

גישע מיינונגען ווערן גלייך פֿאַרוואַנדלט אין אַ רכילות־נעץ, תלמידים ווערן אָן דעם דרך־ארץ פֿאַר זייערע יידישע לערער.

אין רעזולטאַט דערפֿון האַלטן זיך ניט קיין לערער קיין לענגערע צייט, וואָס דאָס שטערט די נאָרמאַלע און פּסיכישע אַנטוויקלונג פֿון אונדזערע חינוך־אַנשטאַלטן און לאָזט ניט צעמענטירן און קאָנסאָלידירן די זעלבע, נייערט האַלט זיי אין פּערמאַנענטן צעטרייסלטן מצב.

אַזאַ צושטאַנד קען ווייטער ניט אָנהאַלטן, אין קיין שום שולע פֿון לאַנד.

די נייע חינוך־קערפּערשאַפֿט, וואָס וועט באַשטעטיקט ווערן אויפֿן חינוך־קאָנגרעס, מוז לייזן די דאָזיקע פּראָבלעם.

דער חינוך־דעפּאַרטאַמענט פֿון וועד־הקהילות דאַרף זיין בבחינת דער „קאָנסעכאָ נאַסיאָנאַל״. בלויז ער דאַרף האָבן די פֿולע אויפֿזיכט אויף די פּראָגראַמען, אויף דעם גאַנג פֿון די לימודים, אויף דעם לערער־פּערסאָנאַל פֿון אירע אָנגעשלאָסענע שולן. נאָר ער דאַרף רעקאָמענדירן און באַשטימען דירעקטאָרן און לערער, פֿירן דעם קאָנטראָל איבער זייער אַרבעט און דאַרף זיין די איינציקע אינסטאַנץ וואָס זאָגט זיך אַרויס איבער דער פּעדאַגאָגישער זייט פֿון דער שולע.

פֿאַרשטענדלעך, אַז צוליב דעם צוועק, צו קענען האַלטן דעם דופּק פֿון אונדזערע שולן איבערן גאַנצן לאַנד, באַדאַרף אַ שטאַב פֿון אינספּעקטאָרן באַזוכן די אָנגעשלאָסענע שולן מערערע מאָל, און נישט איין אָדער צוויי על רגל אחתדיקע באַזוכן במשך דעם לערן־יאָר.

מיטן פֿאַרוואַנדלען דעם חינוך־דעפּאַרטאַמענט פֿון וועד־הקהילות אין אַ מין יידישן „קאָנסעכאָ״, מיט אויסשליסלעכן פּעדאַגאָגישן אויפֿזיכט און רעכט אין די שולעס, און די שול־קאָמיסיעס אָדער שול־ראַטן — אין יידישע „קאָאָפּעראַדאָראָס״, מיט אויסשליסלעכע רעכטן און פֿליכטן לגבי די מאַ־טעריעלע זאָרגן פֿון דער שול, אָן רעכט אין פּעדאַגאָגישער אַריינמישונג, וואָלט מען סאַנירט אַן אומגעזונטן מצב, פֿון וועלכן עס ליידט איבערהויפּט די פּראָווינץ.

דריי הויפּט־פראַגן

מיר ווילן דאָ באַהאַנדלען דריי הויפּט־פראַגן פון אונדזער שול־וועזן, וואָס פון זיי איז אָפּהענגיק דער גוטער גאַנג און דער אויפשטייג פון אונדזער חינוך, זיין קאָנסאָלידירונג, זיין באַווירקונג און די געשטאַלטונג פון דעם נייעם ייִדישן דור אין אַרגענטינע.

א) וועגן אונדזערע יונגע לערער

ס׳איז פאַר יעדן איינעם קלאָר, אַז פון אַ גוטער לערערשאַפט זענען אָפּהענגיק די רעזולטאַטן פון אונדזער שול־וועזן, די פּאַרטיפונג פון די לימודים און די אויספורעמונג פון אונדזער אויפוואַקסנדיקן דור.

ווי באַקאַנט, באַשטייט היינט דאָס רוב לערער פון יונגע כוחות וואָס האָבן פאַרענדיקט די היגע לערער־סעמינאַרן און אין זייערע הענט ליגט די ייִדישע דערציִונג פון אונדזערע קינדער.

אָבער לאָמיר גלייך זאָגן, אַז באַלד ביים אַריבערטרעטן די ייִדישע שולע דערזעט מען דעם יונגן לערער, ווייל ווי שוין געזאָגט, פאַרנעמט ער די מערסטע לערער־פּאָסטנס אָבער מען דערפילט נישט דעם יונגן לערער אין אונדזער שול־וועזן, מען שפירט נישט זיין באַווירקונג אויף די תלמידים און אויף אונדזער סביבה.

ווי יעדער איינער ווייסט, איז דאָס זיין אַ לערער נישט נאָך אַ „פאַך" ווי אַלע אַנדערע פאַכן, נישט קיין אַרבעט וואָס מען טוט אָפּ אין די באַשטימטע אַרבעטס־שעהען, נישט קיין פּראָפעסיע וואָס מען דאַרף קוקן אויף דעם זייגער, און נישט קיין ענין פון אַ דיפּלאָם.

דאָס זיין אַ לערער איז אַן ענין פון באַרוף, פון איבערגעגעבנקייט, פון

טריישאַפט, פון כסדרדיקער פּאַרטיפונג און לערנען, פון אַ נאָכאַנאַנדיקער באַרייכערונג פון ידיעות און דערפאַרונג. און נאָר דאָן און בלויז דעמאָלט קען מען און מ׳מעג פאַרנעמען אַ לערער־אַמט, ווייל אין די הענט פון דעם לערער ווערט אַנפאַרטרויט די אויספורעמונג פון אונדזערע קינדער, זייער ייִדישן גייסט, זייערע ייִדישע ידיעות, באַנעמונג, געפילפולקייט א״אַ. נאָר אַזאַ לערער וואָס שפירט אין זיך אָט די דאָזיקע הייליקע אחריות, און טראָגט אויף זיך אָט די דאָזיקע הייליקע דערציִונגס־מיסיע, קען ברענגען ברכה אין אונדזער שול־וועזן. דאָקעגן, אַ לערער וואָס פאַרמאָגט נישט אָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן, מעג ער האָבן פינף דיפּלאָמען, ברענגט ער אַריין דורכפאַל אין אונדזער שול און טאָר פאַר קיין פאַל זיך נישט פאַרנעמען מיט לערעריי.

דער אַמאָליקער לערער איז דעריבער געווען אַ לערער, כאָטש איך בין מסופק צי אין זיין רוב האָט ער געהאַט ביי זיך אַ דיפּלאָם פון אַ לערער־סעמינאַר, אָבער ער האָט געהאַט ידיעות, פאַרמאָגט לערעריש האַרץ און איבערגעגעבנקייט, באַווירקט זיין סביבה מיט זיין קולטור־אַקטואַציע, מיט זיין וואָרט, מינדלעך און שריפטלעך, און פאַרנומען פּאָזיציעס אין אונדזער קולטור־טעטיקייט.

מען האָט אים דעריבער ניט בלויז געזען נאָר געפילט. עס זענען געווען מער לערער ווי דיפּלאָמען. אָבער היינט איז אַנדערש די לערער־פּאַנאָראַמע. היינט זענען מער דיפּלאָמען ווי לערער. עס פעלט דעם יונגן לערער תוכיק וויסן, ממילא די נייטיקע קוואַליפיקאַציעס.

בעתן לערנען אין דעם סעמינאַר, פאַרטיפט זיך נאָך דער יוגנטלעכער אין אַ בוך, אין אַ צייטונג. קוים האָט ער פאַרענדיקט דעם סעמינאַר, איז אויס מיט אַלעמען. דערביי דאַרף מען שוין זאָגן, אַז ביי ייִדן „ענדיקט״ מען קיין מאָל נישט דאָס לערנען. אַפילו דער טערמין „למדן״ וויל זאָגן לערנען, דאָס הייסט, אַזאַ איינער וואָס לערנט כסדר. נישטאָ ביי אונדז אַזאַ זאַך ווי ענדיקן לערנען, אַוודאי און אַוודאי נישט ביי אַ לערער. דער יונגער לערער לערנט נישט און לייענט נישט ווייטער, אין זייער אַ סך פאַלן אַפילו אַ ייִדיש בלאַט. פון קיין אויסנאַמען רעדן מיר נישט, ווייל זיי באַשטעטיקן בלויז דעם כלל.

— היינט, וואָס קענען מיר שוין דערוואַרטן פון זייערע תלמידים? — וואָס פאַר אַ ייִדיש לשון, וואָס פאַר אַ העברעיִש און אַנדערע ידיעות קען

מען דערוואַרטן פון דעם שילער, אַז דער לערער אַליין רעדט נישט, קען נישט, און באַמיט זיך נישט צו קענען ווי געהעריק?

איבערהויפט האָט זיך ביי אונדז אַריינגעכאַפּט אַ צייטווייליקער לערער־עלעמענט, וואָס קלערט כלל נישט זיין קיין לערער, וואָס שטודירן אַנדערע פּראָפעסיעס, און וואָס ביז זיי וועלן ענדיקן זייער פאַקולטעט, פאַרדינען זיי, אַלס יידישע לערער, אויף זייער אויסקומעניש... די דאָזיקע וואָלט מען פאַר קיין פאַל ניט געטאָרט דערלאָזן אין אונדזער שול־וועזן. למען האמת, האַנדלט זיך דאָ פון ווילע יידישע קינדער, פון אינטעליגענטע סטודענטן, אָבער אַלס לערער, קענען זיי נישט קומען אין באַטראַכט.

מיט אַזאַ מאַסשטאַב וועלן מיר זיך דאַרפן באַנוצן ביים אָננעמען אַ לערער אין אונדזער שול, אַ זאַך וואָס מיר האָבן דאָס נישט געקענט טאָן פריער, ווען עס איז געווען אַ מאַנגל אין יידישע לערער. אָבער איצט, ווען אַריבער 100 יוגנטלעכע ענדיקן לעצטנס יעדעס יאָר אונדזערע סעמינאַרן, וועלן מיר מוזן דורכפירן אַ גרינטלעכע סעלעקציע, אויב מיר ווילן אַז אונדזער שול־וועזן זאָל גיין באַרג־אַרויף. אויך די סעמינאַרן וואָלטן געדאַרפט אַרויסגעבן דיפּלאָמען נאָר אַזעלכע יוגנטלעכע וואָס פאַרמאָגן די אויבנאויסגערעכנטע אייגנשאַפטן, דאָס הייסט, אַז די הונדערטער יוגנטלעכע וואָס לערנען אין די סעמינאַרן, וואָלטן ביים ענדיקן זיי, געדאַרפט באַקומען אַ באַשטעטיקונג אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ יידישע מיטלשול און זענען גוטע אַנטעליגענטע יידישע יוגנטלעכע, אָבער די וואָס ווילן באמת זיין לערער, וואָלטן באַדאַרפט פאַרזעצן אַ העכערן עטלעך־יאָריקן קורס און נאָך דעם ערשט באַקומען זייערע לערער־דיפּלאָמען. דאָס וואָלט אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט אָרדענונג אין אונדזער לערערשאַפט און וואָלט פאַרזיכערט דעם אויפשטייג פון אונדזער שול.

נאָך אַ גרויסן פעלער, אפשר פון די גרעסטע, פאַרמאָגן אַ סך יונגע יידישע לערער, וואָס זיי פאַרקליינגען די שולן מיט זייער... שפּאַניש.

און ווידער אַ מאָל:

— וואָס קען מען שוין דערוואַרטן פון אונדזערע קינדער?

עס דערמאָנט מיך אין יענעם ערשטגעקומענעם עמיגראַנט פון אייראָפּע, דאָס הייסט, אַ „גרינער" וואָס זאָגט, אַז ער שיקט זיין קינד אין דער יידישער שול זיך אויסלערנען... „קאַסטעזשאַנאַ".

מרדכי הערבסט

איצט וועגן דער מיטווירקונג פון אונדזער יונגן לערער אין אונדזער קולטור־לעבן:

עס איז דאָך היינט פאַראַן, אָן עין הרע, אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט יידישע יונגע לערערס און זיי וואָלטן, נאַטירלעך, פון זיך אַליין געדאַרפט בילדן די יידישע אינטעליגענץ, דורכפירן יידישע קולטור־אַרבעט, פאַרנעמען קולטור־פּאָזיציעס, דורכפירן קולטור־אַקטן, ליטעראַרישע אָוונטן, זיך באַ־טייליקן אין צייטונגען, זשורנאַלן, אַרויסגעבן אייגענע זשורנאַלן, בראָשורן, ביכער וכ׳, ווי עס וואָלט באַדאַרפט זיך פירן ביי אַזאַ אינטעליגענטער יידיש־געבילדעטער יוגנט.

— ווו זענען זיי? וויפל יוגנטלעכע קולטור־צוזאַמענקונפטן איז צו פאַר־צייכענען פון יונגע יידישע לערער? — אין וואָס פאַר אַ זשורנאַלן באַטייליקן זיי זיך, וויפל זשורנאַלן גיבן זיי אַרויס? — וואָס פאַר אַ קולטור־אַרבעט וויקלען זיי אויס צווישן דער יוגנט. — ווו איז זייער ווירקונג אויף דער יידישער גאַס?

— ווו הערט מען היינט צווישן זיי יענע „ראָמאַנטישע״ קולטור־שמועסן וועגן יידישע פּראָבלעמען, ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט אאַז״וו?

— פאַר וואָס זעט מען די דאָזיקע מחנה בלויז אויף שטרייק־פאַרזאַמ־לונגען, ווו עס פעלט קיין איינער נישט? — פאַר וואָס זענען עס דווקא זיי, אַריינגעטאָן בלב ונפש נאָר ווען עס האַנדלט זיך אין גרעמיאַלער אַרבעט, און זענען באַך די איניציאַטאָרן דערפון — און פאַר וואָס ביי קולטור־אַרבעט ווערן זיי פאַרשוווּנדן?

דער שרייבער פון די שורות וועט זיין פון די ערשטע צו שטיצן די לערערישע קמח־פאָדערונגען, אָבער „לא על הלחם בלבד יחיה האדם״, נישט אין דעם אַליין באַשטייט די יידישע לערערישקייט.

דאַרף מען דעריבער לייגן דעם טראָפּ ביים יונגן לערער, מער אויף באַרוף, אויף ידיעות, אויף זייער קולטור־אַרבעט, אויף דעם מען זאָל זיי נישט נאָר דערזען נאָר אויך דערפילן זייער ווירקונג אין אונדזער שול און אין אונדזער לעבן.

ב) וועגן אונדזערע שול־טוער

אויב מיר האָבן אַזאַ שיין שול־וועזן, מיט פּרעכטיקע געבײַדעס, צעצווייגטע אויטאָבוסן־באַדינונג, מיט גרויסע לערער־פּערסאָנאַלן, איז דאָס אין זייער אַ גרויסער מאָס, אויב נישט אין דער גרעסטער, אַ דאַנק אונדזערע איבערגעגעבענע שול־טוערס, וואָס האָבן אַרײַנגעלייגט זייער גאַנצע מי און טרייע אַרבעט דאָס צו דערגרייכן.

דאָס זענען טייערע פאָלקס־ייִדן, וואָס זייער סאַטיספאַקציע און לוין פאַר דער שווערער שול־אַרבעט באַשטייט פון דעם וווּקס און אויפשטייג פון דעם זעלבן.

ווייל וויסן דאַרף מען, אַז די אַרבעט אַרום דער שול איז אַ שווערע, אַ פאַרמאַטערנדיקע און אַ קאָמפּליצירטע, שווערער ווי אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, איבערהויפּט די לעצטע יאָרן ווען די פינאַנציעלע לאַגע איז ביי אונדז אַ קריטישע, און די עסקנים דאַרפן זיך ראַנגלען אויסצוהאַלטן די פילפאַכיקע צעוואָקסענע שול־ביודזשעטן, דאָס העכערן אַלע מאָל דעם שכר־לימוד, וואָס דאָס ברענגט אַוודאי נישט קיין פאַרגעניגן מצד די עלטערן, צו וועמען מען דאַרף זיך אַלע מאָל פון דאָס ניי ווענדן אין דעם זין.

אָבער דער שול־עסקן טוט דאָס אַלץ באהבה און למעשה. ביי דער שול־אַרבעט זענען נישטאָ קיין באַערונגען, קיין באַנקעטן, נאָר ווי געזאָגט, איז דער איינציקער שכר, חוץ דעם עגמת־נפש, דער פּראָגרעס פון דער שול.

ביי די רעגירונגס־שולן זענען אויך פאַראַן עלטערן־קאָמיטעטן, די אַזוי גערופענע „קאָאָפּעראַדאָראַס“, אָבער זייער אַרבעט איז נישט אַזאַ שווערע ווי ביי אונדזערע שול־טוערס, ווייל בעת די שול־געביידעס און לערער־געהאַלטן קומען פון דער רעגירונג, איז דאָס אַנדערש ביי אונדז, וואָס זיי זענען אָנגעוויזן אויף אונדזערע עסקנים.

די פּעדאַגאָגישע זייט ביי דער רעגירונגס־שול ווערט אָנפאַרטרויט דעם „קאָנסעכאָ“, וואָס איז דער ממונה איבער די פּראָגראַמען, באַשטימונג פון לערער, אאַז״וו.

ביי אונדז איז דער ייִדישער „קאָנסעכאָ“ דער וועד־החינוך.

אַזוי וואָלט באַדאַרפט זיין, און דאָס וואָלט געווען דאָס נאַטירלעכסטע, דאָס לאָגישסטע און דאָס בעסטע.

אָבער ביודעים ובלא יודעים, זענען נאָך פאַראַן אַ סך יידישע שולעס אין לאַנד, וווּ די טייערע שול־טוערס, נעמען אויף זיך פרייוויליק, חוץ זייער אַזוי אויך שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבן, פון אויסהאַלטן און גרויס־מאַכן די שולן, אויך פּעדאַגאָגישע פונקציעס, ווי אַריינמישונג און אינטער־ווענצן אין פּראָגראַמען, מבינות אויף דעם לערנען און אויף די לערער, צונעמען און אָפּזאָגן לערער לויט זייער פאַרשטאַנד אאַז״וו.

דאָס איז אַן אַלטער איבל און למען האמת אַ קליינשטעטלדיקער, וואָס איז נישט אין הסכם מיט אונדזער צייט און מיט אונדזער אָרגאַניזירטן שול־וועזן, וואָס פאַרמאָגט די געהעריקע אינסטאַנצן, ווי דער „ועד־החינוך״, אינס־פּעקטאָרן, דירעקטאָרן, אינסטרוקטאָרן, אאַז״וו.

דאָס שאַפט אומאַנגענעמלעכקייטן און ממש אַ תהום צווישן עסקן און לערער.

טראָגט דער בעסטער כונה און דעם נאָבלסטן מיין וואָס דער עסקן האָט דערביי, און וואָס ער טוט דאָס ווייל ער מיינט אַז זיין אַריינמישונג אין אַזעלכע ענינים איז בלויז לטובת דער שול, אָבער נישט ווילנדיק טוט ער אַ רעה זיין שול, ווייל יעדער איינער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט זיין געביט און מיט זיין אַרבעטס־פעלד, פּונקט ווי אין אַ געשעפט צי אין אַ גע־זעלשאַפט, וווּ יעדער איינער דאַרף אויספירן זיין ספּעציפישן אַמט, ווי דער סעקרעטאַר מיטן סעקרעטאַריאַט, דער קאַסיר מיט דער קאַסע, און ערשט דאַן גיין גוט דאָס געשעפט אָדער די אינסטיטוציע אַלס גאַנצע.

פאַרקערט וואָלט געווען ווען מען פאַרבייט די יוצרות.

דאָסגלייכן מוז געשען אין אונדזער שול:

דער עסקן מיט זיין געהויבענער און שווערער אַדמיניסטראַטיווער שול־אַרבעט, פינאַנציעלן אויסהאַלטן און גרויס מאַכן די שול, און דער ועד־החינוך, די אינספּעקציע, די שול־דירעקציע און די לערער — מיט דער פּע־דאַגאָגישער זייט פון שול, און נאָר דאַן קען די שול פּראָגרעסירן.

דער עסקן טאָר זיך פאַר קיין פאַל נישט צורירן צו פּעדאַגאָגישע ענינים, טראָגט זיין בעסטן מיין, זיין זאָרגפעליקייט און גוטע כוונות.

ג) וועגן פאַרגרעסערן די צאָל שילער

אונדזער שול האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פאַרשענערט, פאַרבעסערט, צעצווייגט, אָבער דער פּראָצענט קינדער וואָס באַזוכט אַ ייִדישע שול האָט זיך ליידער ניט פיל געענדערט.

לאָמיר דאָ גלייך זאָגן, אַז די צאָל האָט זיך וועזנטלעך ניט געענדערט, ווייל די מעטאָדן און די אַקציעס צו פאַרגרעסערן די צאָל שילערס האָבן זיך אויך ניט געענדערט. די דערוויליטערטע און פאַרפרעמדטע שיכטן דאַרף מען פּערזענלעך באַזוכן, באַוועגן, איבערצייגן צו שיקן זייערע קינדער אין דער ייִדישער שול. אַנדערש וואָלט געווען ווען ספּעציעלע עסקנים־ און לערער־קאָמיסיעס באַזוכן שטוב נאָך שטוב, באַציטנס, פאַרן אָנפאַנג שול־יאָר.

אין אַלע געגנטן ווייסט מען ווו עס וווינט אַ ייִד. דאָס איז נישט שווער אויסצוגעפינען דורך ייִדן און דורך... נישט־ייִדן. די קהילה פאַרמאָגט פּאַד־ראָנען און אין באַזונדער ייִד גיט אָן דעם אַדרעס פון אַ צווייטן. אַזוי, אַז דאָ קען ניט גילטן דער פּרעטעקסט וואָס מען גיט אָן, אַז עס איז נישטאָ קיין געהעריקע שול־סטאַטיסטיק, אָדער אַז מען דאַרף האָבן דורכגעפירט אַ שול־צענז, אויף צו וויסן וויפל קינדער עס באַזוכן ניט קיין ייִדישע שול.

מיר האָבן פּראָבירט, מיט אַזאַ שטיבער־אַקציע אין אונדזער געגנט אָפּגעראַטעוועט אַ סך ייִדישע קינדער, וואָס זענען היינט צוגעבונדן מיט דער גרעסטער ליבשאַפט צו דער ייִדישער שול, און אויך דורך זיי צוגע־צויגן זייערע אָפּגעפרעמדטע עלטערן.

ווייל וויסן דאַרף מען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אונדזער תלמי־דים־עלעמענט איז פון די וווּנדערבאַרסטע און טייערסטע, און זיי קומען מיט ליבשאַפט צו אונדז אין שול.

מען דאַרף זיי נאָר צוציִען און נאָך דעם קומען זיי שוין אַליין.

ווי האָט זייער ריכטיק געשריבן חיים ליבערמאַן וועגן ייִדישן קינד אין אַמעריקע:

— „דבר אל בני ישראל״, רעדט צו די קינדער פון ישראל, ווייל זיי וועלן אייך הערן און פאַרשטיין.

אַזוי אַז מען דאַרף גיין זוכן אין די ייִדישע היימען די טייערע ייִדישע קינדער, אַפּילו וועגן משה רבינו, דעם גרעסטן ייִדישן לערער, שטייט געשריבן „ויצא אל אחיו", ער איז אַרויס צו זיינע ברידער, נישט ער האָט געוואָרט זיי זאָלן צו אים קומען.

נאָר אַ שטאַרקע באַזוכונגס־אַקציע אין אַלע ייִדישע היימען קען פאַרגרעסערן די שילער־צאָל און פאַרוואַנדלען דעם ביי אונדז קלאַסיש־סטאַגנירטן נומער פון 20 אָדער 25 פּראָצענט פון קינדער וואָס באַזוכן די ייִדישע שול אין אַ 75 אָדער 80 פּראָצענט, אויב ניט נאָך מערער, און געווינען וואָס מער קינדער פאַר אונדזער מאָרגן און פאַר אונדזער פאָלק.

ווייל די גאַנצע אַרבעט אונדזערע, די גאַנצע מי פון אונדזערע עסקנים און לערער, דרייט זיך אַרום דעם נייעם דור און נישט פאַרקערט, דעריבער דאַרף די פּראָבלעם פון הייבן די שילער־צאָל זיין די ערשטע.

צום יום־עיון פון דער לערער־אָרגאַניזאַציע

עס איז שוין אַ פעסטגעשטעלטער כלל אין דער געשיכטע, אַז ווען עס בליט די עקאָנאָמיק, בליט אויך די קולטור. דאַקעגן, ווען מען איז פאַרדאגהט און באַזאָרגט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע און באַדערפענישן, ליידט גלייכצייטיק דער קולטור־צושטאַנד, ווייל מען האָט נישט קיין צייט, קיין געדולד און קיין קאָפּ דערצו.

מיר זאָגן דאָס אין שייכות מיטן „יום־העיון" וואָס די ייִדישע לערער־אָרגאַניזאַציע פירט דורך, געווידמעט די וויכטיקסטע פעדאַגאָגיש־דערציִערישע פראַגן פון אונדזער חינוך־וועזן, ווי: 1) דאָס ייִדישע שול־וועזן אין אַרגענטינע; 2) דער יונגער לערער און זיינע פּראָבלעמען; און 3) השתלמות־מורים (פאַרפולקאָמונג פון די לערער).

ווי באַקאַנט, איז די לערער־אָרגאַניזאַציע געווען פאַרנומען די לעצטע יאָרן מיט הייבן די עקאָנאָמישע לאַגע פון אירע מיטגלידער, אויסקעמפן בעסערע געהאַלטן פאַר זיי. דאָס איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט. עס זענען געפירט געוואָרן לאַנגע פאַרהאַנדלונגען — אָפט מאָל אויך שטרייקן. און די אָרגאַניזאַציע איז ממש פאַרשלונגען געוואָרן פון די דאָזיקע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. הײַ־יאָר, איז צום גליק פון אַלעמען, און צום כבוד פון אונדזער שול־וועזן, דערגרייכט געוואָרן אַן אַלגעמיינע העכערונג אין די לערער־געהאַלטן, גלייך ביים אָנהייב שול־יאָר, אָן אינצידענטן און שטרייקן, אַ זאַך וואָס איז גינסטיק פאַר אַלע צדדים.

אַזוי אַרום, אַז מען קען איצט צוטרעטן צו דערציִערישע, קולטורעלע, פעדאַגאָגישע און אַנדערע אַרבעטן, וואָס דאַרפן זיין דער רוקנביין פון דער אַרבעט פון דער לערער־אָרגאַניזאַציע.

איצט, ווען עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ רעלאַטיווע העכערונג אויפן

עקאָנאָמישן געביט (ווייל דער יקרות איז נאָך אַלץ גרויס) דאַרף די אָרגאַ־ניזאַציע צוטרעטן צו דער פּעדאַגאָגישער און קולטורעלער דערהייבונג פון אירע צאָלרייכע מיטגלידער, און דעריבער איז באַגריסונגסווערט די נייע ווענדונג פון דער אָרגאַניזאַציע און דאָס איינאָרדענען דעם ערשטן „יום־עיון".

ווייל אונדזער לערער־אָרגאַניזאַציע דאַרף ניט זיין נאָר דאָס גרעמיאַלע פּלאַץ פון דעם לערער, וואָס ווענדט זיך אַהין נאָר וועגן געהאַלט־פראַגן, נאָר זיין גייסטיקע היים, זיין קולטור־אַדרעס, ווו ער זאָל זיך קענען ווענדן נאָך פּעדאַגאָגישע עצות און הילף, און ווו ער זאָל אויך געפינען אַ וואַרעמע קולטור־אַטמאָספער.

די אָרגאַניזאַציע וואָלט דעריבער געדאַרפט שאַפן אַ קולטור־טריבונע, דורכפירן קולטור־מסיבות, איינאָרדענען רעפעראַטן, לעקציעס, דיסקוסיע־אָוונטן, ימי־עיון, ליטעראַרישע אַקטן, קינסטלערישע אונטערנעמונגען אאַז"וו, וואָס זאָלן אַריינציִען אונדזערע לערער אין אַקטיווער שעפערישער קולטור־אַרבעט, פאַרטיפן זיינע ידיעות און פאַרגרעסערן זיין אינטערעס און צוגע־בונדנקייט צו אונדזערע גייסטיקע ווערטן און צו ייִדישער קולטור־אויפ־לעבונג.

די אָרגאַניזאַציע דאַרף אויך הייבן דעם פּעדאַגאָגישן ניוואָ פון אירע מיטגלידער, אַרויסגעבן אַ חינוך־זשורנאַל, שאַפן אַ פּעדאַגאָגישע ביבליאָ־טעק, אַ דעפּאַרטאַמענט פון דידאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס זאָל שטיין צו דינסט אונדזער לערערשאַפט, איבערהויפּט דעם יונגן ייִדישן לערער.

ווייל די וואָס קען און דאַרף באַהילפיק זיין אין דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, איז די לערער־אָרגאַניזאַציע. ערשטנס, וואָלט די דאָזיקע אַרבעט געלעגן אין די הענט פון פאַכמענער, פון לערער, און ווער נאָך ווי לערער קענען אַזוי גוט אונדזער שול־וועזן, מיט זיינע מעלות און חסרונות, ווער נאָך ווי זיי קענען אונדזערע לערער און ווייסן וואָס זיי פעלט?

צווייטנס, איז דווקא דער גרעמיאַלער לערער־פאַרבאַנד, דער וואָס וואָלט געקענט אויסאיבן אַ דרוק און באַווירקן דעם לערער צו פאַרטיפן זיך, צו לערנען, זיך פאַרפולקאָמען, אַרבעטן איבער זיך און ברענגען די געוווּנטשענע רעזולטאַטן אין אונדזער שול־וועזן.

די אָרגאַניזאַציע דאַרף שטויסן דעם יונגן לערער צו קולטור־טעטיקייט,

וואַרעמען אים און אויסבילדן קאַדרען פון קולטור־שעפער און טוער, ווייל בלויז אַ גוטע לערערשאַפט קען אַרויסגעבן אַ גוטע שילערשאַפט, ווייל דער לערער איז דאָך דער וואָס פורעמט־אויס די נשמה פון דעם קינד, זיין נאָענטסטער באַווירקער און דער וואָס פלאַנצט איין אים איין דעם ייִדישן באַוווסטזיין.

דעריבער איז געוואַלטיק וויכטיק אַז דער לערער זאָל באַהאַנדלען און זיך פאַרטיפן אין אַט דער פראַגע אויפן יום־העיון.

פון גרויס וויכטיקייט איז אויך דער פונקט: „דער יונגער לערער און זיינע פּראָבלעמען".

דער יונגער לערער, פאַרנעמט דאָך שוין די מערסטע לערער־פּאָזיציעס אין אונדזער חינוך־וועזן. צו אים זענען דעריבער געווענדט די בליקן פון אונדזער ישוב. צו אים ווערן אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען, און פון אים זענען אָפּהענגיק אונדזערע ווונטשן און דערוואַרטונגען. דער יונגער לערער איז אפשר היינט די הויפּט־פּראָבלעם פון אונדזער חינוך.

דאַרף מען דעריבער זיך צוהערן און העלפן לייזן די פּראָבלעמען פון די יונגע לערער, כדי צו לייזן אויך דורך דעם די פּראָבלעמען מיטן יונגן לערער.

למען האמת, איז דער יונגער לערער געווען זייער אַקטיוו אין דער אויס־קעמפונג פון אַ בעסערן עקאָנאָמישן ניוואָ. דאָ זענען זיי געווען אייניק און אַקטיוו. אַ סימן, אַז דאָס וואָס אינטערעסירט אים און באַרירט אים באמת איז ער גאָר טעטיק און דינאַמיש.

דאַרף מען דעריבער זען, אַז אויך דער קולטור־אַספּעקט און די פּעדאַ־גאָגישע פאַרפולקאָמונג זאָלן אים ווערן נאָענט און אים פאַראינטערעסירן. דאַן וועט ער אויך דאָ ווערן דינאַמיש, טעטיק און שעפעריש, צום ווילזיין פון אונדזער שול, צו זיין אייגענעם ווילזיין און פון אונדזער קולטור־שאַפונג. דאַן וועט פון זיך אַליין געלייזט ווערן די אַזוי וויכטיקע פראַגע פון השתלמות־מורים, פון דער פאַרפולקאָמונג פון אונדזער יונגן לערער.

עס איז דעריבער צו האָפן, אַז דער ערשטער „יום־העיון" זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ מאַניפעסטאַציע פון אונדזער לערערשאַפט פאַר דער דערהייבונג פון קולטור־פּעדאַגאָגישן ניוואָ פון דעם היגן ייִדישן לערער, און אַווירקלעכער אָנזאָג פון פאַרבעסערונג און פאַרטיפונג פון אונדזער שול־וועזן.

לאָמיר געווינען דאָס ייִדישע קינד!

מען קען אַרויסשטעלן דער ייִדישער שול די אָדער יענע פאָדערונגען, קוקן פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו אויף די אָדער יענע פאַקטאָרן; עס קענען זיין בנוגע אונדזער שול־וועזן מיינונגס־פאַרשידנקייטן וועגן אינהאַלט, שפּראַך, גייסט, שטרעמונגען, אאַז״וו. אָבער אין איינס זענען אַלע איינשטימיק און אַנערקענען עס בקול אחד און מיט אַ פול מויל: מיר פאַרמאָגן אַ טייערן, אַ ווונדערבאַרן און זעלטענעם קינדער־עלעמענט, וואָס פילט אונדז אָן מיט פרייד, מיט באַפרידיקונג, און וואַרעמט און מוטיקט אונדזער געמיט מיט צוקונפט־האָפענונגען.

מען שרייבט אַזוי פיל וועגן דער ייִדישער שול, וועגן אירע זאָרגן און פּראָבלעמען, וועגן אירע לערער און עסקנים, און גאָר־גאָר ווייניק וועגן דעם עיקר אַרום וועלכן סיי די ערשטע און סיי די לעצטע אַרבעטן און לייגן אַריין זייער גאַנצע מי, נעמלעך אַרום דעם ייִדישן קינד, צו וועלכן אונדזער בליק איז געווענדט און פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק אונדזער מאָרגן.

לאָמיר־זשע היינט, צום אָנפאַנג פון די איינשרייבונגען אין די ייִדישע שולן אין גאַנצן לאַנד, ווידמען עטלעכע שורות דעם טייערן ייִדישן קינד.

עס איז דאָך מערקווירדיק די ליבשאַפט און די צוגעבונדקייט פון אונדזערע תּלמידים צו דער ייִדישער שול.

נישט זעלטן בלייבט איר געשמייכלט, ווען דער תּלמיד אָדער תּלמידה דערקלערן אייך תּמימותדיק און אָפנהאַרציק, אַז פון די שולן וואָס זיי באַזוכן האָבן זיי ליבער די ייִדישע שול.

און ווי אָנגענעם איבעררעשט בלייבט איר, ווען בעת אַ שול־אויטאָבוס וואָס ברענגט די קינדער אין שול, ווערט קאַליע אויפן וועג, און די מאַמעס הייבן אייך אָן אָנצופרעגן טעלעפאָניש, צי דער אויטאָבוס וועט קומען אָדער

נישט, ווייל זייערע קינדער ווילנען און ווילן גיין אין דער יידישער שול... אַ סך מאָל מוזט איר באַרויִקן די מוטער, און הייסן צורופן דאָס קינד צום טעלעפאָן, און עס אויך איינגעמען.

היינט דער ערנסט און די איבערגעגעבנקייט פון די תלמידים צו די לימודים! מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אַ סך תלמידים קומען פון על־טערן פון יינגערן דור, וואָס זיי אַליין קענען ניט אונדזערע לשונות, שוין אָפּגערעדט פון לייענען און שרייבן. דאָס קינד קומט צו אונדז אַ פּרעמדס, אָן אַ יידיש וואָרט אין מויל, און איר דאַרפט אים ערשט אָנהייבן לערנען די עלעמענטאַרסטע טערמינען, ווי מען לערנט רעדן אַן ערשט־אַנטווינט קינד פון אַ יאָר־צוויי. דאָך שטויסט אים זיין ווילן און ליבשאַפט צו דער יידישער שול, דורכצוברעכן די שפּראַך־באַריערע, און ווי גליקלעך פילט איר זיך, ווען איר הערט פון אַזאַ תלמיד די ערשטע פראַגעס אויף יידיש אָדער העברעיִש.

נאָך מער: ניט גענוג וואָס עס לערנט זיך אַליין אויס, נאָר ער זאָרגט זיך אויך פאַר זיינע עלטערן.

זאָגט מיר אַ מאָל אַ מאַמע, וואָס ברענגט איר מיידעלע אין קינדער־גאָרטן, און וואָס קען לײדער, נישט קיין יידיש וואָרט:

— צוזאַמען מיטן קינד לערן איך אויך יידיש. אַזוי אַז איר האָט צוויי תלמידות...

געהאַט האָבן מיר אַ תלמיד, וועמעס מוטער איז געווען אַ ציוניסטישע טוערן, אָבער שרייבן און לייענען יידיש האָט זי נישט געקענט.

ווי איבעררעשט ווער איך איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ווען אין זיין קוואַ־ליפיקאַציע ביכל און אין זיין העפט, זע איך אויף יידיש דעם אונטערשריפט פון זיין מוטער. געמיינט האָבן מיר, אַז דאָס קינד האָט אונטערגעשריבן אויף איר פּלאַץ, אָבער נאָך אַ חקירה ודרישה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מוטער האָט טאַקע אַליין אונטערגעשריבן, און דאָס קינד איז געווען דער וואָס האָט זי אויסגעלערנט, ווייל סיי זי און סיי איר זון האָבן שטאַרק געוואָלט אַז די מוטער זאָל קענען האָבן די סאַטיספאַקציע אונטערצושרייבן אויף יידיש.

אַ צווייטער עפּיזאָד וואָס איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבן:

אַ לערערקע ברענגט אונדז איין מאָל אַ פאַרצייכענונגס־ביכעלע פון איר אַ תלמידה פון 8 יאָר, אַ מעדיקערס אַ טעכטערל. זי האָט ערשט אָנגע־

פאַנגען צו לערנען העברעיִש, האָט זי געקויפט דאָס ביכעלע, און אַלע נייע טערמינען וואָס זי לערנט זיך אויס און אַלע גראַמאַטיקאַלע רעגלען, שרייבט זי אַריין אויף העברעיִש מיט דער געהעריקער איבערזעצונג אויף ייִדיש און אויף שפּאַניש, ווי אַ מין ווערטערבוך. אויף מיין פראַגע, צו וואָס זי טוט עס, דערקלערט זי מיר, אַז דאָס מאַכט זי אַ ווערטערביכל פאַרן טאַטן, דעם דאָקטער, ווייל אַזוי ווי ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט זיין מעדיקער־פּראַפעסיע, און האָט נישט קיין צייט צו באַזוכן די געגנט־קורסן פון העב־רעיִש, שרייבט זי פאַר אים דאָס ביכעלע, ער זאָל אויך קענען לערנען עברית...

מיר, און יעדער איינער וואָס שטייט נאָענט צו דער ייִדישער שול, וואָלטן געקענט ברענגען הונדערטער פאַקטן פון די ווונדערבאַרע אייגנ־שאַפטן און ליבשאַפט צו אונדזער שול מצד דעם טייערן ייִדישן קינד.

דעריבער איז נאָך ווייטיקלעכער דער פאַקט, וואָס בלויז אַזאַ קליינע צאָל, ווי 20 אָדער 25 פּראָצענט ייִדישע קינדער אין שול־עלטער, באַזוכן אונדזער שול, און די אַנדערע 80 פּראָצענט ווערן ליידער פאַרלוירן פאַרן ייִדישן חינוך, ווייל מיר ווייסן דאָך אַלע, אַז היינט, ווען די ייִדישע היים איז אויסגעליידיקט פון ייִדישן אינהאַלט, שפּראַך, טראַדיציע, וכדומה, איז די ייִדישע שול ממש אַ לייכט־טורעם און אַ רעטונגס־גאַרטל פון פאַרפרעמ־דונג פון דעם נייעם אונטערוואַקסנדיקן דור.

עס איז דעריבער אונדזער אַלעמענס חוב, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אונטערצונעמען אַ שטאַרקע ווערבירונגס־אַקציע פון ייִדישע קינדער פאַר דער ייִדישער שול.

מיר מוזן, דעריבער, אַרויס פון דער רוטין, זיך נישט באַנוגענען בלויז מיט פלוגבלעטלעך, וואָס קומען אָן בלויז צו די קרייזן וואָס שיקן במילא זייערע קינדער אין אונדזערע שולן, נאָר גלייך ביים אָנפאַנגען די שילער־רעגיסטראַציע, דורכפירן אַ שטאַרקע באַזוכונגס־אַקציע אין די ייִדישע היי־מען, און ניט דורכלאָזן קיין איין ייִדישע טיר, בכדי קיין שום ייִדיש קינד זאָל ניט בלייבן אויסער דער ייִדישער שול.

עס דערמאָנט זיך אונדז, אַז ביי אַזאַ באַזוך־אַקציע, זענען מיר אַריין אין אַ געשעפט, צו פרעגן די אייגנטימערן ווו ס׳וווינט אַ שכניש ייִדיש

קינד, וועמעס געגנויער אַדרעס עס איז אונדז פֿאַרלוירן געגאַנגען. נעבן דער פֿרוי האָבן זיך אומגעדרייט צוויי בלאָנדע מיידעלעך.

ביים אַריבערטרעטן די קלייט, אין באַגלייטונג פֿון שול־עסקן, מיט אַ טאַש און איינשרייב־בויגנס אין דער האַנט, און נאָכן גריסן, פֿרעגט אונדז די פֿרוי וואָס מיר פֿאַרקויפֿן...

מיר דערקלערן איר, מיט וואָס פֿאַר אַ „סחורה" מיר האַנדלען, און ווי דערשטוינט בלייבן מיר, ווען די פֿרוי הייבט אָן צו אונדז צו רעדן אויף אַ געזונטן פּולבלוטיקן ליטווישן יידיש, און גיט אונדז דעם געבעטענעם אַדרעס. אויף אונדזער פֿראַגע, פֿאַר וואָס זי שיקט ניט אירע אייגענע קינדער אין דער יידישער שולע, גיט־אָן די פֿרוי אָן אויסמיידנדיקן און אומצופֿרידנ־שטעלנדיקן ענטפֿער, ווען פּלוצלינג רופֿט זיך אָן דאָס קלענערע מיידעלע אירס מיט אַ בעטנדיק שטימעלע:

— מאַמיטאַ, אַנאַטאַמע, קע קיעראָ איר אַל יידישע שולע! (מאַמעלע, שרייב מיך איין, ווייל איך וויל גיין אין דער יידישער שולע).

ביידע בלאָנדינקעס זענען היינט פֿון די ענטוזיאַסטישסטע תּלמידות פֿון אונדזער שול.

אין אַ צווייטן דעפּאַרטאַמענטן־הויז קלאַפּן מיר אָן אין דער טיר פֿון אונדזערס אַ תּלמיד, און מען ענטפֿערט נישט. עס גייען דערביי אַרויס פֿון אַ דערנעבנדיקן דעפּאַרטאַמענט, אַ מוטער און צוויי קינדערלעך, קענטלעך ניט־יידן, און זאָגן אונדז אַז די שכנים זענען אויף וואַקאַציעס. דערביי פֿרעגן זיי צו וואָס מיר דאַרפֿן זיי. ביים דערקלערן זיי דעם צוועק פֿון אונדזער באַ־זוך, גיט די פֿרוי אַ רוף־אויס און דווקא אויף אַ פֿיינעם יידיש:

— אָבער מיר זענען דאָך אויך יידן!

אויף אונדזער פֿראַגע, פֿאַר וואָס זי שיקט ניט אירע קינדער אין דער יידישער שול, ענטפֿערט זי, אַז זיי זענען געקומען צוריק מיט צוויי יאָר פֿון פּראָווינץ ענטרע ריאָס, און אַזוי ווי מען איז צו זיי ניט געקומען קיין מאָל צו פֿאַרשרייבן די קינדער אין דער יידישער שול, האָט זי זיי נישט געשיקט.

אָבער איצט, אַז מיר זענען שוין דאָ, וועט זי זיי פֿאַרשרייבן.

אירע טעכטערלעך זענען היינט פֿון די בעסטע שילערנס, און די עלטערן פֿאַרפֿעלן ניט קיין שום שול־יום־טובֿ.

מיר וואָלטן נאָך געקענט ברענגען צענדליקער ביישפּילן פֿון דער הוי־

כער קוואַליטעט פון אונדזער וווּנדערבאַרן תלמידים־עלעמענט, אָבער מיר וועלן זיך באַנוגענען בלויז מיט די איבנגעבראַכטע, מיט וועלכע מיר זענען נאָר אויסן צו באַווייזן, אַז וויפל מיר זאָלן ניט טאָן און וויפל מיר זאָלן זיך ניט אָנשטרענגען פאַר דער יידישער דערציִונג פון אונדזערע קינדער, איז דאָס אַלץ כדאי און ס'איז קיין מאָל ניט גענוג.

מיר דאַרפן דעריבער, אַלע: שול־עסקנים, לערער, די יידישע אינסטי־טוציעס, די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט ממש, זיך מאָביליזירן אין דער ווערבירונגס־אַקציע פון יידישע קינדער פאַר דער יידישער שול, און הייבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ביזן מאַקסימום, דעם ביי אונדז אַזוי קלאַסיש־סטאַגנירטן ציפער פון 20—25 פראָצענט, און זען אַז קיין איין יידיש קינד זאָל נישט בלייבן אָן דעם ברכהדיקן חינוך פון אונדזערע שולן.

יאָ, רבותי, לאָמיר געווינען דאָס יידיש קינד!

„זאָל לעבן די יידישע שול!"

„טאָ לאָמיר־זשע זינגען באַגייסטערונגספול:
זאָל לעבן, זאָל לעבן די יידישע שול!"

מיט די דאָזיקע סטראָפן ענדיקט זיך אַ באַקאַנטער שול־הימן. און עס איז ווירקלעך דאָ וואָס צו באַזינגען, מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, די היינטיקע יידישע שול.

די יידישע שול איז איצט, אין אָנבליק פון די מערסטע אָפּגעפרעמדטע היימען, וואָס זענען אויסגעליידיקט פון יידישן לשון, אינהאַלט, טראַדיציע, קולטור, ממש אַן אינדזל פון יידישקייט אין אונדזער סביבה.

שוין ביים אַריבערטרעטן אונדזערע שולן, ווערט אייך ליכטיק אין די אויגן פון די פּאַלאַצן־געביידעס, פון די טייערע יידישע קינדער, פון די הי־געבוירענע לערער. איר האָט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אַן אָאַזיס פון יידישן אינהאַלט אין אונדזערע מקומות, פונוואַנען עס ציען זיך יידישקייט־פעדעמער צו די יידישע היימען, דורך די באַחנטע משהלעך און שלמהלעך וואָס לער־נען דאָ. עס דערמאָנט זיך דערביי יענעם טייטש וואָס רש"י ברענגט פון דעם מדרש:

ווען יעקב איז אַנטלאָפן פון זיין ברודער עשו, צו לבנען, און בעת ער איז אויפן וועג געלעגן און געחלומט וועגן דעם לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל און מלאכים גייען אַרויף און אַראָפּ אויף אים, האָט אים ג־ט געזאָגט:

— „הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה ולזרעך", דאָס הייסט, די ערד אויף וועלכער דו ליגסט וועלן איך געבן דיר און דיינע קינדער".

לויטן בוכשטעבלעכן פסוק קען מען דאָך מיינען, אַז בלויז דעם שפּאַן ערד אויף וועלכן יעקב איז געלעגן וועט ער און זיינע קינדער באַקומען.

מאַכט דערויף רש״י: „קפל הקב״ה כל ארץ ישראל תחתיו״, דאָס הייסט, דער אייבערשטער האָט איינגעוויקלט גאַנץ ארץ ישראל און עס אונטערגעלייגט אונטער יעקבן. אַזוי אַרום אַז דער פּסוק מיינט, אַז ער וועט באַקומען גאַנץ ארץ־ישראל און ניט בלויז דעם שפּאַן ערד אויף וועלכן ער ליגט.

קענענדיק די מערסטע היינטיקע ייִדישע היימען, לאָזט זיך דער אויבן־געבראַכטער טייטש וווּנדערבאַר אָנמעסטן אויף אונדזער שול:

אַז די גאַנצע ייִדישקייט, וואָס וואָלט געדאַרפט אויספּילן די היימען, האָט דער אייבערשטער איינגעוויקלט און אַריינגעלייגט אין אונדזערע שולן, וואָס דאַרפן אונדזערע קינדער געבן אַלץ, דאָס הייסט, סיי דאָס וואָס אַ שול דאַרף געבן און סיי דאָס וואָס די היים דאַרף לערנען, און וואָס דאָס קינד באַקומט דאָס לײדער ניט דאָרט.

אונדזער שול איז דעריבער ניט בלויז אַ בילדונגס־שול, ווו אונדזערע תלמידים באַקומען ייִדישע ידיעות, נאָר איז בעיקר אַ דערציִונגס־שול, ווו זיי דאַרפן דערצויגן ווערן אין ייִדישן גייסט, וואָס ניט נאָר ברענגען זיי ניט אַזעלכן פון שטוב, וואָס וואָלט געוועז די נאַטירלעכסטע און און נאָרמאַלסטע דערשיינונג, נאָר פאַרקערט, זיי טראָגן גאָר אַריבער דעם שול־גייסט אין זייערע היימען.

מיר האָבן ערשט פאַריקע וואָך זיך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ אינטערעסאַנטן פאַל, וואָס רעדט צו גונסטן אונדזער שול:

ווי באַקאַנט, ווייסן ניט אַ סך עלטערן פון ייִנגערן דור די ייִדישע נעמען פון זייערע קינדער. ווען מען פרעגט זיי ביים פאַרשרייבן די קינדער אין דער ייִדישער שול, מוזן זיי אָפט מאָל אָנקומען צו די עלטערן, צו שווער און שוויגער אָדער גאָר צום זיידן, צו דערוויסן זיך זייערע קינדערס ייִדישע נעמען.

אָבער די פאַריקע וואָך האָבן מיר געהאַט אַ פאַרקערטן סורפּריז:

אויספילנדיק דעם איינשרייב־בויגן, האָבן מיר געפרעגט אַ מאַמען ווי זי הייסט אויף ייִדיש.

האָט זי געענטפערט, אַז אייגנטלעך ווייסט זי ניט איר נאָמען. אויף שפּאַניש הייסט זי „קלאַראַ״. אָבער זאָל מען זי פאַרשרייבן אויף ייִדיש „חייקע״, ווייל איר מיידעלע פון פיר יאָר האָט איין מאָל, אַהיימקומענדיק פון קינדערגאָרטן, אַ זאָג געטאָן צו איר:

— „מאַמיטאַ, סאַבעס, וואָס טע זשאַמאַס ען יידיש: „חייקע״ (מאַמעלע, דו ווייסט, דו הייסט אויף יידיש: „חייקע״). איז פון דאַן אָן הייסט זי חייקע...

אונדזערע קינדער הייבן גאָר אָן צו געבן יידישע נעמען זייערע מאַמעס...

ווייל אונדזערע שולן מוזן אויך דערזעצן אונדזערע היימען, איז זייער באַדייטונג אַן אומאָפּשאַצבאַרע פאַר אונדזער מאַרגן, און זייער אַחריות — אַ פילפאַכיק־גרעסערע ווי פון יעטוועדע אַנדערע שולן אויף דער וועלט.

מוז מען דעריבער ריכטן איר אַרבעט מיט דער גרעסטער איבער־געגעבנקייט און טריישאַפט, זאָרגן פאַר איר יידישן אינהאַלט, פון קינדער־גאָרטן אָן ביז דער מיטל־שול, און אַכטונג געבן אויף אַלע דעטאַלן פון איר אָרגאַניזאַציע און באַווירקונג.

אַזוי מוז מען זען, אַז אונדזערע תלמידים זאָלן אָנפאַנגען צו לערנען אין דער געהעריקער שול־עלטער, און ניט שפּעטער, כדי זיי זאָלן דורכמאַכן סיסטעמאַטיש און אויף אַ גראַדויזרטן אופן אַלע גראַדן פון דער יידישער שול, און זי ניט פאַרלאָזן אין די העכערע גראַדן צוליב זייער עלטער.

אַזוי דאַרף מען אויך זען, אַז זיי זאָלן אָנפאַנגען צו לערנען פונעם קינ־דערגאָרטן, כדי זיי זאָלן זיך געפינען אין אַ יידישער סביבה און זיך אָנזאַפּן מיט יידישן אינהאַלט, שפּראַך, טראַדיציע, ימים־טובים, פון זייער פריסטער קינדהייט, און ווערן צוגעבונדן צו אונדזער שול.

דערביי דאַרף מען זאָרגן אַז דאָס לעצטע יאָר קינדערגאָרטן זאָל זיך קאָמבינירן מיט דער פּראָגראַם פון ערשטן נאָפאַנגער־גראַד פון דער שול, כדי צו פאַרלייכטערן די אַרבעט פון דעם לערער און דערמעגלעכן בעסערע רעזולטאַטן אין די לימודים.

אויך דאַרף מען אין די ערשטע גראַדן גוט אַכטונג געבן אויף דער לעקטור און אויף דעם ריכטיקן שרייבן די אותיות, אויך אויף דער קאַליגראַ־פיע ווי אויף דער אָרטאָגראַפיע, ווייל דער אלף־בית איז נאָך אַלץ די באַזע פון אַ גוטן לערנען אין די העכערע גראַדן און אַפילו אין דער מיטל־שול.

אַן אַ פעסטן פונדאַמענט, דאַרף מען געדענקען, וואַקלט זיך די גאַנצע געביידע, עס דאַרף דעריבער אַ סך אַכט געלייגט ווערן אויף די גרונט־ידיעות פון אונדזערע תלמידים.

אויך דאַרף איינגעשטעלט ווערן פלאַנמעסיקייט אין די שול־ימים־טובים, וואָס דאַרפן אָפּשפּיגלען דאָס געלערנטע און דאַרפן אָטעמען מיט

ייִדישן אינהאַלט און זיך ניט פאַרנעמען מיט זייטיקע ענינים, וואָס אַנטשפּרעכן ניט דעם אייגנטלעכן ציל פון אונדזער ייִדישער שול־דערציִונג.

מיר דאַרפן אויך, ביים אויסבילדן דאָס ייִדיש קינד אין אונדזערע שולן, אין זינען האָבן, אַז ניט מיט דער שול דאַרף זיך ענדיקן זיין ייִדישער חינוך, נאָר אדרבא, ערשט נאָכן פאַרענדיקן זי, דאַרף ער ווערן אַן ייִדיש־אַקטיווער און אינטעליגענטער מיטגליד פון אונדזער געזעלשאַפט, אַ שעפערישער ייִד, אַ קאָנסומענט פון אונדזער ליטעראַטור, פּרעסע, קונסט, אאַז״וו.

דעריבער דאַרפן מיר זיך באַמיִען מיט אַלע מיטלען און זיך אָנשטרענגען אויף אַלע אופנים, צוצוגרייטן אָט־דעם מאָרגנדיקן ייִד, וואָס דאַרף איבערנעמען אונדזער גייסטיקע ירושה.

אַזוי דאַרף מען דאָס קינד צוגעוווינען, חוץ דעם טעקסט־בוך, אַרויסצונעמען ייִדישע ביכער פון דער קינדער־ביבליאָטעק, זיי לייענען און קאָמענטירן.

אין די העכערע גראַדן דאַרף מען איינפירן זייער אָפט דאָס לייענען ייִדישע צייטונגען, כדי דאָס קינד זאָל מיט זיי ווערן פאַרהיימישט, צוגעוווינט, און דורך דעם זאָל דערוועקט ווערן זיין אינטערעס צום ייִדישן לעבן און צו אונדזערע פּראָבלעמען.

ווייל דאָס לערנען אין דער ייִדישער שול איז דאָך אייגנטלעך אַ מיטל וואָס פירט דערצו, אַז אונדזער קינד זאָל פאַרזעצן אויף זיין גאַנץ לעבן זיין ייִדישע אויסלעבונג, און נישט בלויז זאָל זיך באַשרענקען די דאָזיקע ווירוונג אויף די עטלעכע לערן־יאָר, וואָס ווערן נאָך דעם אויסגעוועפּט און אַנטרונען פונעם זכרון, אויב מען איז ניט ממשיך. עס איז דעריבער ביז גאָר וויכטיק, אַז מען זאָל אַלע עלטערן פון אונדזערע תלמידים באַווירקן אויסצושרייבן אַ ייִדישע צייטונג, כדי דאָס קינד זאָל צוגעוווינט ווערן צו לייענען, ווייל דורך אַ ייִדישער צייטונג קומט דאָך אַריין אין דער היים די גאַנצע ייִדישע וועלט.

די שול דאַרף, אַלזאָ, ווי געזאָגט, ניט נאָר בילדן אונדזערע שילער, נאָר טאָקע דערציִען און איינפלאַנצן אין זיי מצוות מעשיות פון ייִדישער פּערמאַנענטער אויסלעבונג, וואָס זאָל ביי זיי אָנהאַלטן שטענדיק.

און דאָ מוזן מיר שוין אויך באַטאָנען די אומגעהייערע וויכטיקייט פון דער ייִדישער מיטל־שול, וואָס דאַרף עקסיסטירן אויף יעדן אָרט פון דער

רעפּובליק, אָדער אין יעדן ראַיאָן, כדי אויסצובילדן אַ ייִדישע אינטעליגענץ, און צוצושמידן דעם תלמיד פון דער אָנפאַנג־שול צום ייִדישן ספר און צו העכערע ידיעות, אין זיין יוגנט, וואָס דאָס מיינט אויסטרעטן אַ פעסטן וועג אין ייִדישקייט אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

די מיטל־שול איז בכן דאָס בעסטע מיטל צו דערהאַלטן אונדזערע קינ־דער ביי אונדזער קולטור און חינוך.

ווי מיר זעען, איז די ייִדישע שול, אָנפאַנגענדיק פון דעם קינדערגאָרטן ביז דער הויכשול, די בריק וואָס ווערט פאַרוואָרפן צווישן דעם איצטיקן און דעם נייעם דור און די ייִדישקייט־פעסטונג וואָס גאַראַנטירט אונדזער היינט און אונדזער מאָרגן.

יואנט-פראגן

ווּ איז אונדזער יוגנט?

אַז מען קומט אויף אַ ייִדישן אַקט, אויף אַ מסיבה, אויף אַ לעקציע אָדער אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, בליצט גלייך אויף אין מח די ווייטיקלעכע פראַגע:

— ווּ איז אונדזער יוגנט? — פאַרוואָס קומט זי ניט אויף אונדזערע צוזאַמענקונפטן, פאַר וואָס זעט מען זי ניט אויף אונדזערע קולטור־פאַר־אַנשטאַלטונגען?

און לאָמיר גלייך זאָגן, אַז מיר מיינען דאָ ניט די יוגנט וואָס האָט ניט געקראָגן קיין ייִדישע דערציִונג, וואָס איז ניט באַהאַוונט און פאַראינטערע־סירט אין אונדזערע פּראָבלעמען, און קען ניט אונדזערע לשונות, זי איז אַן און פאַר זיך אַ האַרבע פּראָבלעם. מיר מיינען דאָ די מחנה יוגנטלעכע וואָס האָבן פאַרענדיקט אָדער לערנען אין אונדזערע מיטל־שולן און סעמי־נאַרן, וואָס רעדן אונדזערע לשונות, און זענען באַקאַנט מיט אונדזערע קולטור־אוצרות.

— ווּ זענען זיי? פאַר וואָס זעט מען זיי ניט אויף אונדזערע אַקטן?

מען האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ביים באַהאַנדלען אָט די דאָזיקע אַנגעווייטיקטע פראַגע, אויסגעדריקט די מיינונג, אַז כדי די יוגנט זאָל קומען מוז מען זי פאַראינטערעסירן. מען דאַרף דורכפירן צוציִענדיקע פּראָגראַמען, אאַז״וו. מען מוז אַרויספירן יוגנטלעכע רעפערענטן און קינסטלער, און דאַן וועלן מיר זיי געווינען אַלס פּובליקום אויף אונדזערע אַקטן.

וואָס נוגע יוגנטלעכע רעפערענטן אָדער קינסטלער, קען מען נאָך קריגן אַ מנין, בעסערע צי ערגערע, אָבער אַ יוגנט־פּובליקום, וואָס זאָל זיין דער קאָנסומענט פון די גייסטיקע שפּייז, וואָס זאָל קומען בייזיין, הערן און גע־ניסן, האָבן מיר נאָך אַלץ ניט.

און טאָמער מיינט מען, אַז בלויז ביי קאָנפערענצן געשעט אַזעלכעס, אַז בלויז ביי רעדעס, וואָס אַ סך זאָגן, אַז ס'איז צו „טרוקן“ און ניט צוציִענדיק פאַר יוגנט, בלויז דאַן זעט מען זי ניט, קען מען אויך זען, אַז ביי אַקטן, אויף וועלכע עס טרעטן אַרויס אויך קינסטלער, און בפירוש גוטע קינסטלער, קומען אויך ניט קיין יוגנטלעכע, אויסער אַ מאָל געציילטע אויסנאַמען.

און ניט נאָר ווען עס טרעט אויף אַן עלטערער קינסטלער, נאָר אַפילו אַ יונגער אָדער גאָר אַ יוגנטלעכער, האָבן זיי אויך ניט קיין בעסערע מערכה ביי דער יוגנט. און אַזוי טרעפט אויך זייער אָפט, אַז ביים אויפטריט פון אַ יוגנטלעכן רעפערענט, איז דער איינציקער יוגנטלעכער וואָס קומט אים הערן... ער אַליין.

אַזוי אין שטאָט, אַזוי אין די אומגעגנטן און אַזוי אויף דער פּראָווינץ.

און טאָמער וויל מען מלמד־זכות־זיין אויף אונדזער יוגנט און זאָגן, אַז זיי זענען ניט מחויב צו גיין אויף אַלע אַקטן, ווילן מיר זאָגן אַז מיר פֿרע־טענדירן ניט אַז אַלע הונדערטער באַוווסטזיניקע און אינטעליגענטע יִדישע יוגנטלעכע זאָלן קומען אויף אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען.

ניט שטענדיק קענען זיי דאָס אויספירן, אָבער אַפילו זיי זאָלן גיין איין מאָל אין וואָך, וואָלט מען אויך באַקומען אַ דורכשניט פון עטלעכע צענדליק יוגנטלעכע אויף יעדן אַקט, און ווי באַקאַנט, האַלט עס נאָך זייער ווייט דערפון...

און עס האָט זייער טרעפלעך געזאָגט אַ חשובער רעפערענט, אַז אַמאָל, אין די אייראָפּעיִשע לענדער, ווען אַ יונגער רעדנער האָט זיך געשטעלט רעדן, האָט ער געזוכט צווישן עולם, אַ ווייס־האָריקן קאָפּ, און עס איז פאַר אים געווען אַ כבוד און אַ שטאָלץ וואָס אַן עלטערער יִיד איז געקומען אים הערן, אָבער היינט איז גאָר פאַרקערט: אַז מען דערבליקט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר צווישן פּובליקום, איז דאָס גאָר אַ גרויסער זכות וואָס מוטיקט און וואַרעמט.

פון דעם אויבנגעזאָגטן באַקומט זיך, אַז אונדזער יוגנט זעט מען ניט ביי אַן עלטערן רעפערענט און ניט ביי אַ יונגן, ניט אויף אַ קאָנפערענץ און ניט ביי אַ קונסט־פּראָגראַם, ניט אין שטאָט און ניט אויף דער פּראָווינץ.

— וווּ־זשע איז אונדזער יוגנט?

דאָס איז אַ פראַגע וואָס עגבערט דעם מח און וואַרט אויף אַ תיקון.

דאָ גייט ניט אין שאַבלאָנער לויבעריי וועגן דער יוגנט און אויך ניט אין קלאָגעריי אויף דער יוגנט. דאָ גייט בלויז אין זעלבסטדערקענטעניש, דאָס הייסט, אין קענען זיך אַליין און אין דערקענען די ווירקלעכקייט, און מען דאַרף דעריבער זוכן אַ לייזונג צו דער דאָזיקער האַרבער פּראָבלעם.

ווייל אַ יוגנט וואָס לערנט אונדזערע גייסטיקע ווערטן און אינטערעסירט זיך נישט מיט אונדזער קולטור־אַרבעט, וואָס לעבט זיך ניט אויס אַליין יידיש־קולטורעל, וואָס באַלעבט ניט אונדזער סביבה און באַווירקט זי ניט מיט איר אָנוועזנהייט און אָנטייל, מיט איר שעפערישקייט־צושטייער, דער־וועקט ניט קיין צו אָפּטימיסטישע האָפענונגען און גלויבן. דאָס זענען פאַר קיין פאַל ניט קיין פּאָזיטיווע סימפּטאָמען פאַר אונדזער מאָרגן.

צו אָט דער יוגנט וואָס רעדט אונדזערע לשונות, און וויקט זיך, אַזוי צו זאָגן, אין אונדזערע קולטור־שאַפונגען, איז מען באַרעכטיקט אַרויסצורוקן פאָדערונגען, לפּחות די מינימאַלסטע פאָדערונג צו קומען אויף אַ יידישן קולטור־אַקט, און דערצו נאָך אויף אַ וואָגיקן און אינטערעסאַנטן, פאַר איר, פאַר דער יוגנט גופא.

מיר מוזן אָט די דאָזיקע פראַגע אַרויסרוקן אָפן און אויף דעם קלאָרסטן אופן. ווייל דער אמת איז, אַז מיר פאַרמאָגן אַ גלענצנדיקן יוגנט־עלעמענט פון וועלכן מיר וואָלטן געקענט זייער און זייער אַ סך דערוואַרטן.

עס באַווייזן דאָס די הונדערטער יוגנטלעכע וואָס לערנען אין אונדזערע סעמינאַרן און מיטל־שולן, די הונדערטער יוגנטלעכע פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּירונגען, די צענדליקער חלוצים און עולים פון אַר־גענטינע, וואָס זענען אַ שטאָלץ פאַר אונדזער ישוב.

אָט די יוגנט דאַרף מען אָנרעגן צו אַן אַקטיוון אָנטייל אין אונדזער היגן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, שטויסן צו שעפערישקייט, און איר מיט דער צייט אָנפאַרטרויען די קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס פון אונדזער גע־מיינדע־לעבן, ווען מען וועט אָפּטרעטן זיי בויער און דאַרפן עס ווערן.

מען דאַרף ביי אָט דער יוגנט אויפוועקן איר וואָלונטאַריזם פאַר אונדזער היגן לעבן און איר אינטעלעקטואַליזם, זי זאָל קומען און זיך מיטבאַטייליקן אין אונדזער גייסטיקער טעטיקייט און שאַפן, און זאָל צו שטייער געבן איר יוגנט־ברען, איר טאַלאַנט און וויסן, איר ווילן און אינטערעס, איר אַר־

מרדכי הערבסט

בעט און איבערגעגעבנקייט אויף אַלע קולטור-געזעלשאַפטלעכע געביטן פון אונדזער ישוב, בכדי אַזוי אַרום געבן אַן ענטפער אויף דער גערעכטער און באַרעכטיקטער טענה, און אויף דער מאַטערנדיקער און זאָרגפולער פראַגע:

— ווו איז אונדזער יוגנט?

ווי אַזוי ציט מען אַריין די יוגנט אין אונדזער קולטור־אַרבעט?

מיר מיינען אַז דער בעסטער און איין־און־איינציקער מיטל, אַריינצוציִען די יוגנט אין אונדזער קולטור־אַרבעט, איז צו באַטייליקן זי אין דער זעלבער, ווען מען זי במילא געווינען אַלס שותּפים פון דער דאָזיקער אַרבעט און פאַרזיכערן איר אינטערעס און אַנטייל אין איר.

כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף מען באַשעפטיקן וואָס מער יוגנטלעכע אויף אַלע געביטן פון אונדזער קולטור־אַקטיוויטעט.

ווען מען איז באַשעפטיקט ביי עפּעס, איז מען במילא פאַרפּליכטעט, און מיט דער צייט ווערט אַזאַ אַרבעט נאַטירלעך. אויך דאַרף מען שאַפן יוגנט־גרופּעס וואָס זאָלן טאָן פאַרש־אַרבעטן אויף פאַרשיידענע געביטן.

פון זייער אַ גרויסער וויכטיקייט און באַדייטונג זענען ליטעראַרישע קאָנקורסן, סימפּאָזיומס פון יוגנטלעכע אאַ״וו, וואָס זאָלן אַריינציִען די ייִדיש־שטודירנדיקע יוגנט און זי אָנרעגן צו גייסטיקע פאַרמעסטן אין אונדזער פּראָבלעמאַטיק.

דאָס אויבן דערמאָנטע צילט, אַז די ייִדישע יוגנט זאָל אַרבעטן איבער זיך, לערנען, פאָרשן, פאַרטיפן זיך, און אָנטייל נעמען אין אונדזער קולטור־טעטיקייט.

אין דער אמתן וואָלט אַזאַ שטרעבונג געדאַרפט קומען פון דער יוגנט זעלבסט, וואָס זאָל זיך קאָנצענטרירן אין ספּעציעלע יוגנט־קולטור־פאַראיינען, אַרויסגעבן יוגנט־זשורנאַלן, שאַפן יוגנט־צענטערס אאַ״וו, ווי עס איז אַמאָל געווען ביי דער אייראָפּעישער ייִדישער יוגנט און אין די ערשטע אימיגראַציע־יאָרן אין אונדזער ישוב. דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע

און די נאָרמאַלסטע דערשיינונג, אין הסכם מיט דעם יוגנט־דראַנג, אָבער אַזוי ווי דאָס מערקט זיך נישט לעת־עתה ביי אונדזער בעסערער יידישער יוגנט, ליגט דער חוב אויף די צענטראַלע אָרגאַניזמען פון אונדזער ישוב, ווי אויף די פאַרשיידענע קולטור־קערפּערשאַפטן, אַרויסצופירן אונדזער יוגנט פון איר פּאַסיוויטעט אין אונדזער קולטור־אַרבעט, פון איר אינ־טערעסלאָזיקייט און אומשעפערישקייט.

די דאָזיקע קערפּערשאַפטן וואָלטן געדאַרפט גרינדן ספּעציעלע יוגנט־קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט, וואָס זאָלן זיך אויסשפּרייטן אין די אומ־געגנטן און אויף דער פּראָווינץ, וואָס זאָלן פּאַרוואַלטעט ווערן דורך דער זעלבער יוגנט און וועמענס אַרבעט־פּראָגראַמען זאָלן אַרומנעמען אַלע קול־טור־שעפערישע געביטן, ווי זשורנאַלן, כאָרן, טעאַטער, פּאַרלעגערישע אַר־בעט, רעפעראַטן, מוזיק, פּאַרש־גרופּעס אאַ״וו. אין די דאָזיקע קולטור־אָר־גאַניזאַציעס פאַר יוגנט וואָלט זיך גרופּירט די גאַנצע העברעיִש־יידישע שטודירנדיקע יוגנט, די וואָס לערנען און די וואָס האָבן פאַרענדיקט די פאַר־שיידענע יידישע מיטל־שולן, סעמינאַרן, העכערע לערן־אַנשטאַלטן און קורסן, וואָס ציילן אין די הונדערטער צווישן וועלכע עס געפינען זיך לערער, דירעקטאָרן, פּראָפעסאָרן, קינסטלער און פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס וואָלטן זיך אַזוי אַרום אויסגעלעבט יידיש־קולטורעל אין אַ פּאַר זיי אינטערעסאַנטער סביבה און אינהאַלט און אין די צו זיי אַמנאָענטסטע אַרבעט־סעקציעס.

דאָס וואָלט געווען די בעסטע צוציִונגס־קראַפט פאַר דער איבעריקער יוגנט, ווייל: יוגנט ציט צו יוגנט, יעדנפאַלס וואָלט דאָס געווען די בעסטע גאַראַנטיע און טויזנט מאָל ווירקזאַמער ווי יעטוועדער פּראָפּאַגאַנדע, מוסר־רייד, פּראָקלאַמעס וכדומה. אין די דאָזיקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אָדער צענטערן פון און פאַר דער יוגנט, וואָלט מען גערעדט אין אונדזערע לשונות, נעמלעך, אויף יידיש און העברעיִש, און דאָס אַליין וואָלט שוין באַ־רעכטיקט זייער עקסיסטענץ, און וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל געפירט צום תכלית פון די יידישע לימודים, צום רעדן און אויסלעבן זיך אין אונ־דזערע לשונות, קאָנסערווירן און אַריינגיסן אין זיי אַלע איבערלעבונגען און דינען ווי די כלי און דער אינסטרומענט פון דער יידישער קולטור.

ווייל, למען האמת, איז אונדזער שטודירנדיקע העברעיִש־יידישע יוגנט אָן ״עם־הספר״ בנוגע אונדזערע לשונות, ד״ה זיי באַנוצן זיי בלויז ביים

ספר, ביים לערנען, בעתן אָפּגעבן די לעקציעס אין די יידישע מיטל־שולן און סעמינאַרן, צווישן די ווענט פון די זעלבע, אָבער אויסער זיי הערט מען נישט קיין קלאַנג פון אונדזערע לשונות, וואָס בלייבן אַזוי אַרום צווישן די ווענט פון „בית־המדרש", פון די מיטל־שולן און סעמינאַרן, און טראָגן זיך נישט איבער אויף דער יידישער גאַס, אין דער יידישער היים, און אויף דער אייגענער צונג פון אונדזער יוגנט, וואָס דאָס איז דאָך דער אייגנטלעכער ציל און תכלית פון די דאָזיקע חינוך־אַנשטאַלטן, וואָס זענען אַן אינסטרומענט און אַ מיטל דאָס צו דערגרייכן.

צום באַדויערן, און לאָמיר דאָס זאָגן אָפן, — ווייל נאָר די אויפריכטיקע פאָרמולירונג פון אונדזערע פּראָבלעמען קען פירן צו זייער ליזונג — פאַרמאָגן מיר יוגנטלעכע, וואָס זייערע יידישע לשונות און זייער יידישע קולטור ענדיקט זיך אין און מיט זייער באַטרעפנדיקן סעמינאַר, און אויסער זייערע באַשטימטע לימודים עקסיסטירט נישט פאַר זיי קיין יידיש־העברעישער לשון, בוך, קולטור־אינטערעסן אאַ"וו. אַנטשפּרעכנדיקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס וואָלטן דעריבער דערגאַנצט די אַרבעט פון די העכערע יידישקייט־שולן און אַריינגעצויגן די יידישע יוגנט אין דער פּערמאַנענטער קולטור־אויסלעבונג און אינטערעסן, צו וואָס עס צילן אייגנטלעך די אויבן דערמאָנטע שולן.

נאָר אַזוי אַרום קענען מיר האָפן צו געווינען די שפּעטערישע יוגנט־אונדזערע, ווי אויך אַ יוגנט־פּובליקום פאַר אונדזערע אַקטן און אַלס קאָנסומענטן פון דער יידישער ליטעראַטור און קונסט אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען.

אויסער דעם, דאַרפן אונדזערע קולטור־אָרגאַניזמען אַריינציען אין זייערע עקזעקוטיוון יונגע כוחות, כדי זיי צו באַטייליקן אין דער אַרבעט און מיט דער צייט אין דער אָנפירערשאַפט פון אונדזערע קולטור־פּאָזיציעס, וואָס דער יונגער דור וועט דאַרפן פאַרנעמען, ממשיך־זיין און באַרייכערן.

אין רעזומען קענען מיר זאָגן, אַז מען דאַרף די יוגנט פאַרוואַנדלען אין שותפים פון אונדזער קולטור־אַרבעט אויף אַלע אירע געביטן, דורכן דירעקט זי באַטייליקן און באַשעפטיקן זי אין דער זעלבער, אַריינציען זי אין דער פירערשאַפט פון אונדזערע קולטור־קערפּערשאַפטן און שאַפן יוגנטלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

שפּראַך און אינהאַלט ביי אונדזער יוגנט

בעת די לעצטע זיצונגען פון דער קהילה איז דיסקוטירט געוואָרן דאָס דורכפירן, אין די ראַמען פון דעם „חודש פון יידישן בוך”, אַ ספּעציעלן אַקט אויף שפּאַניש פאַר אונדזער יוגנט. דער מיין פון איינאָרדענען אַזאַ אַקט איז אָן שום צווייפל אַ גוטער און די כוונה — אַ נאָבעלע, אָבער דער גאַנצער ענין בעט זיך מען זאָל אים אַנאַליזירן און קומען צו די געהעריקע אויספירן.

פון אונדזער זייט ווינטשן מיר פון גאַנצן האַרצן, אַז אַזעלכע אַקטן אויף שפּאַניש, זאָלן צוציִען די יוגנט, איבערהויפּט די אָפּגעפרעמדטע און דער־ווייטערטע. אָבער צום באַדויערן, זעען מיר דאָס נישט אויף ענלעכע ביז־אַהער דורכגעפירטע אַקטן, ווייל די יוגנט וואָס פאַרשטייט נאָר שפּאַניש קומט נישט צו אונדזערע אַקטן, לייענט נישט, פאַרטיפט זיך נישט אין יידישן קולטור־אינהאַלט און ווערט נישט אַריינגעצויגן אין אונדזער געמיינדע־פּראָבלעמאַטיק.

אויסער אויף פאַרטייישע אַקטן אָדער פון אַ באַשטימטער טענדענץ, זעט מען די דאָזיקע יוגנט נישט, שוין אָפּגערעדט אויף אַלגעמיינע יידישע קולטור־אַקטן, וואָס ווערן אָפט דורכגעפירט מיט דער באַטייליקונג פון שפּאַנישע קאָנפערענציסטן, צווישן זיי מערערע פון יונגן דור.

און לאָמיר גלייך זאָגן, אַז צום יידישן אינהאַלט און צו יידישע אינטע־רעסן קען מען בלויז קומען דורך אונדזערע אייגענע לשונות און נישט דורך דער לאַנד־שפּראַך. אדרבא, פון יידישן אינהאַלט צו דער לאַנד־שפּראַך קען מען גיכער קומען ווי פאַרקערט. דאָ גייט נישט אין זיין פאַר אָדער קעגן שפּאַניש, אָדער אין פאַרטיידיקן אונדזערע לשונות, וואָס נייטיקן זיך לגמרי

נישט אין אַזאַ מין אַפּאָלאָגעטיק, נאָר אין פעסטשטעלן אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן.

אַלע אונדזערע עלטערע און יונגערע אינטעלעקטואַלן וואָס רעדן אויף שפּאַניש, זענען באַקאַנט מיט אונדזערע לשונות, אָדער קומען פון שטיבער ווו מען רעדט יידיש, אָדער זיי זענען קאָלאָניסטישע קינדער, וואָס יידיש איז זיי באַקאַנט און נאָענט. נישטאָ צווישן אונדזערע רעדנער אויף שפּאַניש וועגן יידישע טעמעס, אַזעלכע וואָס זאָלן בלויז קענען שפּאַניש — דאָס זעלבע געשעט אויך צווישן אונדזערע עסקנים — ווייל אויב אַזעלכער איז פאַראַן, האַלט מען אים פאַר אַ פרעמדן און אומבאַהאַוונטן אין יידישע ענינים.

צווישן די יונגע אינטעלעקטואַלן וואָס רעדן אויף יידישע טעמעס אויף שפּאַניש, זענען כמעט אַלע געענדיקטע אין אונדזערע סעמינאַרן און מיטל־שולן, דאָס הייסט, אַז זייער רעדן שפּאַניש אויף יידישער טעמאַטיק, קוועלט אַרויס פון זייער קענען אונדזערע לשונות.

דאָס הייסט, אין אַנדערע טערמינען, אַז נישט דורך שפּאַניש זענען זיי צוגעצויגן געוואָרן צו יידישקייט און יידישן אינהאַלט, נאָר פאַרקערט, אַ דאַנק זייער לערנען אונדזער קולטור אין אונדזערע אייגענע לשונות, קענען זיי איצט האַלטן רעפעראַטן וועגן יידישקייט אין דער לאַנד־שפּראַך.

נאָכמער: אַפילו נישט־יידן וואָס רעדן וועגן יידנטום און וועגן יידישקייט, זענען אָדער קאַטעדראַטיקער פון העברעיש אין די אוניווערסיטעטן פון זייערע באַטרעפנדיקע לענדער, ווי אין שפּאַניע, דייטשע און ענגלישע יודאַאיסטיקער, א״אַ, אָדער גלחים, וואָס האָבן אויך געלערנט אונדזער קולטור אין אונדזערע אָריגינעלע לשונות, און זענען אין זיי אַפילו גרויסע מומחים.

דאָס גלייכן געשעט עס אין צפון־אַמעריקע, ווו די רעפערענטן אויף יידישע טעמעס אויף ענגליש, זענען אָדער ראַבינערס אָדער אַנדערע יידיש־העברעיש־קענענדיקע פּרזאָנען, וואָס ברענגען אַרויס אויף ענגליש דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט אויף העברעיש און אויף יידיש.

און פּונקט ווי די רעפערענטן אויף דער לאַנד־שפּראַך, אַזוי איז אויך דאָס פּובליקום.

אונדזער יוגנט וואָס קומט הערן אויף שפּאַניש וועגן יידישקייט, איז די, וואָס קען דווקא יידיש און העברעיש און נישט יענע וואָס קענען נישט. ווייל דער יוגנטלעכער וואָס קען נאָר שפּאַניש און וויל זיך באַקענען מיט

יידישע ווערטן און זיך אָנשטרענגען און פּאַרטיפן זיך אין ביכער וועגן יידישקייט, וועט ער במילא שוין זיך לערנען יידיש און העברעיש, ווייל אַנ־דערש קען ער דאָס נישט דערגרייכן. עס איז נישט פאַראַן אויף שפּאַניש די רייכע יידישע קולטור וואָס זאָל דאָס אים דערמעגלעכן.

אַלס ביישפּיל קענען מיר ברענגען די חלוצים, וואָס גייען עולה־זיין און שטרענגען זיך אָן צוצופּאַסן צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען, לערנען זיי במילא עברית.

מיר ווילן אויך ברענגען נאָך עטלעכע ביישפּילן:

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט ביי דער קהילה, מיט יאָרן צוריק, האָט זיך אַ פאַרשטייערן פון דער העברעיסטישער באַוועגונג אויפגעשטעלט און גערעדט עברית. עס איז דערביי געזעסן אַ יונגער אַדוואָקאַט, אַ טוער אין דער ציוניסטישער יוגנט־קאָנפעדעראַציע וואָס האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון דער דאָזיקער דערשיינונג און זי וואַרעם באַגריסט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ יידישער זשורנאַליסט קריטיקירט אָט דעם יונגנמאַן פאַר אַרויסווייזן בלויז סימפּאַטיע צו העברעיש, אַנשטאָט אַליין זיך אויסלערנען די שפּראַך, וואָס אַלס אוניווערסיטאַריער, איז דאָס פאַר אים נישט קיין גרויסער קרבן. אין אַ צייט אַרום איז ער געוואָרן פון מיינע פלייסיקסטע תלמידים פון עברית און אויך מיטגעריסן זיין פרוי צו לערנען.

אויך געדענקט זיך, אַז אויפן ערשטן לאַטיין־אַמעריקאַנער ציוניסטישן קאָנגרעס אין מאָנטעווידעאָ, אין מערץ 1945, האָט אויף אַ סעסיע פון דער יוגנטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג אויפן קאָנטינענט, גערעדט אַ יונגער דעלעגאַט אויף עברית. האָבן אים אַלע יוגנטלעכע בייוועזנדיקע פרענעטיש אַפּלאָדירט.

אַלס ענטפער אויף די אַפּלויזן, האָט דער רעדנער אויסגערופן:

— „אַנשטאָט צו אַפּלאָדירן עברית, גייט בעסער לערנען עברית!"...

אויך אויפן פינפטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער אַרגענטינער ציוניס־טישער יוגנט־קאָנפעדעראַציע, וואָס איז צושטאַנדגעקומען אין קאָרדאָבאַ, אָנהייב 1946, האָט דער שרייבער פון די שורות גערעדט אויף העברעיש און אויף יידיש און געוואָרפן די לאָזונג פון:

— אַנשטאָט רעדן פֿאַר ייִדיש און העברעיִש, בעסער רעדן אויף ייִדיש און העברעיִש״.

ווייל רעדן אויף שפּאַניש וועגן ייִדישע טעמעס און פּראָבלעמען, פֿאַר ייִדישער יוגנט, קומט נאָר אויס צו פּרעדיקן פֿאַר. איז דאָך שוין בעסער צו רעדן אויף אונדזערע לשונות.

מיר קענען מיט דער גרעסטער זיכערקייט דעריבער זאָגן, אַז ייִדיש און העברעיִש האַלטן אונטער די שפּאַנישע רעדעס וועגן ייִדישקייט. ווייל די וואָס קענען נישט אונדזערע לשונות, קומען בכלל נישט אויף אונדזערע אַקטן, אויסער, ווי געזאָגט, אויף פּאַרטייִשע אָדער פֿון אויסגעשפּראָכענער אַנגעהעריקייט-טענדענץ, ווייל וואָלטן זיי יאָ געקומען, וואָלט נייטיק געווען אַ „לונאַ פּאַרק״ זיי איינצואָרדענען, און דערווייל, ווי באַקאַנט, האַלט עס זייער ווייט דערפֿון...

אויך איז אַנדערש צו וועלכן יוגנט-פּובליקום מען רעדט אויף שפּאַניש וועגן ייִדישע טעמעס.

אונדז איז אויסגעקומען צו האַלטן לעצטנס צוויי רעפֿעראַטן, אויף דער זעלבער טעמע אויף שפּאַניש, פֿאַר צוויי פֿאַרשיידענע יוגנט-קרייזן.

איין קרייז איז באַשטאַנען פֿון יוגנטלעכע וואָס אַ טאָג פֿריִער האָבן זיי געלערנט אַ שיעור תּלמוד, און דער צווייטער יוגנט-קרייז איז קנאַפּ געווען באַהאַוונט אין ייִדישער קולטור, און אויגנשיינלעך איז געווען דער אונ־טערשייד פֿון אויפֿנעמען און באַנעמען די טעמע מצד די דאָזיקע צוויי קרייזן.

נאָכמער: ווען עס איז דאָ דערשינען אַ צייט אַ טעגלעכע שפּאַנישע צײַ־טונג וועגן ייִדישע פּראָבלעמען, זענען די מערסטע לייענער געווען דווקא... ייִדיש-לייענער. ווייל די וואָס לייענען נישט ייִדיש אָדער עברית, נאָר בלויז שפּאַניש, האָט זיי אַזאַ צייטונג נישט פֿאַראינטערעסירט. זיי האָבן גענוג צייטונגען אין דער לאַנד-שפּראַך און פֿון אַ גרעסערן פֿאַרנעם. אַזאַ צייטונג האָט ביי זיי נישט געקענט אַרויסרופֿן קיין איבעריקע צוציִונג. אַנדערש וואָלט שוין געווען, אַזוי גלייבן מיר, ווען עס פֿאַנגט אָן דאָ־הי צו דערשיינען אַ טעגלעכע ייִדישע צייטונג, וואָלט זי געהאַט אַ גרעסערן דערפֿאָלג און אויסדויער, צוליב דער אַנדערשקייט, די צוציִונג און ראָמאַנטיק.

דאָס גלייכן געשעט מיט די ייִדישע צייטונגען און אויסגאַבעס, טראָץ דער גרויסער פֿאַרשפּרייטונג פֿון שפּאַניש און די ניט-גוטע מערכה פֿון ייִדיש.

לויט דער סטאַטיסטיק, דאָס הייסט, לויט דער צאָל שפּאַניש־ריידנדיקע ייִדן אין אַרגענטינע, וואָלטן באַדאַרפט דערשיינען עטלעכע ייִדישע טאָג־צייטונגען אויף שפּאַניש און מערערע וואָכנבלעטער און זשורנאַלן און פּראָ־פּאָרציאָנעל אַ קלענערע צאָל אויף ייִדיש. דאָס גלייכן וואָלטן באַדאַרפט פּאַרקומען אַזוי פיל מערער אַקטן אויף שפּאַניש און עס וואָלט באַדאַרפט קומען אַ פילפאַכערער פּובליקום אויף די זעלבע.

אָבער דיווירקלעכקייט איז גאָר אַן אַנדערע. ווייל, ווי שוין דערמאָנט, פירן צו ייִדישער קולטור און צו ייִדישן אינהאַלט, בלויז אונדזערע לשונות און נישט קיין אַנדערע שפּראַכן. און קומען קומען ייִדן אויף ייִדישע אַקטן נאָר אַ דאַנק דער ייִדישער פּרעסע און נישט פון קיין אַנדערע. עס איז אַפילו היסטאָריש באַגרינדעט: אַז פרעמדע שפּראַכן זענען ביי ייִדן געווען אידענ־טיפיצירט מיט אָפּקערונג פון דער ייִדישער קולטור און אינהאַלט, און נישט פאַרקערט, אַזוי קען מען, למשל, אָנווייזן, אַז אונדזערע חכמים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט צו אַראַמיש, ווי אַ געפאַר פאַר אונדזער קולטור. אַפילו דאַוועגען אויף דער דאָזיקער שפּראַך האָבן זיי פאַרווערט, מיטן אויסרייד, אַז די מלאכים וואָס ברענגען־פאַר די תפילות פאַרן אייבערשטן, פאַרשטייען נישט קיין שום אַנדער שפּראַך, אויסער העברעיִש...

אויך צו לערנען גריכיש האָבן אונדזערע חכמים דערלויבט בלויז אין אַזאַ שעה, וואָס איז נישט טאָג און נישט נאַכט. און פאַר אַ טראַגעדיע האָבן זיי אַפילו באַטראַכט דאָס איבערזעצן דעם תנ״ך אויף גריכיש, ווייל ער קען נישט ווי געהעריק איבערגעגעבן און פאַרטייטשט ווערן אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

און אַ היסטאָרישער פאַקט איז אויך, אַז אַלע גרויסע ווערק פון אונ־דזערע פּראָמינענטע דענקער, ווי דער רמב״ם, אבן גבירול, יהודה הלוי א״אַ, זענען פאַרבליבן אין אונדזער קולטור־פאַרמעג נאָר אַ דאַנק זייער איבער־זעצונג אויף העברעיִש.

די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז ביי ייִדן זענען שפּראַך און אינהאַלט איין אומאָפּטיילבאַרע גאַנצקייט, ווי אַ גוף מיט נשמה, און שיידט מען אָפּ די שפּראַך, גייט אויך פאַרלוירן דער אינהאַלט. און דער דאָזיקער היסטאָרישער אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט איז שטאַרקער און מעכטיקער פון אַלע אונדזע־

מרדכי הערבסט

רע בעסטע כוונות פון „שמע בכל לשון שאתה שומע“, פון פאַרשפּרייטן יידישקייט אין פרעמד־שפּראַכן.

מיר שטרייכן ווידער אונטער, אַז מיר האָבן גאָרנישט דאַקעגן עס זאָלן דורכגעפירט ווערן אַקטן אויף שפּאַניש. אדרבא ואדרבא, מיר ווינטשן פון גאַנצן האַרצן זיי זאָלן האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג און ברענגען די געווונ־טשענע רעזולטאַטן, אָבער טראָץ אַלע אונדזערע גוטע ווונטשן, מוזן מיר זיין רעאַליסטיש און ציִען, נאָך אונדזער אַנאַליז, די מסקנא, אַז: בלויז דורך דעם פאַרשפּרייטן אונדזערע לשונות צווישן אונדזער יוגנט, דורך דעם פאַר־שטאַרקן אונדזערע סעמינאַרן, מיטל־שולן, קורסן, דורכן פאַרברייטערן, פאַר־גרעסערן און צעצווייגן זיי, וועלן מיר אונדזער יוגנט געווינען פאַר דער יידישער קולטור, נישט נאָר קוואַליטאַטיוו, דאָס הייסט, אין איכות, נאָר אַפילו קוואַנטיטאַטיוו, אין כמות.

ווייל דער איינציקער וועג וואָס פירט צום יידישן אינהאַלט און צו דער יידישער קולטור, איז דווקא דורך אונדזערע אייגענע לשונות.

קולטור - פראבלעמען

ווער דאַרף אַזאַ מין ליטעראַטור?

פאַראַן ביי אונדז יידן וואָס ווילן אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיין ככל הגויים. פאַראַן ווייטער אַזעלכע וואָס האַלטן אַז מיר דאַרפן נישט זיין ככל הגויים, נאָר אַנדערש, בעסער, העכער, דערהויבענער. אָבער אַז יידן זאָלן זיין ערגער פון כל הגויים, וועגן דעם קען קיין רייד נישט זיין.

מיר שרייבן דאָס אַנטקעגן דער אומפאַסיקער ליטעראַטור, די אָפטע פאַרשונדעוועטע ראָמאַנען וואָס מיר טרעפן אָן אין אונדזערע צייטונגען, מיט וועלכע מען שפייזט אונדזערע לייענער. אַזעלכע ראָמאַנען ווערן צוגעשטעלט צום לייענער־קאָנסומענט טאָג־טעגלעך, אין לאַנגע ראַטעס, דאָס הייסט, זיי דויערן מאָנאַטן ביז זיי ענדיקן זיך און זענען בכן זיין פערמאַנענטער ליטע־ראַרישער קוואַל.

דאָס וואָס מען טרעפט נישט אין די טעגלעכע שפאַנישע צייטונגען, דאָס הייסט, ביי כל הגויים, האָבן מיר ברוך־השם בשפע טאָג־טעגלעך אין אונדזערע יידישע אויסגאַבעס.

און למען האמת, שרייבן נישט די דאָזיקע אומפאַסיקע ראָמאַנען, וואָס זענען באַווירצט, באַפעפערט און ביז גאָר שטאַרק באַזאַלצן מיט אומאָנ־שטענדיקע עראָטישע סצענעס, לעצטראַנגיקע אָדער מיטלמעסיקע שריי־בערס און ראָמאַניסטן, נאָר די פראָמינענטסטע און באַרימטסטע פענהאַלטער לייגן אַריין זייער גרעסטע און אָנגעשטרענגסטע ליטעראַרישע מי און אַר־בעט, כדי די דאָזיקע סצענעס זאָלן אַרויסקומען „קינסטלערישער", פער־פעקטער, מיט אַלע פיטשעווקעס און עפעקטן...

און ביים לייענען דאָס, כאַפּט אייך אַרום אַ בושה און אַ חרפה, אַ וויטיק און טייל מאָל אַפילו אַ גרויסער גרימצאָרן, פאַר וואָס מען דערלאָזט אַזעל־כעס דרוקן אין אַ יידישער אויסגאַבע.

מענטשן, וואָס זענען דערצויגן מיט פּיעטעט צום ייִדישן לשון, צו דער ייִדישער קולטור און צו דער ייִדישער ליטעראַטור, מענטשן וואָס באַציִען זיך מיט אַ געפיל פון הייליקייט און דערהויבנקייט צום ייִדישן אות און צום ייִדישן וואָרט, בלייבן שטיין פאַרביטערט און אַנטוישט פון אַזאַ מין „ליטע־ראַטור", מען בלייבט ווי פאַרשעמט, באַליידיקט.

ייִדישע קולטור־מענטשן, כלל־טוער און שרייבער, וואָס באַמיִען זיך צו דערציִען זייערע קינדער, די אייגענע און פרעמדע, צו זיין ייִדיש־לייענער — בלייבן שטיין מיט פּחד:

— צו אַזאַ ליטעראַטור ווילט איר אונדזערע קינדער דערפירן?!

און זאָל דער לייענער נישט מיינען אַז די שורות שרייבט עפּעס אַן אַלטפרענקישער ייִד, פון דעם אַמאָליקן שניט, צי גאָר אַ מוסר־פרעדיקער!

ניין, דאָס שרייבט אַ היינטוועלטיקער יונגער מענטש, וואָס איז אַריינ־געוואַקסן אין דער היגער סביבה, איז איינער פון היינטיקן דור, וואָס ווערט כלל נישט נאָר איבערראַשט און „אַנטציקט" פון אַזאַ מין ליטעראַטור, נאָר וועמען עס טוט באמת וויי, אויפריכטיק און ערלעך, וואָס אונדזערע ייִדישע אותיות ווערן אַזוי געשענדעט און אונדזערע אויסגאַבעס, אַזוי פאַרשונ־דעוועט...

אַ מאכל נייטיקט זיך, כידוע, אין אַ ביסל זאַלץ, אָבער ווען עס ווערט אָנגעשאָטן אַ פול טעפל מיט זאַלץ, ווערט דאָס איבערגעפּירט און עס ווערט אָפּגעטויט דער געשמאַק. פון אַ סך זאַלץ איז געוואָרן אַ ים־המלח, אַ טויטער ים...

— ווער־זשע דאַרף עס האָבן אַזאַ מין ליטעראַטור?

— דווקא דער געקליבענער לייענער וואָס לייענט ייִדיש, אַ ייִדישע צייטונג? דווקא אים דאַרפן מיר שפּייזן מיט אַזעלכע פאַרדאַרבענע מאכלים?!

— צי דווקא דערפאַר וואָס די שפּאַנישע צייטונגען דערלויבן זיך נישט צו פאַרעפנטלעכן אַזעלכע ראָמאַנען — דאַרפן דאָס טאַקע טאָן די ייִדישע?!...

— איז דאָס נישט אין אָפענער סתירה צו די איינגעוואָרצלטע מידות פון ייִדנטום און ייִדישקייט, צו די ייִדישלעכע באַגריפן פון עטיק, מאָראַל, צניעות, שעמעוודיקייט, וכדומה?

— איז דאָס נישט קיין אַטענטאַט קעגן דעם עם־הספר, דעם קולטור־

פאלק, וואס האט דער וועלט געגעבן און געלערנט די יסודות פון עטיק און מאראל?

— איז דאס אין גייסט פון דער עכטער יידישער ליטעראטור, אין די דרכים פון אונדזערע קלאסיקער, פון מענדעלען, א ביאליק, פרץ און א שלום עליכם?

— באדארף טאקע דער שרייבער פארנוצן זיין טאלאנט אויף ארויס־צוגעבן אזעלכע מיני ווערק, וואס ביים לייענען זיי פלאמט דאס פנים פון בושה און חרפה?

— צו וואס נוצט אזא קונסט?

אט אזעלכע פראגן דערוועקן זיך ביי איך ביים לייענען טאג־טעגלעך אט די ראמאנען וואס ווערן רעקלאמירט און פראמינענט געדרוקט.

— וואס פאר א לייענער, וואס פאר א מין דור קען פון אזא ליטעראטור ארויסקומען?

— וווהין פירט זי און צו וואס צילט זי?

כידוע, דארף דאך ליטעראטור דערציען, ריכטן, דערהייבן דעם לייענער צו זיך, ארויסברענגען אידעאלן, דערוועקן שטרעבונגען.

— און וואס וויל מען מיט אט דער ליטעראטור?

אדרבא, ילמדנו רבנו, זאל אונדז ווער עס איז לערנען דעם פשט דערפון, דעם באטייט פון אזא מאדנער אויסטערלישער דערשיינונג דווקא ביי אונדז אויפן פעלד פון יידישער פען־שעפערישקייט.

ליטעראטור איז דאך אן אפשפיגלונג פון אונדזער לעבן. אט — למשל, ווערט מען נישט געפינען קיין קרימינאלאגיע־ראמאנען ביי אונדז, יידן, ווייל יידן זענען בטבע ווייט פון פארברעכנס, קענען דעריבער נישט געמאלט זיין אזעלכע ראמאנען, ווייל, ווי געזאגט, שפיגלען זיי אפ אונדזער לעבן.

אבער פון די דאזיקע דרוקבארע „עראטישע" ראמאנען קומט אויס, אין זייער שפיגל, אז אונדזער פאלק איז, רחמנא ליצלן, איינגעזונקען אין אום־אנשטענדיקייט, אין טומאה. (וואלט עס אפילו, חס ושלום, געווען אמת, באַ־דארף מען דאך אויך דאס נישט ארויסברענגען און פראפאגאנדירן...).

אט ליגט פאר מיר, בעת איך שרייב אט די שורות, א צייטונג. אויף דער לעצטער זייט ווערט געדרוקט א היסטארישער ראמאן, פון דער ביבלישער תקופה, פון וועלכן מיר לייענען אראפ א „צוציענדיקע" סצענע. אויף דער

מיטלסטער זייט — אויך אַן „אינטערעסאַנטע״ סצענע פון אַ ראָמאַן וועגן היינטיקן אַמעריקאַנער יידישן לעבן, געשריבן דורך אַ גרויסן באַרימטן שרייבער. גענוג בלויז צו זאָגן אַז דער הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן האָט אַ פרוי, אַ קעפּסווייב און אַ געליבטע און די הויפּט־העלדן — אַ מאַן, פון וועמען זי אַנטלויפט צו אַ געליבטן און טרעפט זיך דערביי מיט דעם ערשטן מאַן. און אויב דאָס איז נאָך ווינציק, ברענגט זיי דער שרייבער אַלע דריי מענער צונויף צוזאַמען... און אויף אַ צווייטער זייט, עטלעכע פּיקאַנטע וויצן...

פרעגט זיך ווידער אַ מאָל:

— ווער דאַרף אַזאַ מין ליטעראַטור? — צו וואָס פירט זי?

— צי איז דאָס צום גוסט און גייסטיקן געשמאַק פון דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך געלאָזט ברענען און בראָטן פאַר זיינע געהייליקטע אותיות און דערהויבענע קולטור־ווערטן? פונעם פאָלק וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס ביישפּיל פון מאָראַלישער ריינקייט און דערהויבנסטע מידות?

אדרבא, אַפילו ווען אַלע שפּאַנישע צייטונגען וואָלטן פול געווען מיט אַזעלכע ראָמאַנען, וואָלט אַ יידישע אויסגאַבע געדאַרפט זיין אַנדערש.

בפרט נאָך ווען עס איז גאָר פאַרקערט!

אויף די קני פון דער עכטער יידישער ליטעראַטור איז אויפגעצויגן געוואָרן אַן אינטעליגענטער באַוווסטזיניקער דור מיט באַציונג צום יידישן וואָרט, וואָס האָט זיך פאַר דער דאָזיקער ליטעראַטור איינגעשטעלט און געקעמפט, אויב עס איז נייטיק געווען, אַריינגעפירט זי אין די שולן און ביבליאָטעקן, אָבער צו אָט דער דאָזיקער „עראָטישער״ פּסעוודאָ־ליטעראַטור, וועט דער יונגער לייענער, וואָס וועט זיך צו איר צורירן, פילן אַן עקל, אַ ווידערווילן און אַנווערן פאַר איר יעטוועדן דרך־ארץ, שוין אָפּגערעדט פון פיעטעט, פון איינשטעלן זיך אָדער קעמפן פאַר איר...

מען דאַרף בכן, וואָס פריִער, טאַקע צוליב דער אייגענער טובה פון די צייטונגען, פון דער יידישער ליטעראַטור, קולטור און לשון, לטובת דער געזונטער יידישער דערציִונג פון דעם יונגן דור, לטובת דעם פּרעסטיזש און כבוד פון אונדזער פאָלק, וואָס זאָל חס־ושלום נישט זיין ערגער פון

כל הגוייִם, דורכפירן אַ רייניקונגס־אַקציע, ממש אַ דעזינפעקציע, פון אַזאַ מין שעדלעכער פאַרדאַרבנדיקער שרייבעריי, און צוריקקערן עטרה לישנה, די ריינקייט, די דערהויבנקייט, דעם גוטן געשמאַק צו אונדזערע אויסגאַבעס, און אין דעם זין ריכטן, דערציִען און דערהויבן צו זיך דעם ייִדישן לייענער!

מען דאַרף פאַראיינהייטלעכן דעם ייִדישן אויסלייג

אַן איינציקאַרטיקע און אומנאָרמאַלע דערשיינונג ביי אונדז איז די אומאיינהייטלעכקייט פון דעם ייִדישן אויסלייג אין די פאַרשיידענע צייטונגען און אויסגאַבעס.

ביז מיר לערנען אויס אַ ייִדיש קינד אין אונדזער אָנפאַנג־שול, אָדער אַ ייִדישן יוגנטלעכן — אין דער מיטל־שול און סעמינאַר אַ גוטן אָרטאָגראַפישן ייִדיש, לויט די גראַמאַטיקאַלע פאָרשריפטן פון דעם נייעם ייִדישן אויסלייג, איז ווען ער עפנט אַ ייִדישע צייטונג אָדער אויסגאַבע, בלייבט ער ערשט אויף אַ רעכט צעמישט און ווייסט נישט וואָס פאַר אַן אויסלייג איז עס דער ריכטיקער: צי דער וואָס ער האָט געלערנט אין שול, אָדער דער וואָס ער זעט אין דער צייטונג אָדער אויסגאַבע.

די ייִדישע פרעסע איז פאַר אים אַ גרויסע סתירה און ברענגט אַריין ממש אַ כאַאָס אויף דעם געביט.

און ניט נאָר תלמידים, נאָר אַפילו לערערס און סתם אַלטע ייִדיש־לייענער, ווייסן נישט ביז היינט וואָס פאַר אַן אויסלייג איז עס דער ריכטיקער, און אַלס פועל־יוצא דערפון מען באַלירט מען בכלל דעם דרך־ארץ צו דער גראַמאַטיק און אָרטאָגראַפיע פון דער ייִדישער שפּראַך און עס פאַרמירט זיך אַ מיינונג פון ביטול צו אונדזער מאַמע־לשון.

די לערער שטויסן זיך אָן אין דער דאָזיקער שווערקייט בײַם רעקאָמענדירן זייערע תלמידים צו לייענען דאָס קינדער־ווינקל אין די היגע ייִדישע צייטונגען אָדער אַנדערע אויסגאַבעס, ווייל אייגנטלעך צילט די ייִדישע שול דערצו, צוצושמידן אירע שילער צום ייִדישן וואָרט, צו דער ייִדישער ליטעראַטור און פרעסע, און ניט בלייבן ביי די טעקסט־ און לערן־ביכער, נאָר צו דערציִען קאַדרען פון לייענער און שעפערישע ייִדן.

און דאָ שווימט גלייך אַרויס דער קעגנזאַץ צום געלערנטן און די אומ־מעגלעכקייט איינצוגעווינען צו אַ גוטער, נאָרמאַלער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס קומט אייגנטלעך מיטן לייענען גוט־געשריבענע ליטעראַטור.

ביי אַלע פֿאָרגעשריטענע פֿעלקער עקסיסטירט אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך־אַקאַדעמיע, וואָס לייטערט דעם לשון און שטעלט פֿעסט די כּללים פֿון אָר־טאָגראַפֿיע.

ביי אונדז טוט אַזאַ אַרבעט פֿון אַ כּמו־אַקאַדעמיע, דער ייִדישער וויסנ־שאַפֿטלעכער אינסטיטוט — „ייִוואָ" — אָבער מיט איין אונטערשייד, וואָס ביי די אַנדערע פֿעלקער נעמט מען אָן די כּללים פֿון דער באַטרעפֿנדיקער אַקאַדעמיע און ביי אונדז מאַכט יעדער שבט פֿאַר זיך און בלויז ווייניקע ריכטן זיך לויט דעם „ייִוואָ"־אויסלייג.

לאַ־די וואָס מיר זענען איינגעטיילט אין קבוצים, שפּראַכן, דיאַלעקטן, עדות, תּפוצות, זענען מיר אין ייִדיש גופֿא איינגעטיילט אויך אין כּל־המינים אויסלייגן, און מיר ליידן פֿון אָרטאָגראַפֿישער באַציִונגסלאָזיקייט און נאַכ־לעסיקייט.

ביי אונדז, אין אַרגענטינע, גלייבן מיר, וואָלט דער „וועד־החינוך" באַ־דאַרפֿט נעמען די איניציאַטיווע פֿון דורכפֿירן אַזאַ פֿאַראייניטלעכונגס־אַקציע פֿון ייִדישן אויסלייג, אין אַלע אונדזערע לייען־ און לערן־ביכער, אין די צייטונגען און אויסגאַבעס, און במילא אין די שולן, כּדי צו הייבן דעם כּבוד און די חשיבות פֿון אונדזער מאַמע־לשון, די באַציִונג צו איר גראַמאַ־טיק און אָרטאָגראַפֿיע, און אויסמיידן דעם כאַאָס, די קאָנפֿוזיע און פֿאַר־לוירנקייט ביי אונדזערע לערער און תּלמידים.

איך ווייס, אַז כ׳בין גאָרנישט מחדש, ווייל דאָס איז דאָך אַ זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקייט פֿאַר יעדן איינעם. אָבער עס פּאַסירט דאָך, אַז מיר מאַ־טערן זיך גאָר אָפֿט מאָל איבער טיפֿזיניקע טעאָרעטישע פּראָבלעמען און פֿראַגן וואָס זענען ווייט פֿון אונדז און געהערן צו דער צוקונפֿט, בעת מיר פֿאַרזעען פּשוטע אָבער ביז גאָר וויכטיקע זאַכן און דערשיינונגען, וואָס זענען אונדז נאָענט און וואָס פֿאַרנעמען אַן אָנגעזעענע פּלאַץ אין אונדזער איצטי־קייט און ווירקלעכקייט.

די דאָזיקע קורצע שורות פּרעטענדירן בלויז צו ציִען די אויפֿמערק־זאַמקייט אויף דער דאָזיקער וויכטיקער פּראָבלעם.

תּוך־פּראָגן

אין דער דאָזיקער אַרבעט ווילן מיר באַרירן, כאָטש אויף אַ שטריכנדיקן אופן עטלעכע תוך־פראַגן פון דער איצטיקער ייִדישער ווירקלעכקייט אויף אונדזערע מקומות.

מיר האַלטן, אַז נאָר די קלאָרע און אויפריכטיקע פאָרמולירונג פון די דאָזיקע פראַגן, קען העלפן און פירן צו זייער לייזונג.

א) די יידישע היים — די טראַגעדיע פון אונדזער צייט

ביים באַהאַנדלען חינוך־פּראָבלעמען, הערן מיר אַ סך מאָל וועגן דער זאָנדערבאַרער דערשיינונג, אַז די קינדער ברענגען אַריין ייִדישקייט אין זייערע אָפּגעפרעמדטע און אויסגעליידיקטע היימען.

און דווקא דערין באַשטייט די גרויסע טראַגעדיע פון אונדזער צייט: דאָס גיין קעגן דער נאַטור, דאָס וואָס אַנשטאָט די היים זאָל אָנזאַפּן דאָס קינד מיט ייִדישקייט פון זיין פריסטער עלטער, פון זיין געבורט אָן, זאָל דאָס צו־בינדן אויף אייביק צו ייִדישקייט, אַנשטאָט די היים זאָל אָטעמען מיט ייִדיש־קייט, זאָל בילדן די אַטמאָספערע אין וועלכער דאָס קינד זאָל זיך אויסלעבן ייִדיש, ווו ער זאָל זיך אָננעמען מיט דער דורותדיקער יניקה פון ייִדישער טראַדיציע, זיך באַקענען מיט ייִדישן לשון, פּראָבלעמען, קולטור, ליטעראַ־טור, ווו אַ ייִדישער ספר זאָל פאַרנעמען אַ בכבודיקע פּאָזיציע, סיי אין דער ביכער־שראַנק ווי אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און ווו די טאַטע־מאַמע זאָלן דערציִען דאָס קינד אויף די קני פון טרייער ייִדישקייט אין אַלע אירע פאַזעס, אַנשטאָט דאָס אַלץ, מוזן מיר צוזען גאָר אַ פאַרקערטן פּראָצעס,

ממש אַ פענאָמען: דאָס צאַרטע קינדיש וועזן ברענגט פון דער ייִדישער שול דאָס ביסל ייִדישקייט אין זיין היים אַריין...

ערשט די לעצטע וואָכן איז מיר אויסגעקומען צו זען, ווי אַ פייגעלע האָט זיך אונטער מיין הויף־דאַך געמאַכט אַ נעסט, אויסגעבריט פייגעלעך און ברענגט זיי אַ גאַנצן טאָג און גיט זיי טאַקע צו עסן קערנדלעך אין די שנעבעלעך.

בעת־מעשה האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזערע טייערע פייגעלעך, די ייִדישע קינדערלעך. איך האָב זיך געוואָלט פאָרשטעלן ווי די ערשט־אויסגעבריטע שוואַכע פייגעלעך גיבן צו עסן זייער מאַמען. איבעריק צו זאָגן, אַז מיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, וואָס איז טייל מאָל גאָר שטאַרק, האָט זיך בשום אופן אַזוינס נישט געקענט אויסמאָלן.

ווען איך זאָל דאַרפן בילדעריש אָפּמשלען די אויבנדערמאָנטע גייסטיקע דערשיינונג, ווי אונדזערע קינדער ברענגען אַריין ייִדישקייט אין זייערע היימען, וואָלט איך געבראַכט אָט דעם תמימותדיקן ביישפיל פון די פייגעלעך.

אונדזערע טייערע קינדערלעך האָבן ממש רעוואָלוציאָנירט דעם טויזנט־יאָריקן געבאָט וואָס די תורה האָט אַרויפגעלייגט אויפן ייִדישן פאָטער, פון „ושננת לבניך", זאָלסט לערנען דיינע קינדער, און אים איבערגעדרייט אויף „ושננתם לאביכם", איר זאָלט לערנען אייער טאַטן...

אין דעם, מיינע ליבע פריינד, ליגט די גרויסע טראַגעדיע.

אין דעם דאַרפן גיין קעגן דער נאַטור, קעגן שכל־הישר, קעגן יעט־וועדער דאַגיק.

דאָס קינד איז דאָך בבחינת אַ ביימעלע וואָס דאַרף שלאָגן זיינע וואָרצ־לען אין דער היים, פון דאָרט ציִען זיינע נערונגס־זאַפטן, און נישט פאַרקערט.

הבֿיאָר האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זען די גרויס פון דער טראַגעדיע:

דער וועד־החינוך האָט איינגעפירט אין אַלע אירע שולעס אַן איינהייט־לעכן איינשרייב־בויגן פאַר די תלמידים, מיט זייער וויכטיקע פראַגעס, וואָס קען אַמבעסטן געבן אַ בילד וועגן דעם טרויעריקן גייסטיקן מצב פון דער ייִדישער היים.

אויף דער פראַגע, וואָס פאַר אַ שפראַך נוצט מען אין שטוב, האָבן

אַריבער ניינציק פּראָצענט געענטפֿערט, אַז שפּאַניש. אויף די פֿראַגעס צי עס קומט אַריין אַ יידישע צייטונג אָדער צי זענען פֿאַראַן אין שטוב יידישע ביכער, האָט דער זעלבער פּראָצענט אויך געענטפֿערט נעגאַטיוו. איך ברענג די פֿאַקטן פֿון די בויגנס וואָס איך האָב דורכגעקוקט. ווי איר פֿאַרשטייט אַליין, זענען אפֿשר פֿאַראַן ערגעצוווּ אַנדערש גאָר קליינע אויסנאַמען.

מען דאַרף דאָך נישט האָבן קיין גרויסן צעשפּילטן דמיון פֿאַרצושטעלן זיך אַז אין אַזעלכע היימען, איז דאָך שוין אויך אָפּגערעדט פֿון יידישער טראַדיציע, פֿון פּראַווען אַ יידישן יום־טוב, פֿון אַ שבת, פֿון ליכט צינדן אאַז״וו, א״וו.

די היים איז דאָך דער פֿונדאַמענט, די באַזע פֿון יידישקייט, פֿון קיום, פֿון המשך. און כל־זמן דער פֿונדאַמענט וועט זיך וואַקלען, נישט זיין פֿעסט, אָדער וועט בכלל נישט עקסיסטירן, ווי אַזוי וועלן מיר בויען דעם פֿיל־גאָרנדיקן יידישקייט־בנין?

איז לאָמיר זיך נעמען צום אלף־בית פֿון יידישקייט, צום פֿונדאַמענט, צו דער יידישער היים!

ב) דער לערער — דער הויפּט־זייל פֿון אונדזער שול־וועזן

גייען מיר פֿון דער היים אַריבער צו דער יידישער שול:

די היינטיקע יידישע שול, שפּילט — כידוע — אין אונדזערע מקומות אַ סך אַ וויכטיקערע ראָל ווי אַמאָל, ווייל זי דאַרף חוץ דעם וואָס אַ שול דאַרף געבן, אויך דערזעצן טיילווייז די אויסגעליידיקטע יידישע היים.

איז דאָך דעריבער איר אויפֿגאַבע אַ געוואַלטיק־גרויסע און איר מיסיע — ממש אַ הייליקע, אַ מלאכת־הקודש.

און די דאָזיקע קדושהדיקע פֿליכט איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויפֿן יידישן לערער, וואָס איז דער אייגנטלעכער אַרכיטעקט פֿון דעם קינדס נשמה, און דער אויספֿורעמער פֿון דעם גייסטיק־יידישן געשטאַלט פֿון אונדזער אונ־טערוואַקסנדיקן דור.

פֿון אים איז אַלזאָ אין אַ גרויסער, אויב נישט אין דער גרעסטער, מאָס אָפּהענגיק די רעזולטאַטן פֿון יידישן המשך.

דער לערער שטייט דאָך אין צענטער פון אונדזער שול, הן מיט זיין וואָרט, מיט זיין לערע און מיט זיין ביישפּיל. דער עיקר מיט זיין ביישפּיל.

ער דאַרף דעריבער אַליין זיין ייִדיש פאַרזוואָרצלט, רעדן ייִדיש, לייענען ייִדיש, לערנען, זיין פאַרבונדן מיט ייִדישע פּראָבלעמען, מיט ייִדישער קולטור, מיט ייִדישער שעפערישקייט. ער דאַרף אַליין זיין אַ מיטווירקער אין דעם ייִדישן לעבן, זיין טעטיק, אָרגאַניזירן, אינספּירירן, באַווירקן, פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין אונדזער גייסטיק־ייִדישן אויסלעבן. דאַן קען מען דערוואַרטן דאָס נעמלעכע פון זיינע תלמידים.

ווי האָט אַמאָל אַ רבי טרעפלעך געטייטשט:

— מיר זאָגן דריי מאָל אין טאָג קריאת־שמע: „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך", דאָס הייסט, זאָלן די ווערטער וואָס איך געביט דיר היינט זיין אויף דיין האַרצן, און נאָך דעם קומט „ושננתם לבניך" וכו'. און זאָלסט זיי לערנען דיינע קינדער אאַז"וו.

דער פאָטער וואָס וויל לערנען זיינע קינדער, דאַרף פריִער אַליין טראָגן זיינע ווערטער אויפן האַרצן, ערשט נאָך דעם קען ער זיי איבערגעבן די קינדער.

דאָס לאָזט זיך דאָך אַזוי וווּנדערבאַר אָנווענדן אויף אונדזערע לערער:

בלויז דער לערער וואָס טראָגט די ווערטער און די ווערטן פון ייִדישקייט אויף און אין זיין אייגן האַרץ, בלויז דער לערער וואָס איז אַריינגעטאָן מיט זיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים אין ייִדישקייט, אין ייִדישער קולטור, ליטעראַטור, ייִדישע פּראָבלעמען, און אין ייִדישער שעפערישקייט, קען דאָס אַלץ איבערגעבן און משפּיע זיין אויף זיינע תלמידים. אין קעגנטייל — איז דאָס אַ תפילת־שוא, פּשוט גערעדט, אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

לאָמיר דאָס זייער אָבער זייער גוט אין זינען האָבן.

ג) געווינען די יוגנט־מאַסע — דער געבאָט פון דער שעה!

גייענדיק שטאַפּל נאָך שטאַפּל, אָנהייבנדיק פון דעם ערשטן שטאַפּל, די היים, און גייענדיק דורך דעם צווייטן, די שול, קומען מיר צו דער יוגנט. אויף דעם געביט געפינען מיר זיך ווידער פאַר אַן אומנאַטירלעכער

דערשיינונג, וואָס איז זיכער אַ פּועל־יוצא פון די ערשטע צוויי נישט געזונ־טע געביטן.

ביים רעדן וועגן דער יוגנט, שווימען פאַר אונדז גרויס אויסנאַמען, יוצאים מן הכלל, וואָס באַשטעטיקן צום באַדויערן דעם כּלל.

מיר רעדן פון אויסנאַמען יוגנטלעכע יידיש־רעדנער, אויסנאַמען יונגע יידיש־לייענער, אויסנאַמען שילער אין אונדזערע מיטל־שולן, אויסנאַמען יידיש־שרייבער, און אין ברייטערן מאַסשטאַב, אויסנאַמען יוגנטלעכע וואָס באַזוכן יידישע אָרגאַניזאַציעס, זענען טעטיק אין יידישע פאַראיינען, וכו' וכו', אָבער קיין מאָל רעדן מיר נישט פון דער גרויסער יוגנט־מאַסע אַלס גאַנצע.

— אַ וווּ איז די גאַנצע יוגנט־מאַסע? — צי קען אונדזער יוגנט, צי קען אַ דור באַשטיין בלויז פון אויסנאַמען?

— זיכער און זיכער נישט.

אדרבא, פון דער גאַנצער מאַסע קענען זיך אַרויסהייבן אויסנאַמען, טאַלאַנטן, נישט קיין דורכשניטלעכע ליכטער, זשעניס, אָבער אין גאַנצן אָן אַ מאַסע?

צווישן אַ סך סאָלדאַטן זענען פאַראַן סערזשאַנטן, אָפיצירן, לייטענאַנטן, גענעראַלן. — אָבער ווי וואָלט מען זיך געקענט פאָרשטעלן די לעצטע אָן סאָלדאַטן?

צווישן צענדליקער טויזנטער חסידים זענען געווען גרויסע רביים וואָס זענען פאַראייביקט געוואָרן אין אונדזער געשיכטע, אָבער ווי קען מען זיך פאָרשטעלן אַ רבין, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, אין גאַנצן אָן חסידים?

עס זענען פאַראַן אַ מאָל גרעסערע און אַ מאָל קלענערע אַרטיסטן, אָבער די האַרבסטע פּראָבלעם ביי אונדז איז דאָך די, צי עס קומט אין טעאַטער אַ פּובליקום, צי נישט.

— דאָס גלייכן, ווי קען מען זיך אויסמאָלן אַ חזן אָן אַן עמוד, אַ שרייבער אָן לייענער?

דאָס זעלבע איז מיט אונדזער יוגנט. עס מוז זיין אַ מאַסע, כּדי די אויסנאַמען זאָלן זיך אַרויסזען און זיך אַרויסהייבן פון איר.

שטערן מוזן האָבן אַ הימל, כּדי זיי זאָלן זיין שטערן.

מרדכי הערבסט

מיר קענען גיין נאָך ווייטער: שלום עליכם, מענדעלע, פּרץ, ביאַליק, אַש, זענען גרויס געוואָרן, ווייל זיי האָבן געהאַט, חוץ מייסטערשאַפט און טאַלאַנט, אַ מאַסע פון מיליאָנען לייענער, איבערהויפּט צווישן דער יוגנט, וואָס פלעגט זיי לייענען און זיך קוויקן מיט זייערע ווערק. זיי האָבן דער עיקר געהאַט לייענער, וואָס זאָלן זיין אויף זיי מבינים, זיי באַקרוינען אַלס מייסטער און קלאַסיקער. אָבער ווען זיי דערשיינען היינט, וואָס פּאַר אַ יוגנט־לייענער וואָלטן זיי בכלל געהאַט זיי זאָלן אויף זיי מבינות־זאָגן און באַקרוינען מיט גרויסקייט?...

צווישן אַ מאַסע חלוצים האָבן זיך אַרויסגעהויבן אַ בן־גוריון, אַ בן־צבי, אָבער עס לייגט זיך גאָר נישט אויפן שכל אַ בן־גוריון אָדער אַ בן־צבי אָן אַ חלוצים־דור.

נאָך אַזוי פיל פאַרגלייכן און ביישפּילן, און אַפילו אָן זיי, ווערט דאָך קלאָר אַז אונדזער גרויסע פּראָבלעם איז די גאַנצע יוגנט־מאַסע, ניט די עטלעכע אויסנאַמען וואָס טיילן זיך פון איר אויס און שיידן זיך פון איר אונטער.

אָן דער מאַסע פון יוגנט־לייענער, טעאַטער־פּובליקום, שרייבער, טוער, קולטור־מענטשן, אָן דער גרויסער גרויער מאַסע פון ייִדישקייט־קאָנסומענטן אין אַלע אירע פאַזן און ניואַנסן, ווי קולטור, ליטעראַטור, זשורנאַליסטיק, קונסט, אאַז״וו, א״וו, זענען די אויסנאַמען אויך תולים על בלי־מה, האָבן נישט קיין באָדן אונטער זייערע פיס.

***

מיר האָבן בלויז פאַרמולירט די דריי גרונט־פראַגן, וואָס זענען, אַזוי צו זאָגן, דער רוקנביין פון אונדזער גאַנצער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק אויף אונדזערע מקומות, און זיכער אויך אויף אַנדערע ערטער.

די דאָזיקע פראַגן וואַרטן אויף אַן ערנסטער באַהאַנדלונג און לייזונג.

לאָמיר אַלע ביישטייערן דערצו!

מיט ביידע אויגן

מענדעלע מוכר־ספרים האָט אויסגעדריקט די גלייכבאַרעכטיקונג פון ייִדיש און העברעיִש מיטן באַרימטן זאָג, אַז זיי זענען ווי ביידע נאָזלעכער ביים מענטשן.

די טעג איז אונדז אויסגעקומען צו הערן, אַז ייִדיש און העברעיִש זענען ווי ביידע אויגן ביים מענטשן.

און בשעת־מעשה, האָבן מיר ביים זייער טרעפֿלעכן פֿאַרגלייך נאָכגע־טראַכט, אַז מיר זענען לעצטנס געווינט צו קוקן און באַנעמען די וויטאַלסטע דערשיינונגען אין ייִדישן לעבן בלויז איינאויגיק, פֿאָלגלעך — איינזייטיק, און דעריבער ניט אין דער פֿולער פּערספּעקטיוו, ווי ווען מען קוקט מיט ביידע אויגן.

אַזאַ מין קוקן און באַנעמען איז, פֿאַרשטענדלעך, אַ פֿעלערהאַפֿטס, אַ בעל־מומיקס און ניט קיין נאָרמאַלס. איז דעריבער ניט זעלטן, אַז פֿון אַזאַ איינאויגיקן און איינזייטיקן אויסבליק זאָלן זאַכן באַקומען, ניט ווילנדיק, אַפֿילו אַ קאָמישן, אַ לעכערלעכן און אַ רידיקולעזן אויסזען.

אָט למשל, דערוויסן מיר זיך די טעג, אַז אין אַ באַקאַנטער ייִדישער מיטל־שול, לערנט מען אין ערשטן יאָר געשיכטע אויף שפּאַניש, ווייל העב־רעיִש קענען די תּלמידים נאָך נישט גענוג און ייִדיש שטרענגט מען זיך ניט אָן זיי זאָלן קענען. דאָס איז אומפֿאַרשטענדלעך. עס ליגט דערין אַפֿילו, אויב מען וויל דאָס גוט נעמען אין באַטראַכט, אַ געוויסע מאָס פֿון כנעניזם, דאָס נישט רעכענען זיך מיט אַזאַ פֿאָלקס־קנין ווי ייִדיש אין אַזאַ פֿאָלקסטימ־לעכן ישוב ווי עס איז אונדזערער, וואָס איז נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט אויף ייִדיש.

— און ווי זאָל מען פאַרטייטשן, אַז אין ערשטן יאָר פון אַ מיטל־שול פּאַר צוקונפטיקע לערער פון אונדזערע שולן און ייִדישער אינטעליגענץ, זאָל מען גאָר לערנען ייִדישע געשיכטע אויף שפּאַניש?

דער מחבר פון אָט די שורות וויל מאַכן די באַוואָרעניש און זינדיקן דערביי מיט אומבאַשיידנקייט, ווען ער וועט מודיע זייַן, אַז ער איז דווקא דער גרינדער און דער געוועזענער ערשטער פּרעזידענט פון דער „תנועת הנוער העברי באַרגנטינה", דאָס הייסט, פון דער העברעיִשער יוגנט־באַוועגונג אין אַרגענטינע, און איז, פּאַלגלעך, אַ נאָענטשטייענדיקער פון דער העברעיִשער באַוועגונג, אָבער דאָס שטערט אים נישט צו קוקן און באַנעמען אונדזער ייִדיש־לעבן מיט ביידע אויגן, מיטן העברעיִשן און מיטן ייִדישן אויג, און זען ווי די זאַכן זענען אין זייער פולער פּערספּעקטיוו.

און בכלל דאַרף ביי אונדז פאַרשוווּנדן ווערן, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, די געוווינהייט צו קוקן בלויז מיט איין אויג, ווייל עס איז ביי אונדז שוין איינגעפּירט געוואָרן, אַז קוקט מען מיטן העברעיִשן אויג, טאָר מען נישט קוקן מיטן צווייטן, מיטן ייִדישן, אָדער קוקנדיק מיטן מדינת ישראל־דיקן אויג, דאַרף מען נישט קוקן מיטן גלותדיקן, צי קוקנדיק מיטן וועלט־לעכן, טאָר מען נישט קוקן מיטן רעליגיעזן, אָדער פאַרקערט.

מיר מיינען דאָס בדרך־כלל. פון קיין אויסנאַמען רעדן מיר נישט.

אָט, למשל, די פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס ווענדן זייער גאַנצן בליק צו מדינת ישראל און פאַרקוקן געגצלעך דאָס ייִדיש־לעבן אויף די גלות־אָרטשאַפטן. מען פאַרגעסט דערביי, אַז דער רוב מנין ורוב בנין פון אונדזער פאָלק, וואָס ציילט ביי די זעכצן מיליאָן ייִדן, כן ירבו, געפינט זיך נאָך אַלץ אין גלות און וועט זיך נאָך לאַנג געפינען דאָרטן, און אַז דער גלות איז דאָס הינטערלאַנד פון דער ייִדישער מדינה, און אַז פאַרן ייִדישן פאָלק איז יעטוועדע תפוצה, ווו זי זאָל זיך נישט געפינען, דעסטגלייכן וויכטיק, ווייל ווו נאָר אַ ייִדישער קבוץ — דאָרט שלאָגט אַ ייִדיש האַרץ, גייט־אויף אַ ייִדיש לעבן, ציִען זיך פון דאָרטן ליבשאַפט־פעדעמער צו דער ייִדישער מדינה, צו וועלכער מען קוקט אַרויף.

און ווייל וועט זיין צו מדינת ישראל, אויב אויף דער וועלט וועלן הינטער איר שטיין פולבלוטיקע ייִדישע ישובים, מיט אַ צעבליט קולטור־

געזעלשאַפטלעכן לעבן, מיט ברויזנדיקע ייִדישקייט־אינטערעסן און מיט צו־געבונדנקייט צו די אייביקע ייִדישע ווערטן.

מדינת ישראל איז אונדז אַלעמען ליב, הייליק און טייער, אָבער אומע־טום, ווו ייִדן וווינען, האָט אַ מאָל געזאָגט אַ רב, דאָרט איז ירושלים. דערי־בער די חשיבות פון יעטוועדער ייִדישער אָרטשאַפט.

איז נישט פאַרשטענדלעך ווידער, ווי מען קוקט אויפן ענין מדינת ישראל — תפוצות ישראל, בלויז מיט איין אויג אַליין, אָדער מיטן ערשטן אָדער מיטן צווייטן אויג, ווען אויף צו באַגינסטיקן סיי דער מדינה, סיי די תפוצות, דאָס הייסט, דאָס ייִדיש־פאָלק אַלס גאַנצס, וועמענס באַשטאַנד־טיילן זיי זענען, דאַרף מען און מוז מען קוקן מיט ביידע אויגן. אַנדערש זינדיקט מען קעגן עם ישראל.

ווידער מוז דער מחבר מאַכן אַ באַוואָרעניש, טאָמער קען זיך גאָר שאַפן ביי געוויסע לייענער אַ פאַלשער אויסטייטש, אַז ער איז אַ ציוני בלב ונפש, אַ געוועזענער אַקטיוויסט און וואָרטזאָגער פון דער ציוניסטישער יוגנט אין אַרגענטינע, און עס איז מער ווי סימבאָליש וואָס זיין ערשט בוך טראָגט דעם נאָמען „ציוניסטישע פיגורן". אָבער ווידער אַ מאָל, שטערט דאָס אים נישט, נאָר אדרבא, צו קוקן אויפן דאָזיקן ענין מיט ביידע אויגן.

איצטער וועגן נאָך איין ענין: וועגן רעליגיאָזיטעט און וועלטלעכקייט אין אונדזער ישוב:

ווען עס איז דאָ געקומען אַ באַוווסטער פאָרשטייער פון דער ייִדישער רעליגיעזער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג פון צפון־אַמעריקע, האָבן אָנגע־זעענע היגע וועלטלעכע ייִדישע שרייבער דערקלערט אין זייערע קאָלומס, אַז זייערע באַמיִונגען צו שאַפן ביי אונדז אַזאַ ענלעכע באַוועגונג וועט זיך נישט איינגעבן, היות אונדזער ישוב איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף די יסודות פון אָרטאָדאָקסישער ייִדישקייט.

אָבער אין דער פּראַקטיק זעען מיר דאָס ליידער נישט.

אָט, למשל, וועלן מיר נעמען אַזאַ פּשוטן ענין ווי לערנען תנ"ך:

אין אונדזערע מיטל־שולן און אין אַ סך אָנפאַנג־שולן לערנט מען די „כתבי־קדש" בגלוי־ראש, אָן היטלען.

דער דאָזיקער צוגאַנג צו לימודי־קודש איז שוין גאָר נישט קיין אָרטאָ־

דאָקסישער. אַפילו ביי די גוים, להבדיל, הייסן די תנ״ך־ספרים אויך „היי־ליקע שריפטן״, און מען באַציט זיך צו זיי מיט אָפּשיי און דרך־ארץ.

אַוודאי און אַוודאי וואָלט דאָס באַדאַרפט זיין ביי אונדז, די שעפער פון דעם „ספר־הספרים״.

איך האָב אָ מאָל געהערט אַ לעקציע פון יידישער געשיכטע, דווקא ביי אַ וועלטלעכן פּראָפעסאָר, וואָס האָט געזאָגט, אַז כאָטש די פרומקייט ביי יידן ווערט וואָס אַ מאָל שוואַכער, און מען לערנט אַלע מאָל ווינציקער תלמוד, אָבער דאָס יידנטום אַלס גאַנצס, לעבט, ביודעים צי לא־ביודעים, לויטן תלמוד.

פיל ווילן באַרעכטיקן זייער לערנען תנ״ך אַן אַ היטל מיט דער „וויסנ־שאַפטלעכער באַגרינדונג״, דאָס הייסט, אַז זיי לערנען בלויז אויף צו וויסן, ווידער נישט קיין „אָרטאָדאָקסישער״ מאָטיוו, ווייל לויטן לעצטן דאַרף מען „„ללמד וללמד״ כדי „לשמר ולעשות״. אַנדערע ווידער, ווילן „אַנאַליזירן״ דעם תנ״ך, לשם ביבל־פאָרשונג אָדער ביבל־קריטיק. ווייטער אַ מאָל ניט קיין יידישער צוגאַנג צו אַ תורת־החיים, צו אַ לעבעדיקער קולטור, וואָס האָט אויפגעהאַלטן אונדזער פאָלק ביז היינט. אַזאַ צוגאַנג קען מען נישט האָבן צו „כתבי־קודש״ פון אַ פאָלק, נאָר להבדיל אלף הבדלות, צו אַ געשטאָר־בענער זאַך, אַ מת, וואָס מען גייט פאַלמעסן, לשם וויסנשאַפטלעכער פאָר־שונג...

אַזוי האָבן מיר געהערט פאַראַיאָרן אַן ענטוזיאַסטישן רעפעראַט פון אַ רעפערענט, וואָס האָט פאַרטיידיקט דווקא רעליגיאָזיטעט און טראַדיציע אין אונדזערע שולן, אָבער וואָס האָט געבראַכט אַ זאָג פון אַ תלמודישן תנא, לויט וועלכן מען דאַרף דווקא נישט גיין מיט אַ היטל, ווייל דאָס איז בלויז אַ מידת־חסידים.

דערין ליגט אויך, במחילה, ניט־ווילנדיק, גייסטיקער כנעניזם, ווייל דאָס יידנטום האָט זינט יענעם ציטירטן תלמודישן תנא, דורכגעמאַכט אַ היפּ־שע איבערוואַנדלונג. עס זענען פון דאַן אַן, אין דער נאַטירלעכער עוואָלוציע פון יידישקייט, צוגעקומען דינים און סייגים, אַ שלחן־ערוך און פּוסקים, וואָס האָבן דווקא יאָ אַרויפגעטאָן דאָס היטל אויף אַלע יידישע קעפּ, און עס האָט דאָך קיין זין נישט היינט צו טאָג צו פאַררופן זיך אויף אַ תנא פון אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק, אויף מבטל צו מאַכן אַ פירונג.

מען קען דאָך נישט איבערשפרינגען אַזוי פיל תקופות און דורות און גאַנצע יאָרהונדערטער פון אונדזער געשיכטע. עס וואָלט פונקט געווען דאָס זעלבע, ווי ווען איינער קומט און פּרעדיקט אַז מען דאַרף גיין אָן קליידער, ווייל ער וועט זיך פאַררופן אויפן חומש, אַז אָדם און חוה זענען אין גן־עדן געגאַנגען נאַקעט... ווידער אַ מאָל זאָל דעם מחבר דערלויבט זיין צו זאָגן, אַז ער איז דירעקטאָר פון אַ וועלטלעכער שול, אָבער יעדע זאַך אויף איר אָרט: אָרטאָדאָקסיש איז אָרטאָדאָקסיש און וועלטלעך איז וועלטלעך.

מיר דאַרפן אַלזאָ, כדי צו זיין גייסטיק־נאָרמאַלע ייִדן, מיט אַ ברייטן קוק אין ייִדישקייט, היטן אַלע אונדזערע ווערטן, טאַקע ווי אַן אויג אין קאָפּ, אָבער דערצו דאַרפן מיר קוקן מיט ביידע אויגן, דאָס הייסט, מיט דעם ייִדישן און מיטן העברעיִשן אויג, מיטן מדינת־ישראלדיקן און תפוצות־ישראלדיקן אויג, מיטן אָרטאָדאָקסישן און מיטן וועלטלעכן אויג, באַגלייך און באַנאַנד.

דאַן וועלן מיר פאַרנעמען מיט אונדזער קוק און באַנעמען מיט אונדזער פאַרשטאַנד, אין דעם אמתן שײַן און אין דער פולער פּערספּעקטיוו, אַלע דערשײַנונגען אין אונדזער ייִדיש־לעבן.

געזעלשאפטלעכס

עסקנים

אין דער אויספורעמונג פון דער אַרגענטינער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, פאַרנעמען אַ פּראָמינענט און אומגעהייער וויכטיק קאַפּיטל די גרינדער און בויער, די טוער און אַקטיוויסטן, די וואָס מיר רופן אָן אַזוי היימישלעך און פּאָפּולער: עסקנים.

ס׳רוב זענען דאָס פאָלקסטימלעכע יידן, מיט אַ ברייט הארץ און וואַ־רעמע געפילן, מיט פּשטות און איבערגעגעבנקייט, און מיט אַ נייגונג צו כלל־אונטערנעמונגען און פאָלקס־אַרבעט.

דאָס זענען סאָלדאַטן, מערער באַקאַנטע און זוינציקער באַוווסטע, וואָס פירן דורך, מיט טריישאַפט און צופרידנקייט די שווערע כלל־אַרבעט, און שפּאַנען זיך איין אין דעם באַלאַסטנדיקן יאָך פון יידישע הצטרכותן און נויטן.

נשט תמיד איז דאָס עסקנות אַ דאַנקבאַרע אַקטיוויטעט, נייערט פיל מאָל איז דאָס זייער אַן אומדאַנקבאַרע עובדא פאַר דעם טוער, וואָס ווערט נישט ווי געהעריק דערשאַצט, נאָר אַ סך מאָל מינדערשעצט און קריטיקירט.

און ווי פיינלעך איז עס פאַרן עסקן צו באַקומען, נאָך אַ סך טעג און נעכט פון מי און אַנשטרענגונג, פון לייסטונגען און אַרבעטס־צושטייער, דעם ביטערן דאַנק פון אומפאַרשטענדעניש, מינדערשעצונג, קריטיק, און... חוזק!

אָבער דאָס האָלט אים ניט אָפּ פון זיין כלל־טוערײַ, ווייל מיט דער עסקנות, וואָלטן מיר געזאָגט, ווערט מען שוין געבוירן. דאָס איז אַזאַ מין „חולאת” אָדער „שגעון”, וואָס איז ווי פיל אַנדערע קראַנקייטן פון דעם מין, „אומהיילבאַר”...

אין דער אַרבעט פאַרן ציבור, געפינען די עסקנים זייער אָטעם־לופט, און שווים־וואַסערן פון זייער לעבנס־ים. דאָ קומט צום אויסדרוק זייער

איינגעבוירענע אינטעליגענץ און פעיִקייטן, זייער אונטערנעמערישקייט און וויזיע.

און די טירן פון עסקנות זענען ביי אונדז אָפן פֿאַר יעדן איינעם, אָרעם צי רייך, געבילדעט אָדער ניט.

ווער עס באַשטרעבט נאָר אָט די „קאַריערע", קען זי גאָר לייכט באַקומען, עס איז בלויז נייטיק דער ווילן. אָט טאַקע אין דעם דאָזיקן וואָרט ליגט די כאַראַקטעריסטיק פון דעם עסקן. ווילן! ווילן צו אַקטויִרן, ווילן צו אַרבעטן, ווילן צו לייסטן פֿאַרן כלל. וואָס מער ווילן דער עסקן לייגט אַריין, אַלץ פּערפֿעקטער פּילט ער אויס זיין פונקציע. דער ווילן, איז אַלזאָ, דער עסקנות־מאַסשטאַב, מיט וועלכן מען מעסט און מען שאַצט־אָפּ דעם אַקטיוויסט.

אַ סך יידן, זענען אַ דאַנק זייער עסקנישן ווילן, געשטיגן צו די העכסטע פּאָזיציעס פון אונדזער געמיינדע־לעבן, און זיך דערשלאָגן צו דעם ערשטן שטאַפּל פון פֿאָלקס־פירערשאַפט.

ווייל מען זיך פֿאַרשטעלן אונדזער געזעלשאַפט, שווימט גלייך אַרויף דער נאָמען און דאָס בילד פונעם עסקן. ווייל אָן זיי, וואָלט אונדזער ישוב נישט געווען דאָס וואָס ער איז, נישט דערגרייכט זיין איצטיקע מדרגה און נישט געקראָגן זיין פּאַרדינטן שם.

און ווייל נאָר עמעצער עפּעס אויסזעצן קעגן עסקן, אָדער אים אויסלאַכן, צי גאָר אָפּחוזקן פון אים, וואַרפט ער אים גלייך די באַקאַנטע „באַשולדיקונג": — „ער זוכט כבוד!"... אָבער ווייל איז צו אַזאַ כבוד־זוכעריי! ווייל איז צו דער געזעלשאַפט, וואָס אירע בויער און טוער זוכן כבוד דורך איר פּאַרפעסטיקונג און פֿאַרשענערונג, דורך אויפטואונגען און טרייער אַרבעט! אַן ערלעכער כבוד איז דאָס! און דאָס איז זיכער אויך אַ כבוד פֿאַר די כבוד־זוכער זעלבסט!

דאַן ווערט אָט די כלומרשט געוואָרפענע „כבוד"־באַשולדיקונג פֿאַרוואַנדלט ניט נאָר אין אַ חרפּה אָדער באַליידיקונג, נאָר פֿאַרקערט, אין אַ שטאָלץ און דערהויבונג. מיט אַזאַ כבוד פון און פֿאַר מעשים־טובים פֿאַר דער געזעלשאַפט, פֿאַר אירע אינסטיטוציעס און פֿאָלגלעך פֿאַר די מיטמענטשן און פֿאַרן אַלגעמיינעם וווילשטאַנד, קען מען זיך ווינטשן, גרויסן, און אַרויסשטעלן אַלס מוסטער און ביישפּיל.

און די גרויסקייט און וויכטיקייט פון דער אַרבעט לטובת דעם כלל, איז נישט נאָר דאַן ווען די אינסטיטוציעס, אין וועלכע די עסקנים אַקטוירן, זענען שוין גרויסע, רייפע, און אויסגעוואַקסענע, נאָר אויך, און פיל מאָל ערשט דאַן, ווען די דאָזיקע זענען נאָך אין זייערע וויקעלעך און שטעלן ערשט זייערע ערשטע לעבנס־טריט. ווייל ערשט דאָ קומט צום אויסדרוק די איבערגעגעבנקייט פון דעם עסקן, זיין געדולד, זיין מיזאַמקייט און זיין אַרבעט. ווייל ערשט דער עטאַפּ איז סיי דער שווערסטער און סיי דער וויכ־טיקסטער, און די גרויסקייט פון אַ קערפּערשאַפט אָדער אָרגאַניזאַציע, איז אַ פּראָדוקט פון אָט דער דאָזיקער אַרבעט. ווייל דאָס אַרויספירן קליינע אונטערנעמונגען אויף אַ ברייטן שליאַך, און דאָס פאַרוואַנדלען קליינע אינס־טיטוציעס אין גרויסע און שיינע קערפּערשאַפטן, איז נאָר צו פאַרדאַנקען אָט יענע פּיאָנערן וואָס שטייען־אויס דעם שווערן און מיזאַמען אַנטוויקלונגס־וועג פון דעם זעלבן.

מיר שטרייכן דאָס אַזוי שטאַרק אונטער, ווייל יענע „שוואַרץ־אַרבעטער" ווערן, אין אַ סך פאַלן, איגנאָרירט, פאַרגעסן, כלל ניט אָפּגעשאַצט, און ווערן פאַרטונקלט דורך דעם גלאַנץ פון די טוער פון דער איצטיקער גרוי־סער אינסטיטוציע, אַ גלאַנץ, וואָס זיי האָבן מיט זייער אָנשטרענגונג אויס־געשפּיגלט, און אַ גרויסקייט, וואָס זיי האָבן מיט זייער מי געשאַפן.

אויב ס'איז ריכטיק, אַז אַ גרויסע אינסטיטוציע, מיט אַ טעכנישן פּער־סאָנאַל און ביוראָען, פאָדערט אַ סך אַרבעט, אחריות און קאָנטראָל, איז דאָס צוגלייך ריכטיק, אַז אַ סך אָדער נאָך מער אַרבעט פאָדערט אַ קליינע אינסטיטוציע, וווּ די פירער און טוער מוזן גלייכצייטיק אויספירן די מיסיע פון אַ לייטונגס־מיטגליד, און די אַרבעט פון אַ „קאָבראַדאָר" און אַ... פּאָרטיער.

אָט דאָס איז אויך געשען אין די ערשטע יאָרן פון אונדזערע מערסטע אינסטיטוציעס, ווען דער פּרעזידענט, דער סעקרעטאַר, און די אַנדערע לייַ־טונגס־מיטגלידער, האָבן ניט נאָר פּרעזידירט, פאַרשריבן און קאָנטראָלירט, נאָר טאַקע אַליין בכבודם ובכצמם, געגאַנגען איינקאַסירן דעם חודשלעכן מיטגלידס־אָפּצאָל ווי אויך די ביישטייערונגען, געליידיקט די קרן־קימת־פּושקעס און אָנגעטשעפּעט אויפן לאַץ אַ בלוי־ווייס בלימל, ווענענס הכנסה איז געגאַנגען פאַרן ייִדישן נאַציאָנאַל־פאָנד.

מרדכי הערבסט

ביי די יובל־פייערונגען פון אונדזערע אינסטיטוציעס, דאַרפן מיר אַרויס־הייבן אָט די אויבנאויפיקע קליינע „אויפטועץ״, וואָס נאָר אַ דאַנק זיי האָבן די אינסטיטוציעס זיך פונאַנדערגעבליט און צעוואָקסן. און ביי די דאָזיקע פייערונגען, ווען מען דערמאָנט דעם בייטראָג פון די בויער און צעמענטי־רער, זאָלן די שורות דינען ווי אַ באַערונג פאַר די דאָזיקע פיאָנערן. אַמוויי־ניקסטנס, זאָל דאָס זיין ווי אַ בלוי־ווייס בלימל פון אַנערקענונג, אויף זייערע עסקנישע לאַצן, פונקט ווי די, וואָס זיי פלעגן אין די ערשטע צייטן, אַליין צוטשעפען, לטובת דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד...

פּופּציק יאָר

אין דעם לעבן פון אַ כלל ווי פון אַ יחיד, זענען פופציק, יאָר, דאָס הייסט, אַ פולער יובל, אַ זייער באַדייטנדיקער צייט־אָפּשניט, וואָס לאָזט איבער טיפע שפּורן אויף זיין אויסלעבונג און אַנטוויקלונג.

נאָך וויכטיקער איז אַזאַ פּעריאָד, ווען ער איז דער ערשטער אין דער געשיכטע פון דעם באַטרעפנדיקן קאָלעקטיוו אָדער אינדיווידום, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן, געוואָקסן, רייף געוואָרן, אויסגעפורעמט אין זיך זיין גייסטיקן פּרצוף, אויסגעטראָטן זיין לעבנס־וועג און אָנגענומען זיינע כאַראַקטעריסטישע מידות און באַנעמונג פון זאַכן און טאַטן.

דאָס זענען די יאָרן אין וועלכע עס געשטאַלטיקט זיך אויס זיין פּערזענלעכקייט, און ביז ער דערגרייכט דאָס, מאַכט ער דורך דעם גאַנצן אומוואַנדלונגס־פּראָצעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש אין דעם ערשטן לעבנס־פּעריאָד פון אַ געזעלשאַפט אָדער פון איין וועזן. דאָס זענען, פאָלגלעך, די שווערסטע יאָרן און די אַנטשיידנדיקסטע. די וואָס לייגן אַרויף זייער חותם און שטעמפּלען אָפּ זייער כאַראַקטעריסטיק אויף דער נאָכקומענדיקער צייט.

דאָס איז גערעדט געוואָרן אין אַלגעמיין.

אָבער אַז מען דאַרף אָפּצייכענען פינף יאָרצענדליק לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישער אינסטיטוציע, דאַרף מען ניט נאָר אָפּשאַצן איר ספּעציפיש־אויסגעלעבטע צייט, נאָר באַין ברירה זי צוזאַמענפלעכטן און צוזאַמענגיסן מיט דער גאַנצער יידישער געשיכטע אין דער זעלבער תקופה.

דאָס ווערט ווידער אַ מאָל געזאָגט אין כלל־טערמינען.

אָבער וויבאַלד מען דאַרף נאָר געבן אַן איבערזיכט פון דער לעצטער עפּאָכע אין אונדזער לעבן אַלס פאָלק, וואַקסן די פופציק יאָר פּילפּאַכיק אויס, צוליב זייערע באַווירקנדיקע געשעענישן וואָס האָבן אויפגערודערט

אונדזער פּאָלקס־מחנה, און וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ געשיכטלעכן קפיצת־הדרך, וועמענס אָפּקלאַנג עס וועט זיך נאָך אַרויסהערן אין צענדליקער און אפשר הונדערטער דורות שפּעטער.

אין קורצע שטריכן, וואָלט מען געקענט באַצייכענען אָט די דאָזיקע צייט, אַלס יאָרן פון גרויסע און שווערע נסיונות, פון געראַנגלען און אויפטרייסלונגען. יאָרן פון פּיין און פון פריידן, פון נחת און פון טרערן, פון בלוט און דערהייבונג, פון קאַמף און פון גבורות.

אַ תקופה פון איבערגאַנגען און אַ מייל־שטיין אין אונדזער טויזנט־יאָריקער געשיכטע.

די יידישע וועלט־געאָגראַפיע האָט אין איר ראַדיקאַל געענדערט איר פּנים. די אַלטע איינגעפונדעוועטע יידישע ישובים אין איראָפּע, וואָס האָבן געוואָרצלט אין טויזנטיאָריקער קולטור־שאַפונג און גייסטיקער אויסלעבונג, זענען פאַר אונדזערע אויגן ראַשיק אונטערגעגאַנגען, און נייע ישובים, אין די אַמעריקעס, אויסטראַליע, זיד־אַפריקע און אין ארץ־ישראל, זענען אויפגעקומען, זיך צעבליט, פּאַרפעסטיקט און פאַרוואָרצלט.

די אַלטע פרומקייט־מויערן און תורה־פעסטונגען זענען אויפגעריסן און צעשטערט געוואָרן, און נייע שטרעמונגען און באַוועגונגען זענען אויפגעקומען און פאַרנומען דעם יידישן אויבנאָן. אַנדערע ווינטן האָבן אַ בלאָז געטאָן, אָפּגעפרישט פון איין זייט, אונדזער לעבנס־רוים, און פון דער אַנדערער זייט פאַרטריבן דעם דופטנדיקן יידישן פאַרצייטיקן אַראָמאַט און אַלט־היימישן שטייגער־לעבן.

איז דאָך אין דער צייט אויפגעקומען ראַשיק דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס האָט מיטגעריסן מיט זיך דאָס פּאָלקס־האַרץ, וואָס האָט באַשטרעבט זיין לאַנגסטיקן חלום צו באַקליידן איןווירקלעכקייט, און האָט ענדלעך דערלעבט, אין אונדזערע טעג, דעם תיקון פון זיינע אַספּיראַציעס.

מיר האָבן אויך אין דער דאָזיקער תקופה איבערגעלעבט דעם גרעסטן אומגליק פון אונדזער לאַנגער גלותדיקער טראַגיק, ווען פון אונדזער פּאָלקס־קערפּער האָט מען מערדערלעך אויסגעריסן די בעסטע גלידער, די ישובים פון איראָפּעישן יידנטום, און ווען מיר האָבן געמיינט אַז מיר גייען אָפּ אין בלוט, האָט אַ נייַ ליכט, וואָס האָט אויפגעשיינט אין מזרח, אונדז, ווי אַ וווּנדערלעכער באַלזאַם, אויפגעלעבט, אַריינגעגעבן פרישע קראַפט, לוסט,

און שטרעבונג, און אָנגעפילט אונדזער עקסיסטענץ מיט אַ נייעם אינהאַלט. אין אונדזער דור איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דאָס וואָס יאָרהונדערטער פון יידישע דורות האָבן אויסגעבענקט אין חלומות און אויסגעפיבערט אין זייערע וויזיעס, אויסגעבעטן אין תפילות און אויסגעטרערט אין תחינות. מדינת ישראל איז ווי דורך אַ נס אויפגעקומען, פאַרווישט די טרער פון אונדזער פאַראומגליקלעכט פנים, נאָך דעם שרעקלעכן חורבן, און האָט פאַרבונדן אונדזערע מיט בלוט־טריפנדיקע וואונדן, מיט אַ היילנדיקן גחת־באַנדאַזש. די אַלע געשעענישן האָבן אויסגעפילט אַלע ווינקעלעך פון אונדזער פאָלקס־וועזן, סיי דעם גאַנצן כלל, סיי די יחידים, סיי יעדער אינסטיטוציע און קערפערשאַפט באַזונדער.

און וויל מען, דעריבער, שרייבן די געשיכטע פון איין באַזונדערער אינסטיטוציע, פירט אונדז דער וועג גלייך צו דער געשיכטע פונעם פאָלק, מיט וועלכער זי איז געגנצלעך אידענטיפיצירט.

מען דאַרף, בכן, אַרויסלייענען פון דער דאָזיקער געשיכטע, די פאַרשיידנסטע עטאַפּן און פאַזעס וואָס אונדזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט, וואָס שפיגלט זיך אָפּ, ווי שוין דערמאָנט, אויפן גייסט און געמיט, און אויף דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

וואָס מען קען אַלץ אַרויסלייענען פון דער געשיכטע פון אַ יידישן פאַראיין!

די אויסבילדונג פון פּראָפעסיאָנעלע עסקנים

די גרונטלייגער און אויספורעמער פון אונדזער היגער געזעלשאַפט־לעכקייט זענען געווען די יידישע עמיגראַנטן פון אייראָפּע, וואָס האָבן אַהערצו אַריבערגעבראַכט יידישן באַוווסטזיין, וויסן, איבערגעגעבנקייט, אימפּעט, און האָבן אויסגעבויט גרויסע און פּרעכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פון אַלע סאָרטן, ווי וווילטעטיקע, פינאַנציעלע, דערציִערישע, קולטורעלע, קינסטלערישע, אאַז״וו, וואָס זענען היינט דער קנין און דער שטאָלץ פון דעם גאַנצן אַרגענטינער יידנטום.

דאָס זענען עס אונדזערע היימישע און דינאַמישע עסקנים, וואָס האָבן דורך שווערער, טרייער אַרבעט און מי, געשאַפן די דאָזיקע יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט, וואָס האָט שוין באַקומען אַ שם אויף דער וועלט מיט איר וואַרעמקייט און דינאַמיזם.

די דאָזיקע ווילע יידן האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך יאָרן, אויסגעטראָגן אַלע שוועריקייטן, ביז זיי האָבן פאַרוואַנדלט די קליינע אינסטיטוציעס אין גרויסע פאַרנעמפולע קערפּערשאַפטן, מיט גראַנדיעזע בנינים און צעצווייגטע אַדמיניסטראַטיווע אַפּאַראַטן, וואָס פאָדערן ספּעציאַליזירטע פירערשאַפט און געזעלשאַפטלעכע באַגאַבונג.

ביז איצט האָט זיך אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט אָנגעשפּאַרט בלויז אויף אונדזערע פרייוויליקע עסקנים, וואָס האָבן זי אויסגעפורעמט און גרויס געמאַכט, אָבער די דאָזיקע עסקנים ווערן אַלע מאָל ווייניקער. אַ סך זענען שוין אַוועק אויפן עולם־האמת. אַנדערע זענען אַלט געוואָרן, פיל זענען מיד געוואָרן, און לויטן אייביקן נאַטור־געזעץ, וועט דער נייער דור מוזן איבער־נעמען און אָנפירן מיטן גרויסן געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט פון אונדזער ישוב.

למען האמת, מערקט זיך נישט קיין גרויסער דראַנג פון דעם נייעם

דור צו יידישער עסקנות, אַזוי ווי עס איז געווען דער פאַל פון אונדזערע עלטערע עסקנים. און אויב מען ציט יאָ אַריין, נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען און מי אַזעלכע, זענען דאָס נישט קיין באַהאַוונטע אין יידישע פּראָבלעמען, טראָגן נישט אין זיך יענעם אימפּעט און אומרו, יענע וואַרעמע יידישקייט און זאָרג פאַר אונדזער קיום און המשך, יענעם באַוווסטזיין און וויסן פון די יידישע איראָפּעיִשע עמיגראַנטן, וואָס האָבן די דאָזיקע מעלות געשטעלט צום דינסט פון דער אויספורעמונג פון אונדזער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן געשטאַלט.

צווייטנס, מערקט זיך נישט ביים נייעם דור, די פריַיוויליקייט פון דעם יידישן עסקן, וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע מי און ענערגיע לטובת דעם יידישן כלל, אָן שום פּראַקטישע אייגננוצן, וואָס באַטראַכט עסקנות ווי אַ מיסיע און ווי אַ זעלישע באַדערפעניש, אין וועלכער ער לעבט זיך אויס און געפינט אינטערעס. אָבער אַנדערש איז ביי דער היינטיקער יוגנט, וואָס איז פּראָפעסיאָנאַליזירט געוואָרן און זוכט אין אַלץ תכלית.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, און טראַכטנדיק וועגן דער קאָנטינויִטעט פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז עס איז נייטיק אויסצובילדן קאַדרען פון פּראָפעסיאָנעלע עסקנים. נאָך מער איז דאָס באַרעכטיקט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז וואָס מער עס אַנטוויקלען זיך אונדזערע אינסטיטוציעס, אַלץ מער באַגאַבונג און ספּעציאַליזירטע קענטענישן דאַרפן פאַרמאָגן אירע אָנפירער.

עס איז דעריבער אומבאַדינגט נייטיק צו גרינדן אַ שול פאַר פּראָפעסיאָנעלע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זאָלן מיט וויסן און באַוווסטזיין אָנפירן אונדזער געזעלשאַפט און זאָלן גלייכצייטיק געפינען דערין זייער לעבנס־תכלית, זיך שאַפן זייער עקאָנאָמישע פּאָזיציע און במילא האָבן אַ לעבנס־אינטערעס.

דאָס וויל נישט זאָגן, אַז אונדזער געזעלשאַפט זאָל אויסשליסן דערמיט די פריַיוויליקע עסקנים. ניין! זי וועט זיך אויך אויף להבא אויף זיי אָנשפּאַרן, אַזוי ווי למשל אונדזער חינוך־וועזן, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די שול־טוער, נאָר די פירער פון די שולן הייבן אָן צו ווערן די דירעקטאָרן. אַזוי וועלן די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע טוער נישט נאָר ניט אויסשליסן די פריַיוויליקע עסקנים, נאָר פאַרקערט, זיי באַוועגן, ריכטן, אָריענטירן און אָריינציִען אין

דער אַרבעט, דאָס הייסט, אַקטיוויזירן זיי און אַרויסבאַקומען זייער פּאָזי־טיוון דינסט פאַר אונדזער ישוב.

אַזאַ דערשיינונג זעען מיר ביים נאָרד־אַמעריקאַנער ייִדנטום, ווו די פּאַקטישע אָנפירער פון דער געמיינדע־טעטיקייט זענען פּראָפעסיאָנעלע גע־זעלשאַפטלעכע טוער, צוגעגרייטע און באַהאַוונטע אין ייִדישן וויסן, אין ייִדישע פּראָבלעמען און אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס פירן אָן און באַוועגן די גרויסע ייִדישע עסקנים לטובת די כלל־הצטרכותן.

אַ סך פון די עקזעקוטיוו־דירעקטאָרן פון די גרויסע צפון־אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן, ווי די צדקה־פעדעראַציע, פאַראייניקטער קאַמפּיין, „דזשאָינט" א"אַ, זענען אַזעלכע וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ ראַבינער־סעמינאַר, אַ ייִדישע הויך־שול, און אַן אוניווערסיטעט, דאָס הייסט, מענטשן מיט הויכער אוניווערסאַלער און ייִדישער בילדונג און געזעלשאַפטלעכער דערפאַרונג, און זענען אַ גאַראַנטיע, אַז די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט ווערט אָנפאַרטרויט אין גוטע הענט, וואָס ריכטן זי מיט ייִדישן וויסן, ייִדישן באַנעם, ייִדישן באַוווסטזיין, און גלייכצייטיק איבערגעגעבנקייט און טריי־שאַפט, היות דאָס איז זייער פּראָפעסיע, זייער תכלית, און דאָס אַליין פאַר־זיכערט שוין, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זייער אינטערעס און ווילן אַז די אינסטיטוציעס זאָלן וואַקסן און זיך פונאַנדערבליִען.

דעסטגלייכן דאַרפן מיר דאָ־הי אויסבילדן פּראָפעסיאָנעלע עסקנים. אין דער דאָזיקער עסקנים־שול, דאַרפן אָנגענומען ווערן אַלס תלמידים, יוגנט־לעכע וואָס פאַרמאָגן ייִדיש וויסן, קענען אונדזערע לשונות, און האָבן אַ נייגונג, אַ חוש, אַ באַרוף צו ייִדישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אָנפי־רערשאַפט.

זיי דאַרפן פאַרמאָגן די דאָזיקע אייגנשאַפטן, ווייל פּונקט ווי אָראַטאָריע דאַרף לערנען דער וואָס האָט אַ נאַטירלעכע רעדנערישע פעיִקייט, זינגען — דער וואָס האָט אַ שטימע און אַ געפיל אין נגינה אד"גל, אַזוי דאַרף באַזיצן די אָנגעוויזענע מעלות דער יוגנטלעכער, וואָס וועט זיך וועלן אויסבילדן אין אַזאַ העכערן עסקנים־אינסטיטוט.

מען וואָלט אַלס קאַנדידאַטן פון אַזאַ שול געקענט באַטראַכטן אַ יוגנט־לעכן וואָס האָט פאַרענדיקט אַ ייִדישן סעמינאַר אָדער אַ מיטל־שול, דאָס

הייסט, אַזעלכער וואָס באַזיצט ייִדישן וויסן, און דאָס וואָלט געווען, ווי שוין געזאָגט, אַ גאַראַנטיע אַז אונדזער געזעלשאַפט זאָל ווייטער גיין אויפֿן אויסגעטראָטענעם וועג פֿון ייִדישלעכן כאַראַקטער, ייִדישן לשון, ייִדישן גייסט. אין קעגנטייל, וואָלט זי אַוועקגעפֿירט געוואָרן אויף גאָר אַנדערע וועגן.

דאָס וואָלט געווען אַ שול פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע געזעלשאַפֿטלעכע אָנפֿירער, נישט סתם פֿון באַאַמטע וואָס זענען אויספֿירער. (אַ פּלאַן צו שאַפֿן אַ שול פֿאַר ייִדישע באַאַמטע איז אַרויסגערוקט געוואָרן די לעצטע יאָרן און וואָלט אפשר געקענט עקסיסטירן זייט ביי זייט בײַ דער עסקנים־שול, ווייל דער פּראָפֿעסיאָנעלער אָנפֿירער וואָלט זיך נאַטירלעך געניייטיקט אין באַאַמטע, דאָס הייסט, אין טעכנישע אויספֿירער).

אין דער דאָזיקער עסקנים־שול וואָלט מען די אינטעליגענטע, באַוווסטזיניקע, ייִדיש־קענענדיקע תּלמידים, געלערנט די געשיכטע פֿון די ייִדישע באַוועגונגען, ייִדישע וועלט־פּראָבלעמען, סאָציאָלאָגיע, געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן, אַלגעמיין־ייִדישע און ספּעציפֿיש־היגע, אינעם גייסט פֿון אהבת־ישׂראל און מדינת ישׂראל.

פֿאַרשטענדלעך, אַז דער לערן־פּלאַן פֿון אַזאַ העכערן אינסטיטוט, וואָלט באַדאַרפֿט זאָרגפֿעליק אויסגעאַרבעט ווערן און די לימודים וואָלטן באַדאַרפֿט דיקטירט ווערן פֿון ערשטקלאַסיקע ספּעציאַליזירטע פּראָפֿעסאָרן.

די אויפֿגאַבע פֿון דערעפֿענען אַזאַ עסקנים־שול ליגט, נאַטירלעך, אויף אונדזערע צענטראַלע קערפּערשאַפֿטן — אויפֿן ערשטן פּלאַץ אונדזער קהילה — וואָס זאָרגן פֿאַר אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרמעגן און היטן־אָפּ דעם ייִדישן גייסט פֿון אונדזער געמיינדע.

דאָס שאַפֿן אַזאַ שול פֿאַר דער אויסבילדונג פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע עסקנים, איז דעריבער אַ געבאָט פֿון דער שעה.

די נויטן פון אונדזער פראָווינץ

"דאָרטן וווּ ס'איז דאָ אַ ייִד — האָט אַמאָל געזאָגט אַ רב — דאָרט איז ירושלים". וווּ נאָר עס געפינט זיך אַ ייִדישער ישוב, ווי גרויס אָדער קליין ער זאָל נישט זיין, אַנטוויקלט ער אַ ייִדיש לעבן אין אַלע זיינע פּאַזעס און מיט אַלע זיינע אַקטיוויטעטן, און ער איז פאַרבונדן מיטן גאַנצן ייִדישן פאָלק, וועמעס באַשטאַנדטייל ער איז.

דעריבער איז ביי אונדז יעדע שול, וווּ זי זאָל זיך נישט געפינען, אַ "בית־יוצר לנשמת־האומה", ווי ביאַליק האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס הייסט, אַ פורעם־הויז פון דער נשמה פון אונדזער אומה, יעדע ישיל — אַ מקדש־מעט און וווּ עס ווערט אויסגעוויקלט ייִדישע קולטור־אַרבעט — נאָך אַ פּאָזיציע פאַר אונדזער גייסטיקן פאַרמעגן.

דערפון די גרויסע חשיבות פון יעדן פּראָווינץ־פּונקט פאַר אונדזער ישוב.

און דאָ מוזן מיר גלייך זאָגן, אַז חינוך, קולטור און רעליגיעזע ייִדישקייט זענען נישט קיין אימפּאָרט־אַרטיקלען וואָס מען קען ערגעץ באַשטעלן, מעג דאָס זיין אין אונדזער הויפּטשטאָט, נאָר זיי דאַרפן בילדן די פּערמאַנענטע אַטמאָספער פון דער ייִדישער פּראָווינץ און דאַרפן אַרויסקוועלן פון איר זעלבסט. די פּראָווינץ דאַרף אַליין אויסשמידן און אויספורעמען איר חינוך־וועזן, איר קולטור־טעטיקייט און איר רעליגיעזע ייִדישקייט. נאָר אַזוי אַרום וועט מען קענען האָפן אויף איר אויפלעבונג און צעמענטירונג. דאָס שליסט נישט אויס, פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּטשטאָט זאָל העלפן, באַווירקן, קאָאָרדינירן, אד"גל. אָבער די טאָג־טעגלעכע און פּערמאַנענטע אַרבעט אויף די אויבנדערמאָנטע געביטן מוז געטאָן ווערן דורך דער פּראָווינץ גופא.

עס ליגט דעריבער דער חוב אויף דעם קהילות־צוזאַמענפאַר און אויף

דעם חינוך־קאָנגרעס אַרויסצורופן אַט דעם דראַנג און שמידן אַט דעם באַ־וווסטזיין פון זעלבסט־אויפלעבונג פון דער פּראָווינץ, פון „אויטאָעמאַנציפּאַ־ציע” פון איר פּאַרגליווערטקייט, און אויפוועקן אין איר דעם „אם לי, מי לי?”, כדי צו געבן אַ תיקון אַלע פּראָבלעמען און נויטן מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך די פּראָווינץ און וואָס האַלטן באַזאָרגט אונדזער מעטראָפּאָליע. מיט אַנדערע ווערטער קענען מיר זאָגן, אַז ווען די קהילות פון אינערן וועלן שטיין אויף אַ פעסטן באָדן אין זייערע טעטיקייטן, וועט דער „וועד־הקהילות” קענען ווירקלעך זיין אַ וועד פון קהילות, דער קאָאָרדינאַטאָר און אַנוויזער, דער באַווירקנדיקער כוח און די שטויס־קראַפט. דאַקעגן — וועט ער בלייבן בלויז אַ ביוראָ וואָס באַזאָרגט ביי אַ געלעגנהייט מיט אַ רעדנער, אַ קינסטלער, אַ לערער אאַז״וו, די פאַרשיידענע ישובים אָדער ענטפערט אויף אַן אָנפראַגע מצד די זעלבע.

דער „וועד־הקהילות” וועט ווערן אַ כוח נאָר דאַן ווען אונטער אים וועלן שטיין פעסטע ישובים מיט אַ פולסירנדיק יידיש לעבן, מיט גוט־אָרגאַ־ניזירטע שולן און סעמינאַרן אויף דער פּראָווינץ, מיט אַ ברויזנדיק קולטור־לעבן, און אַן איינגעאָרדנטע רעליגיעזע יידישקייט.

מיר וועלן דעריבער פּרוּוון דאָס אויבנגעזאָגטע באַהאַנדלען סינטעטיש פּונקט נאָך פּונקט.

חינוך

עס וועט אפשר קלינגען איבערגעטריבן אויב מיר וועלן גלייך, ביים אָנהייבן באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע, זאָגן, אַז די פּראָווינץ־ישובים האָבן די מעגלעכקייטן אין אַלע הינזיכטן צו דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן אין זייער חינוך־וועזן ווי ביי אונדז אין הויפּטשטאָט, אויב זיי וועלן נאָר עס וועלן. לאָמיר עס פּרוּוון דערקלערן:

ערשטנס, האָבן די פּראָווינץ־ישובים דעם קאָנטראָל פון אַלע יידישע איינוווינער פון זייערע אָרטשאַפטן, כדי אָנצונעמען אַן אַקציע צו דערגרייכן דעם מאַקסימאַלן באַזוך פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער אין זייערע יידישע שולן. אַנדערש איז ביי אונדז אין דער גרויסער שטאָט, ווו מען קען נישט אַרונטערנעמען אונטער אונדזער השגחה אַלע יידישע קינדער, ווייל זיי זענען צעשפּרייט אין די פאַרשיידענע געגנטן.

דאַקעגן, אויף דער פּראָווינץ, קען מען יעדן יידן און מען קען אַפילו געזעלשאַפטלעך, מצד דער באַטרעפנדיקער קהילה, אויסאיבן אַ השפּעה אָדער אַ דרוק, ער זאָל שיקן זיין קינד אין דער יידישער שול. אין קעגנטייל, קען די קהילה אָננעמען קעגן אים די געהעריקע סאַנקציעס אאַז״וו. מען קען, אַלזאָ, דערגרייכן אַ גרעסערן פּראָפּאָרציאָנעלן שילער־באַזוך ווי אין דער הויפּטשטאָט.

אויך עקסיסטירט נישט דאָרטן דער אַזוי שווערער טראַנספּאָרט־פּראָבלעם ווי אין דער הויפּטשטאָט, וואָס באַלאַסטעט דעם שול־ביודזשעט און פאַרפּילפאַכט דעם שכר־לימוד, און וווּ אין די מערסטע פאַלן פאָרט דער תלמיד מער שעהען וויפל ער לערנט אין דער שול גופא, וואָס איז אַן אומזיסטער צייט־פאַרלוסט וואָס ווירקט אַפילו פאַרמאַטערנדיק און רופט זיך אָפּ אויף זיינע לימודים (ער האָט נישט קיין צייט אויף היים־אויפגאַבעס אאַז״וו). אויף דער פּראָווינץ איז דאָס נישט שייך, ווייל מערסטנטייל וווינען די קינדער אַרום זייער שול און די וויטערע שילער זענען אויך, אין פאַרגלייך מיט די פון דער הויפּטשטאָט, זייער נאָענט צו דער שול.

אַפילו פינאַנציעל איז לייכטער אויסצוהאַלטן די שול, ווייל זי איז אין כמעט אַלע פאַלן, די איינציקע אין שטאָט, און די גאַנצע געזעלשאַפט קען מאָביליזירט ווערן צו שאַפן די געהעריקע פאָנדן פאַר איר אויסהאַלטונג און אַנטוויקלונג.

אויב נייטיק קען מען דורכפירן אַ יערלעכן חינוך־קאַמפּיין.

עס איז אויך נייטיק צו גרינדן לערער־סעמינאַרן אין יעדן גרעסערן פּראָווינץ־ישוב, ווייל נאָר אויף לערער פון די אייגענע וווינערטער קען מען רעכענען צו פאַרבעסערן די שולע. ערשטנס, זענען זיי שטאַנדהאַפטיקער ווייל זיי וווינען אויף די אַרבעטס־פּלעצער, ווייל וויסן דאַרף מען, אַז לערער פון אַנדערע ערטער האַלטן זיך נישט לאַנג אויף זייערע פּאָסטנס.

צווייטנס, פאָדערן זיי, נאַטירלעך, אַ גרעסערן געהאַלט, צוליב זייערע אויפהאַלט־הוצאות, בעת די וואָס זענען תושבים פון דער באַטרעפנדיקער שטאָט, נעמען אַ געהאַלט לויטן סטאַזש, ווידער אַ פאַקט וואָס באַגינסטיקט די פּראָווינץ־שולן.

דריטנס, וואָלט אַ לערערשאַפט פון דער באַטרעפנדיקער שטאָט געביל־דעט די אָרטיקע אינטעליגענץ, וואָס דאָס מיינט אויפלעבן קולטורעל די פּראָווינץ־ישובים.

אַט אַזעלכע סעמינאַרן פונקציאָנירן שוין אין מאָזעסוויל, קאָרדאָבע, ראָזאַריע, און וואָלטן געדאַרפט וואָס גיכער געעפנט ווערן אין אַלע גרעסערע שטעט ווי לאַ פּלאַטאַ, סאַנטאַ פע, באַהיאַ בלאַנקאַ, מענדאָסאַ, טוקומאַן רע־סיסטענסיאַ א״אַ, וואָס וואָלטן באַזאָרגט אויך די אַרומיקע קלענערע ישובים מיט לערער, און עס וואָלטן אין זיי זיך צוגעגרייט אַלס אַזעלכע, תּלמידים פון די דאָזיקע קלענערע אָרטשאַפטן.

דאָס וואָלטן, פאָלגלעך, געווען ראַיאָן־סעמינאַרן און עס וואָלטן זיך אויך געשאַפן רעגיאָנעלע שול־אָרגאַניזאַציעס צו פאַרשפּרייטן און שטאַרקן דעם יידישן חינוך פון זייערע קלענערע ישובים, און אַזוי אַרום וואָלט דער יידי־שער חינוך אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער רעפּובליק.

אַפילו אין אַ גאָר קליינעם ישוב, ווו עס וווינען בלויז געציילטע יידישע משפחות, וואָלט די רעגיאָנעלע שול־אָרגאַניזאַציע באַזאָרגט מיט אַ לע־רער, אויב נישט אויף אַ גאַנצער וואָך, אַפילו אויף עטלעכע טעג פון דער וואָך אָדער אויף איין טאָג, כּדי זייערע קינדער זאָלן נישט וואַקסן פרעמד צו אונדזער פאָלק און זאָלן אויך געניסן אויף וועלכן ס׳איז אופן און אין יעטוועדער מאָס פון דער יידישער דערציִונג.

דאָן וואָלטן יידישע שולן אויף דער פּראָווינץ זיך נישט געדאַרפט פאַרמאַכן צוליבן פעלן פון לערער אָדער פינאַנצן, און דאָס וואָלט געהויבן באַדייטנדיק די צאָל שילער אין אונדזערע שולן און סעמינאַרן אין לאַנד.

פון גרויס וויכטיקייט וואָלט אויך געווען דאָס גרינדן אין יעדער פּראָ־ווינץ־ראַיאָן, מצד די דאָזיקע רעגיאָנעלע שול־אָרגאַניזאַציעס, זומער־קאָלאָ־ניעס פאַר די תּלמידים פון זייערע ישובים, וואָס וואָלטן נאָך מער געשטאַרקט דאָס אָרטיקע חינוך־וועזן.

אין עטלעכע ווערטער, און בלויז מיט אייניקע געבראַכטע ביישפּילן, קענען מיר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די הילף איז נאָר געווענדט אין דער פּראָווינץ אַליין. נאָר ז י קען דאָס דורכפירן און דערפירן צו אַן אויפבלי און פונאַנדערוואוקס פון איר חינוך־וועזן.

י ו ג נ ט

בנוגע דער פּראָגע יוגנט אויף דער פּראָווינץ, קענען מיר אויך זאָגן,

אַז די באַטרעפנדיקע קהילות קענען אויסוויקלען אַ ברייטע טעטיקייטס־פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער ייִדישער יוגנט פון זייערע מקומות.

דעם אַספּעקט איז נייטיק צו שענקען די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט, ווייל די יוגנט איז אונדזער צוקונפט און איר אויפפירונג איז אין אַ גרויסער טייל געווענדט אין די קהילות.

ערשטנס, דאַרפן די לעצטע דערנענטערן די יוגנט צו זיך, שאַפנדיק פאַר איר די געהעריקע קהילה־יוגנט־צענטערס, ווו זי זאָל קענען אַנטוויקלען די פאַרשיידענע יוגנט־טעטיקייטן. דערצו דאַרפן זיי אויפבויען פאַר זיי די געהעריקע געביידעס ווו די יוגנט זאָל קענען פאַרברענגען און אַריינגערינגלט ווערן אין אונדזער פאָלקס־קייט.

אין די דאָזיקע קהילה־צענטערס פאַר יוגנט דאַרפן זיין ספּאָרט־פּלעצער און צוגעפּאַסטע זאַלן פאַר קולטור־אַרבעט, ווי ביבליאָטעקן, דיסקאָטעקעס, פאַרווייַלונגען אאַ״וו. מען דאַרף פאַר זיי אויסאַרבעטן אַ קולטור־פּראָגראַם פון לעקציעס, טעאַטער־אויפפירונגען, כאָרן, דראַמקרייזן, טענץ, קורסן פון ייִדישע לימודים פאַר די וואָס באַזוכן נישט די סעמינאַרן אאַ״וו. די פּראָגראַם דאַרף זיין פאַר דער יוגנט, און דורך דער יוגנט, אין אַלגעמיין, און איינגעטיילט אין גרופּעס לויט דער עלטער; אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט די אוניווערסיטאַרישע יוגנט, פאַר וועלכער עס דאַרף, אויב נייטיק, אויסגעאַרבעט ווערן אַ ספּעציעלע קולטור־פּראָגראַם.

אויך דאַרף מען די יוגנט באַטייליקן אין די אַקטן פון דער קהילה, כדי אַזוי אַרום זי מקרב־זיין צום געזעלשאַפטלעך־קולטור־לעבן און ביסלעכווייז זיי אָנפאַרטרויען אַלע פּאָזיציעס פון דעם ייִדישן געמיינדע־לעבן, וועמענס פירער זיי וועלן זיין.

די יוגנט פאַרדינט דעם גרעסטן אויפזען אין דער אַרבעט פון די קהילות און אפשר דעם פּראָמינענטסטן פּלאַץ, אַ זאַך וואָס ווערט, לײדער, פאַרזען און וועמענס קאָנסעקווענצן זענען, נאַטירלעך, גאָר נישט קיין געהויבענע.

קולטור

אין די אַמאָליקע קליינע ייִדישע שטעטלעך פון אייראָפּע איז געפירט געוואָרן אַ ברויזנדיק קולטור־לעבן, פול מיט רעפעראַטן, דעבאַטעס, קעסטל־

אָונטן, אויפפירונגען פון די היימישע דראַם־קרייזן, וואָס האָבן באַלעבט די שטעטלעך מיט אַ קאָכיקער יידישער קולטור־אַטמאָספער.

אויף דער גרויסער שטאָט פלעגט מען זיך פאַרקוקן, אַרויפקוקן, זיך קוויקן מיט אַ לעקטאָר פון דאָרטן, וועמענס קומען איז געווען אַ געשעעניש אין שטעטל, אָבער די טעגלעכע קולטור־בויטן האָט דאָס שטעטל אַליין געדעקט.

ביי אונדז, אויף דער פּראָווינץ, קוקט מען נישט נאָר אַרויף צו דער הויפּטשטאָט, נאָר מען קוקט אַרויס אויף איר, עס זאָל פון דאָרטן קומען אַ רעדנער, אָדער אַ קינסטלער, אַ טעאַטער־אַנסאַמבל און אַנדערע.

דאָ דאַרף מען הייסן אונדזער פּראָווינץ נישט נאָר אַרויסקוקן אויף בוענאָס איירעס, נאָר זיך פאַרקוקן אויף איר און איר נאָכטאָן, ווי ס'איז געווען אין די אַמאָליקע קליינע אייראָפּעישע שטעטלעך, ווייל אומעטום קען געפירט ווערן אַ פּערמאַנענטע און אַ פּלאַנמעסיקע קולטור־אַרבעט מיט די אייגענע כוחות.

פאַרשטענדלעך, אַז פון מאָל צו מאָל זאָלן קומען געסט פון דער הויפּט־שטאָט צי גאָר פון אויסלאַנד, וואָס דאָס דערמוטיקט און רעגט־אָן אויף ווייטער צו פירן קולטור־אַרבעט, אָבער בלויז אויף דעם איז נישט מעגלעך אַז עס זאָל שטיין און באַשטיין דאָס קולטור־לעבן פון אַ יידישן ישוב, ווי גרויס אָדער ווי קליין ער זאָל נישט זיין.

אומעטום געפינען זיך נאָך אָרטיקע כוחות, וואָס זענען ביכולת אָנצו־פירן מיט אַזאַ טעטיקייט. אומעטום, אויף דער פּראָווינץ, געפינען זיך ביי־בליאָטעקן — ליידער פאַרשטויבטע און פאַרמאַכטע — מיט גוטער יידישער ליטעראַטור, וואָס וואָלטן געקענט אויפגעעפנט ווערן און באַרייכערט ווערן און באַדינען די אָרטיקע וווינערשאַפט. מען דאַרף אָרגאַניזירן זונטיק־קורסן פאַר דערוואַקסענע (אגב איז די איניציאַטיוו געקומען פון פּראָווינץ), כאָר, רעפעראַטן, קאָנצערטן אאַ״וו.

די נענטערע שטעט וואָלטן באַדאַרפט אָנהאַלטן צווישן זיך אַן ענגערן קאָנטאַקט און אַן אינטענסיוון קולטור־אויסטויש פון זייערע קולטור־כוחות פון דעם ראַיאָן, ווי פון רעדנערס, זינגערס, רעציטאַטאָרן, אויפטריטן פון ליבהאָבער־טעאַטערס אאַ״וו וואָס וואָלטן געמאַכט אינטערעסאַנטער זייער קולטור־טעטיקייט און וואָלטן נישט געווען אָנגעוויזן אויפן שטענדיקן חסד

פון דער הויפּטשטאָט, וואָס ביים בעסטן ווילן, קען זי נישט נאָכקומען די פאָדערונגען.

צווייטנס, ווידער אַ מאָל, וואָלט דאָס פינאַנציעל געווען מעגלעכער, ווייל דאָס אַראָפּברענגען קולטור־כוחות פון דער פרעמד איז פאַרבונדן מיט אַ סך הוצאות, אַ זאַך וואָס נישט אַלע ישובים קענען זיך דאָס דערלויבן און סוף כל סוף זענען דאָס ספּאָראַדישע אויפטריטן און נישט קיין פּערמאַנענטע טעטיקייט.

דריטנס, וואָלט מען סטימולירט און אויסגעבילדעט די אָרטיקע קול־טור־כוחות וואָס וואָלטן באַרייכערט אונדזער קולטור־פאַרמעג.

כדי דורכצופירן ווי געהעריק און פּלאַנמעסיק די גאַנצע קולטור־אַר־בעט, וואָלטן די קהילות געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ קולטור־לייטער וואָס זאָל אָנפירן און אויספּלאַנעווען די קולטור־פּראָגראַמען פון זייערע מקומות.

פאַרשטענדלעך, אַז פון צייט צו צייט זאָלן אַראָפּקומען קולטור־קרעפטן פון דער הויפּטשטאָט, אָבער דאַן וואָלטן זיי געווען דער יום־טוב פון דער קולטור־וואָך (ווי אין די אַמאָליקע איראָפּעיִשע שטעטלעך); ווייל אויף יום־טוב אַליין שטייט נישט אונדזער לעבן. פאַרקערט, נאָך דער וואָכעדי־קייט שפּירט זיך ערשט ריכטיק דער יום־טוב און אָט־די היימישע קולטור־וואָכעדיקייט פון אונדזער פּראָווינץ וואָלט געפירט צום גרויסן קולטור יום־טוב פון אירע ישובים.

ר ע ל י ג י ע ז ע   י י ד י ש ק י י ט

ווו עס לעבט נאָר אַ יידישע עדה בייטיקט זי זיך אין רעליגיעזע הצטר־כותן. די פרומקייט ווערט טאָקע פון טאָג צו טאָג פאַרמינערט אין אונדזע־רע ישובים, אָבער די רעליגיעזע פאָרמען פון אונדזער געמיינדע־לעבן ווערן נישט געענדערט.

איך האָב אַמאָל געהערט אַ לעקציע פון יידישער געשיכטע, אויף וועל־כער דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעוויזן, אַז וואָס אַ מאָל לערנען ווינציקער יידן דעם תלמוד, אָבער דאָס יידנטום אין אַלגעמיין, ביודעים אָדער בלא יודעים, פירט זיך לויטן תלמוד.

דעריבער, ווו עס איז פאַראַן אַן עדה יידן, נייטיקט זי זיך אין אַ רב, אַ שוחט, אַ מוהל, אַ חזן, א שמש, אַ בעל־קורא, אַ בעל־תוקע, אאַ״וו.

עס איז שוין אַנגעוויזן געוואָרן אַמאָל, אַז די גרעסערע פּראָווינץ־געמיינדעס דאַרפן האָבן אַ רב, פּונקט ווי אין דער הויפּטשטאָט, ווייל די זעלבע פּראָבלעמען און שאלות, ווי קבורה, גטן, חופה וקדושין א״אַ שווימען דאָרט אויך אַרויף, און עס איז נייטיק סדר אין דעם אָרטיקן רעליגיעזן לעבן.

דער רב וואָלט גלייכצייטיק געווען דער גייסטיקער מנהיג פון דער באַטרעפנדיקער געמיינדע און וואָלט געווען דער אַדרעס ווו צו ווענדן זיך וועגן די אַלע רעליגיעזע פּראַגעס פון די פּראָווינץ־ישובים. ער וואָלט געקענט זיין אַ ראַיאָן־רב, דאָס הייסט, אויך דינען די אַרומיקע קלענערע ישובים.

דער „וועד־הקהילות" וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען זיך מיט דער פּראַגע פון גרינדן אַ רבנים־סעמינאַר אָדער אַ סעמינאַר פאַר כלי־קודש, וואָס זאָל אויסבילדן די קינפטיקע מנהיגים רוחניים פון אונדזערע ישובים, ווי אויך שוחטים, מוהלים, חזנים, בעלי־קריאָה, בעלי־תוקעס אאַ״וו, וואָס וואָלטן געדעקט די רעליגיעזע נויטן אויף אונדזער פּראָווינץ און וואָלטן אַריינגעבראַכט אָרדענונג אויפן דאָזיקן געביט וואָס איז לײדער, אַ ביסל פאַרוואָרלאָזט.

דער רב וואָלט אָרגאַניזירט דאָס רעליגיעזע לעבן, ווי כשרות, חזנות, מוהלשאַפט, וועמענס פונקציאָנאַרן וואָלטן געשטאַנען אונטער זיין השגחה.

ער וואָלט זיך אויך געזאָרגט פאַרן פאַרשפּרייטן דעם לימוד־התורה אין זיין קהילה. אויך דאָ וואָלט איינגעפירט געוואָרן דער ראַיאָן־סיסטעם, נעמלעך, אַז די גרעסערע שטאָט זאָל באַזאָרגן די קלענערע אַרומיקע ישובים מיט חזנים, מיט אַ מוהל, אַ שוחט, בעלי־קריאָה אאַ״וו, אַזוי אַז די גאַנצע רעפּובליק זאָל ווי געהעריק געדעקט ווערן אין אירע רעליגיעזע נויטן.

קומען מיר צום שלוס, אַז די וואָס קענען העלפן אונדזער פּראָווינץ און זי אַרויספירן אויף ברייטערע וועגן פון דעם יידישן געמיינדע־לעבן, איז די פּראָווינץ גופא.

אָט אין דעם זין איז נייטיק צו ריכטן אַלע אָנשטרענגונגען אויף דעם נעקסטן צוזאַמענפאָר פון קהילות און אויפן חינוך־קאָנגרעס, כדי אָנצורעגן אונדזער פּראָווינץ און וועקן איר באַוווסטזיין אין די אייגענע כוחות און אונטערנעמונגען.

מדינת־ישראל און תפוצות־ישראל

וואָס דער גלות דערוואַרט פון מדינת־ישראל

דער ייִד אין גלות פילט זיך אין די לעצטע יאָרן דערהויבן און חשוב מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

איז דאָך אין זיין צייט מקוים געוואָרן דער חלום פון יאָרהונדערטער, די איינגעבענקטעטע האָפענונג אין די הערצער פון צענדליקער ייִדישע דורות, דער אויסגעתפילהטער פאַרלאַנג פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, דער טרוים פון די משיחים און פון די רביים, דער חלום פון די פּיאָנערן און די נבואה פונעם ציוניזם: אַן אייגענע מדינה, אַ ייִדישע.

וואָס פאַר אַ שטאָלץ וואַרעמט היינט דעם גלות־ייִדנס האַרץ און מיט וויפל באַגייסטערונג און ציטער קוקט ער אַרויף צו דער מדינה! וויפל באַ־וווּנדערונג פאַרן העראָישן ייִדישן ישראלדיקן ישוב און וויפל טריישאַפט און צערטלעכע ברידערלעכקייט!... ער פילט זיך ווי אַ מחותן אויף אַ גרויסאַר־טיקער שמחה און אויך ווי אַ שותף, אַ מיטהעלפער, אַ מיטבויער. און אַלס אַזאַ וואָלט ער געוואָלט עס זאָל אים באַטראַכטן דער ישראל־ייִד; די זעלבע ברידערלעכקייט און ליבשאַפט וואָלט ער געוואָלט פון אים שפּירן און דער־פילן, אַז מדינת ישראל און גלות ישראל בילדן איין פאָלק, איין גאַנצקייט, איין אייניקייט.

אַט דאָס געפיל פון איין פאָלק מוז באַהערשן סיי דעם ישראל־ישוב און סיי די תפוצות.

צוגלייך מיטן קיבוץ גלויות און מיזוג־גלויות־פּראָצעס, וואָס קריסטאַלי־זירט זיך אין דער ייִדישער מדינה, מוז אויך אויסגעשמידט ווערן דער אַחדות העם־באַוווּסטזיין, אַז דאָס ייִדישע פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט איבערן

ערד־קוגל, אין זיינע פארשידענע ישובים און שבטים, מיט זיינע אייגנאר־טיקייטן, מיט זיינע שפראכן און דיאלעקטן, בילדן איין פאלק: עם ישראל. און דאס קען נאר טאן די יידישע מדינה מיט איר באציונג צום גלות.

ווייל במשך לאנגע דורות זענען מיר אזוי צעשפליטערט געווארן געא־גראפיש, גייסטיק, אז די פארשידענע טיילן פונעם פאלק האבן פארלוירן די געמיינזאמע שפראך צווישן זיך און צווישן די פארשידענע יידישע עדות, און נאר די יידישע מדינה קען גאנץ מאכן דעם תהום צווישן זיי; זי קען נישט נאר פאליטיש און שטאטלעך אויפריכטן דאס יידישע לעבן, נאר גייסטיק באהויכן אונדזער פאלק, עס פארברידערן און צונויפגיסן אין אלע זיינע צעשפרייטקייטן און אריינברענגען — ווי מיר האבן שוין געזאגט — דאס געפיל פון איינקייט, צו געמיינזאמקייט פון איין פאלק.

דאס יידישע פאלק אין גלות איז דאס הינטערלאנד פון מדינת ישראל, איז דער בעסטער אליאירטער וואס זי פארמאגט אויף דער גאנצער וועלט.

מדינת ישראל דארף דעריבער בילדן דעם צענטער פון יידישן גייסט פון גאנצן פאלק. זי דארף דינען נישט נאר אלס גייסטיקער צענטער — ווי אחד־העם האט עס פארמולירט — נאר ווי דער צענטער פון יידישן גייסט, וואס דאס איז עפעס אנדערש.

בעת א גייסטיקער צענטער — לויט אחד־העם — איז משפיע אויף דער פעריפעריע, אויפן פאלק אין גלות, איז דער צענטער פון יידישן גייסט דער אויסדרוק און דער סינטעז פונעם שאפן פונעם גאנצן פאלק איבער דער גארער וועלט; נישט נאר וואס איז משפיע, נאר ווערט אליין מושפע, באאיינפלוסט, זאפט איין און קריסטאליזירט אויס אין זיך נישט נאר א מדינת ישראלדיקע, נאר אן עם־ישראלדיקע קולטור, וואס איז גענערט פון די זאפטן פון אלע דורות און אלע מקומות פון יידישער עקסיסטענץ.

מדינת ישראל דארף זיין דעם פאלקס גייסטיקע מעטראפאליע, וואס זאל אים באהויכן, אינספירירן און אויסטרעטן א וועג אין יידישקייט.

דער גלות־ייד דערוואַרט, אז אין ישראל זאלן געשאפן ווערן, חוץ פא־ליטישע און שטאטלעכע, אויך גייסטיקע־דערהויבענע ווערטן.

ער וויל זען אין ישראל די העכסטע אויטאריטעט אויף אלע געביטן פון יידישער גייסטיקייט; אז פון דארט זאל ארויס דאס נייע ווארט, דאס נייע

ליכט וואָס זאָל באַלייכטן דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק און זאָל אָנפילן מיט דערהויבנקייט זיין ייִדיש לעבן.

ער וויל זען ישראל ווי אַ מוסטער און וועגווייזער אין ייִדישן לעבן, וואָס זאָל געשטאַלטיקן דעם פאָלקס־פּרצוף און געבן אַ תיקון צו די ייִדישע אידעאַלן און זוכענישן.

ער וויל אויך זען די מדינה אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, מיט איר עטיק, מיט איר גייסטיקער שאַפונג און פּאָטענץ; אַז די וועלט זאָל דערפילן, אַז ישראל איז דווקא נישט „ככל הגויים״, נאָר העכער, אידעאַלער; אַז די ייִדישע מדינה איז נישט סתם נאָך אַ שטאַט, נאָך אַ לאַנד אויף דער וועלט־מאַפּע, נאָר אַ מוסטער־שטאַט, אַ צענטער פון גייסט. ער וויל, אַז די וועלט זאָל אין ישראל דערקענען דעם מהות, דעם ווערט, די קווינטעסענץ פון ייִדישקייט און פון ייִדנטום, פון די ייִדישע מידות און באַ־גריפן, פון די ייִדישע אידעאַלן, פון דעם ייִדישן באַנעם; אין מדינת ישראל זאָל קומען צום פולן אויסדרוק דער ייִדישער זשעני, די ייִדישע שעפערישקייט און דער ייִדישער קוק אין אַלע זיינע פּאַזן, אויף אַלע געביטן, מיט אַלע ייִדישע קניטשן און הנען.

די ייִדישע זעלבסטשטענדיקייט, די עצמאות, פאַרשטייט דער גלות־ייִד, דאַרף דעריבער נישט נאָר זיין אַ פּאָליטישע, אַ שטאַטלעכע, אַ סאָציאַלע און אַן עקאָנאָמישע, נאָר די ייִדישע זעלבסטשטענדיקייט דאַרף זיין, בעיקר, אַ גייסטיקע, דאָס מיינט: זיך באַפרייען פון די פרעמדע קאָנצעפּציעס וואָס האָבן ביי אונדז זיך אַנגעהויפּנט אין דעם לאַנגן גלות, זיך אָפּטרייסלען פון פרעמדן נישט ייִדישן קוק און באַגריף, נייערט שאַפן לויט דעם דורותדיקן ייִדישלעכן וועלט־און פאָלקס־באַנעם, לויטן אייגענעם נוסח וואָס קוואַלט אַרויס פון אונדזער אייניקייט, פון אונדזער עטיק און פון אורשפּרינגלעכן ייִדישן גייסט.

ישראל איז באַרופן צו ווערן דער צענטער פון דער ייִדישער רעליגיע, פון אַ וועלט־אמונה פון דעם ייִדישן פאָלק, פון אַ וועלט־פאָלק. אין דעם זין איז זי געווען און וועט זיין אַן „עם לבדד ישכון״, אַ וועלט פאַר זיך. ערשט איצט האָבן די פאַרוואָגלטע און פאַרוואָרפענע ייִדן אויף דער וועלט געפונען זייער צענטער, זייער ריכטערן, זייער וועגווייזערן.

און אויב די וועלט וועט וועלן קענען און דערקענען דעם ייִדן, וועלן

וויסן זיין מהות און ווערט, וועט מען קענען אָנצייגן אויף מדינת ישראל אַלס דער מוסטער, דער סינטעז און די קווינטעסענץ פון ייִדישקייט און פון ייִדנטום, זיין עכטער פאַרשטייער און בעסטער אויסדרוק.

אָט דאָס דערוואַרט דער גלות־ייִד פון מדינת ישראל און אַזוי שטעלט ער זיך פאַר די ייִדישע זעלבסטשטענדיקייט די ייִדישע עצמאות.

די ערשטע יאָרן זענען פאַר דער מדינה געווען שווערע יאָרן פון פּאָליטישער קאָנסאָלידירונג, פון עקאָנאָמישן געראַנגל און לויערנדיקע געפאַרן. לאָמיר ווינטשן און האָפן, אַז די קומענדיקע יאָרן וועלן באַפרייען די ייִדישע מדינה פון דעם דאָזיקן שווערן יאָך און עס זאָל אויסגעטראָטן ווערן דער וועג צו געבן אַ תיקון די דערוואַרטונגען פון דעם גלות־ייִדנטום, נעמלעך, אַז די ייִדישע מדינה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם צענטער פון ייִדישן גייסט.

יידישע מדינה און יידיש פאָלק

אין די ערשטע צייטן פון אונדזער געשיכטע, זענען מיר געווען אַ מדינה־פאָלק, ד״ה צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, האָט אונדזער גאַנץ פאָלק געלעבט אין אונדזער לאַנד.

אַפילו דאַן ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אין שעבוד־מצרים, איז אויך דאָרטן געווען קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע יידיש פאָלק. ערשט אין שפּעטערע צייטן איז אונדזער פאָלק געוואָרן פון אַ מדינה־פאָלק אַ וועלט־פאָלק, ד״ה צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, צעטיילט אין אַ סך צענטערן, אין גרעסערע און קלענערע ישובים. אונדזער געשיכטע איז פאָלגלעך געוואָרן אַ וועלט־געשיכטע, אַ צונויפהעפטונג פון פאַרשידענע יידישע געשיכטעס, ד״ה פון די פאַרשידענע יידישע צענטערס, וואָס האָבן זיך איבערגעטראָגן פון איין אָרט צום אַנדערן, אָדער עס האָבן גאָר עקסיסטירט עטלעכע צענטערן פאַראַמאָל. זי איז געוואָרן אַ מאָזאַיק פון דער געשיכטע פון מערערע יידישע ישובים. אַזוי אַז צו קענען אונדזער געשיכטע, מוזן מיר אין דער זעלבער צייט לערנען די געשיכטע פון יעדער תפוצה באַזונדער, פון יעדן יידישן קיבוץ פאַר זיך, נאָכפאָלגן די אַנטוויקלונג פון יעדן יידישן ישוב, און ערשט דאַן באַקומען מיר אַ בילד פון אונדזער פאָלקס געשיכטע.

דאָס מיינט, אַז אין קעגנטייל פון דער תנ״ך־תקופה, אין וועלכער אונדזער פאָלק האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין מדינה אָדער אויף איין באַשטימטן פּלאַץ, ווו עס איז געווען אַ מדינה־פאָלק, איז די שפּעטערדיקע יידישע געשיכטע געווען אַ תפוצות ישראלדיקע.

דאָס מיינט אויך, אַז מיר האָבן אין יענער צייט פאַרמאָגט איין שפּראַך, צי דאָס איז געווען העברעיש, צי אַראַמעיש, איין קולטור, איין גייסטיקן פּרצוף, איין אייגנאַרט, די זעלבע מנהגים אאַ״וו. אין דעם זין זענען מיר

געוועזן ענלעך צו כל הגויים. אין די שפּעטערדיקע גלות־צייטן, זענען מיר געוואָרן אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. מיר זענען נישט נאָר געאָגראַפיש צעשפּרייט געוואָרן, זיך דעצענטראַליזירט, ד״ה אַוועק פון איין צענטראַל אָרט, און געשאַפן מערערע צענטערס און קלענערע פּונקטן און פּעריפער־ריעס, נאָר אויך גייסטיק זענען מיר געוואָרן צעשפּליטערט, אָן אַ געמיינזאַמער שפּראַך, אָן דער זעלבער קולטור, מיט פאַרשידענע מנהגים און אייגנאַרטיקייטן.

אַזוי רעדן ייִדן היינט אין שבעים לשונות, גייען אָנגעטאָן אין אַזוי פּיל טראַכטן, זענען אין די פאַרשידענע עדות אַנדערש אין זייער אויסערלעכער הלבשה, אין זייערע קאָלירן, זייער קולטור, זייער באַנעם און אויפפאַסונג. דאָס מיינט אַז אינערהאַלב אונדזער פאָלק פאַרמאָגן מיר אַ סך פעלקער, אַ סך טיפן ייִדן וואָס שיידן זיך אונטער איינער פון דעם אַנדערן.

דערפאַר איז די משיחישע אידייע געווען, צו פאַראייניקן נאָך אַ מאָל דאָס גאַנצע ייִדיש פאָלק, צונויפזאַמענברענגען עס פון אַלע זיינע צעשפּרייט־קייטן, און עס ווידער קאָנצענטרירן אויף איין אָרט, נעמלעך אין ארץ־ישראל.

אַפילו די טויטע פון די גלות־לענדער וועלן זיך אַהינצו איבערקייקלען אין זייערע קברים. דאָס הייסט ווידער צענטראַליזירן אונדזער פאָלק אויף איין פּלאַץ און ווידער אויסלעבן אונדזער פאָלקס געשיכטע אין איין צענטער. פאַרשטענדלעך, אַז דאַן וועלן מיר ווידער פאַרמאָגן איין איינציקע שפּראַך, קולטור, נוסח, אייגנאַרט, די זעלבע פירונגען. מיט איין וואָרט: ווידער איין געאָגראַפישן און גייסטיק־נאַציאָנאַלן פּרצוף.

דאַן וואָלט געקומען די גאולה־שלמה, דאָס אויסלייזן די ייִדן פון זייערע ליידן אין זייערע פילע ווויִן־ערטער און די באַנייונג פון דעם פאָלקס לעבן אויף זיין אייגענער ערד.

אַזוי האָבן גאַנצע פריִערדיקע דורות אויסגעחלומט די ייִדישע גאולה און איינגעגנעסטעט די משיחישע וויזיע. נעמלעך, אַז אונדזער פאָלק זאָל זיין איין פאָלק, אין איין לאַנד, אין זיין לאַנד.

דער חלום ווידערצושטעלן אַ ייִדישע מלוכה, איז געגאַנגען געמאַכט מיט אָט־דעם באַגריף. אַנדערש וואָלטן זיי דאָס נישט געקענט באַנעמען. דאָס האָט געמיינט דער „קבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ" דער אמתער קיבוץ־

גלויות, וואָס איז געווען אַ פאַרבאַדינג אָדער רעזולטאַט פון דער יידישער דערלייזונג.

אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט.

מיר האָבן דאַנקען ג־ט היינט אַ יידישע מדינה, אָבער דער גלות עק־סיסטירט נאָך ווייטער אין זיין גאַנצער גרויס און לענג. דאָס וואָלטן אונ־דזערע אָבות־אבותינו נישט געווען באַגריפן אין זייער גאולה־טרוים, סיי אַ יידישע מדינה און סיי דער גלות, גלייכצייטיק. ד״ה סיי אַ ישראל־ישוב, אַ יידיש מדינה־פאָלק און סיי די תפוצות־ישראל — אַ וועלט־פאָלק.

נאָך מער: פון די צוועלף מיליאָן יידן אויף דער וועלט בילדן בלויז צוויי מיליאָן יידן דאָס מדינה־פאָלק און די איבעריקע צען מיליאָן — דאָס וועלט־פאָלק. ווידער לא ככל הגויים, און שטימט נישט מיטן גאולה און משיח־אידעאַל פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, ד״ה אַ קליינע טייל פון פאָלק אין דער יידישער מדינה און די גרעסטע טייל אויסער איר.

עס עקסיסטירן באַגלייך עטלעכע גרויסע יידישע צענטערן, צווישן זיי מדינת ישראל, נאָרד־אַמעריקע א״אַ אַזוי אַז אויך איצט דאַרף אונדזער פאָלקס געשיכטע געשריבן ווערן דורך פאַרשידענע יידישע מרכזים און נישט פון דער יידישער מדינה בלויז. מיר פאַרמאָגן אויך נישט קיין איינ־הייטלעכע שפּראַך פאַר אַלע יידן, קיין איינהייטלעכע קולטור, נאָר פילע, פילע. יעדער קיבוץ, יעדער ישוב — זיין אייגענע, הגם אין ישראל שמידט זיך אויס אַ מקורדיקע יידישע קולטור.

אַפילו רעכטלעך און פּאָליטיש געהערט דאָס יידיש פאָלק נישט צו דעם יידישן מדינה־פאָלק, נאָר צו די פאַרשידענע פעלקער צווישן וועלכע זיי וווינען. די יידישע מדינה קען נישט באַשיצן פּאָליטיש אָדער רעכטלעך יידן פון אַנדערע לענדער אויסער אירע גרענעצן, ווייל זיי זענען נישט אירע בירגער, נאָר בירגער פון די באַטרעפנדיקע וווין־לענדער. דאָ זענען מיר נישט ווידער ככל הגויים.

בשעת איטאַליע קען באַשיצן די איטאַליענער אין אַלע אַנדערע לענ־דער, ווייל זיי זענען אירע בירגער, און דאָס אַטענטירן קעגן זיי מיינט אַטאַקירן איטאַליע, קען ישראל נישט באַשיצן יידן אין אַנדערע לענדער, ווייל אַטאַקירן זיי מיינט אַבסאָלוט נישט אַטאַקירן די יידישע מדינה.

היוצא לנו מדברינו, אַז מדינת ישראל איז רעכטלעך און פּאָליטיש באַגרענעצט אויף איר ישוב, אויפן מדינה־פּאָלק, אָבער נישט אויפן ייִדישן וועלט־פּאָלק, ד״ה אויפן ישוב ארץ־ישראל אָבער נישט אויפן עם ישראל.

יהודה הלוויס זאָג אַז „לבי במזרח ואני בסוף מערב" ד״ה מיין האַרץ איז אין מזרח אָבער איך בין אין מערב, בלייבט נאָך אַקטועל, ווייל בלויז מיטן האַרץ איז דאָס ייִדיש וועלט־פּאָלק אין מזרח, אָבער פיזיש און אַפילו קולטורעל־גייסטיק איז עס אין מערב, אין גלות.

דער גאולה־אידעאַל איז געווען, אַז נישט נאָר אַ טייל פון פּאָלק זאָל האָבן אַ ייִדישע מדינה, נאָר דאָס גאַנצע פּאָלק. נישט אין דעם וואָס עס איז געווען אַ ייִדישע מדינה אין קרים — פון די כאַזאַרן — האָבן די פריִער־דיקע דורות געזען די גאולה, און נישט דאַן ווען דוד הראובני האָט דער־ציילט, אַז צוויי ייִדישע שבטים האָבן אַן אייגענע מלוכה הינטערן טייך סמבטיון, נאָר אין דעם אַז דאָס גאַנצע ייִדיש פּאָלק זאָל קאָנצענטרירט ווערן אין זיין אייגן לאַנד, און דאָרט זאָל עס ווערן צונויפגעגאָסן, צונויפגע־שמאָלצן, און באַקומען אַן איינהייטלעכן געשטאַלט, מיט איין שפּראַך, איין קולטור, איין גייסטיקן פּרצוף.

לויט דעם קומט אויס, אַז צו דער גאולה שלמה פון ייִדישן פּאָלק איז נאָך צו ווייט. עס איז בלויז אַן אתחלתא דגאולה, אַן אָנפאַנג, און אַז צו דער פאַרווירקלעכונג פון די משיחישע אידעאַלן פון צענטראַליזאַציע און קאָנ־צענטראַציע פון ייִדישן פּאָלק, האָבן מיר נאָך נישט דערגרייכט, נאָר מיר האַלטן ערשט, אַזוי צו זאָגן, בעקבות המשיח, ביי משיחס טריט. לאָמיר האָפן, אַז פון דעם מדינה־פּאָלק, זאָל מיט דער צייט געשאַפן ווערן איין גאַנצעס, איין פּאָלק אין זיין מדינה, איין שפּראַך און קולטור, און אַז אונ־דזער געשיכטע זאָל אויף ווייטער זיין די געשיכטע פון אַ ייִדיש פּאָלק אין זיין לאַנד, די געשיכטע פון עם ישראל בארץ ישראל.

דער גאַנג צו זיך אַליין

אַ רבי האָט אַמאָל געפרעגט:

— צו וואָס האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אברהם אָבינו: „לך־לך... אל הארץ אשר אראך, גיי (צו) דיר... צום לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן. עס וואָלט דאָך געדאַרפט שטיין: לך, גיי!

אָבער דער וואָס גייט קיין ארץ־ישראל, גייט צו זיך אַליין....

אונטערן צייכן פון „לך לך", פון גיין צו זיך אַליין, שטייט אייגנטלעך די גאַנצע יידישע געשיכטע. מיר זענען שטענדיק געגאַנגען צו זיך אַליין און דאָס איז דער יסוד און סוד פון אונדזער קיום אַלס פאָלק.

ווו מיר זענען נישט געווען, זענען מיר געגאַנגען גייסטיק, קולטורעל און אַפילו געאָגראַפיש צו זיך אַליין.

ווי ווייט מיר זענען אַוועק פון מזרח, האָבן מיר אַהינצו געווענדט אונדזערע געדאַנקען און אַפילו מיט אונדזער גוף זיך געווענדט אַהינצו... ביים דאַווענען האָבן מיר זיך געווענדט צו מזרח, צו ירושלים, און ירושלים האָט ביי אונדז פאַרנומען דעם מזרח... אַפילו דער אויסדרוק „פאַרנעמען דעם מזרח" איז אויך לגבי דעם געאָגראַפישן מזרח, ארץ ישראל.

„לבי במזרח ואני בסוף־מערב", האָט דאָך געזאָגט רבי יהודה הלוי, דאָס הייסט, מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין סוף פון מערב, און דאָס באַצייכנט דאָך אַמבולטסטנס אונדזער גאַנץ לעבן במשך די לאַנגע יאָרהונדערטער אין גלות. אויף וועלכער זייט מיר האָבן זיך נישט געריכטעט, זענען מיר אַלץ געגאַנגען צו מזרח, צו ארץ ישראל, צו ירושלים, אין אונדזער כוונה, אונדזער האַרץ, אונדזער גייסט, אונדזערע מנהגים, אאַז"וו.

היוצא לנו, אַז מיר זענען שטענדיק געגאַנגען צו זיך אַליין.

און נישט נאָר כלפּי ארץ־ישראל, נאָר אין אַלע אונדזערע גלות־לענדער האָבן מיר שטענדיק געווענדט אונדזער פּנים צו זיך אַליין, געווען אַן „עם לבדד ישכון".

און דער גאַנג צו זיך איז נישט געווען קיין פּשוטער גאַנג נאָר אַן עליה־גאַנג.

מערקווירדיק איז דאָס וואָס מיר פאָרן נישט קיין ארץ־ישראל נאָר וואָס מיר זענען עולה. נישט נאָר מחמת דער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון אונדזער לאַנד, נייערט ביי אונדז איז דאָס פאַרבונדן מיט אמתער גייסטיקער עליה. אויך דער דאָזיקער טערמין איז געשאַפן געוואָרן לגבי ארץ־ישראל, און ווערט שוין במילא באַנוצט לגבי אַלע אַנדערע העכערע באַגריפן.

אַזוי גיבן מיר, למשל, אַן עליה צו דער תורה, ווען אַפילו מען דאַרף נישט אַרויפגיין אויף אַ באַלעמער.

מיר זענען געוואָרן אַן עליה־פאָלק, אַ פאָלק וואָס איז עולה, וואָס שטייגט אַלע מאָל אויף גייסטיקע הויכן און דערהייבט זיך אין דעם גאַנג צו זיך אַליין.

די געשיכטע האָט געוויזן, אַז ווי ווייט דאָס יידישע פאָלק גייט נישט אַוועק פון זיך, קומט עס צוריק צו זיך אַליין.

די השכלה האָט געלערנט אַז: — „היה יהודי באהלך ובן־אדם בצאתך". דאָס הייסט: „זיי אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס". אָבער אויסגע־לאָזט האָט זיך גאָר פאַרקערט:

אויף דער גאַס האָט יעדער אַנטיסעמיט דערקענט דעם יידן. ווי ער זאָל זיך ניט האָבן אָנגעשטרענגט צו זיין אַ מענטש, צו מענטשלען זיך, צו פאַרווישן די יידישע שפּורן, איז ער אויף דער גאַס געווען דאָך אַ ייד, צי מיט זיין גוטן ווילן אָדער בעל־כרחו.

דאַקעגן אין שטוב, האָט ער, אין זיין דראַנג אויסצומענטשלען זיך אין גאַס, גענומען וואָס מער אַנטיידישן זיך. די שטוב איז אַלע מאָל געוואָרן „מענטשלעכער", ביז דער השכלהשער פּאָסטולאַט איז איבערגעדרייט גע־וואָרן, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אין שטוב איז ער געוואָרן אַ מענטש, אויס ייד, און אויף דער גאַס האָט מען אין אים דערקענט דעם יידן.

דאָס איז געוואָרן די גרויסע טראַגעדיע פון אַ גרויסן טייל יידן וואָס האָבן געוואָלט דערפילן אָט דעם משכילישן געבאָט.

דאָס האָט אויך גורם געווען אַז די ייִדישע מאַסן זאָלן אַוועקגיין פון זיך אַליין, פאַרוואַרפן דעם היסטאָרישן עליה־גאַנג צו זיך אַליין און זיך רייסן אויף פרעמדע וועגן. די ייִדישע שטוב, די אייגענע וועלט, איז במילא אויסגעליידיקט געוואָרן פון ייִדישקייט, פון ייִדישער קולטור, ייִדישן תוכן, ייִדישן שטייגער און ייִדישן לשון.

אָבער די לעצטע יאָרן, מערקט זיך ווידער דאָס אומקערן צו זיך, סיי געאָגראַפיש, סיי גייסטיק, סיי קולטורעל און שפּראַכלעך.

אונדזער תקופה שטייט אונטערן צייכן פונעם „לך־לך", פון גיין צו זיך אַליין, סיי קיין ארץ־ישראל, סיי צו די אייגענע ווערטן. עס מערקט זיך אַן עליה אין פולסטן זין פון וואָרט.

סיי מען איז עולה קיין מזרח און סיי די עליה פאַרנעמט אונדזער מזרח. אין ווען מען זאָל וועלן פאַראַפראַזירן דעם משכילישן זאָג, וואָלט מען היינט, אין גייסט פון אונדזער צייט, געזאָגט: — „היה יהודי באהלך ויהודי בצאתך", זיי אַ ייִד אין שטוב און אַ ייִד אין גאַס!

וואָס בנוגע דער צווייטער טייל פון דעם דאָזיקן זאָג, ווערט עס היינט דערפילט דורך אונדזער פאָלק. מיר האָבן אַ ייִדישע מדינה, מיר זענען ווי אַלע פעלקער אויף דער וועלט. מיר טראָגן דעריבער הויך דעם נאָמען ייִד און אדרבא, מיר ווילן מען זאָל אויף דער גאַס אונדז קענען ווי ייִדן. די דאָזיקע טייל איז אַזוי צו זאָגן, שוין אַ געלייזטע פּראָבלעם, אַ פאַקט.

בנוגע דער ערשטער טייל, פון זיין אַ ייִד אין שטוב, מערקן מיר, צו אונדזער גרויסער צופרידנקייט, הגם לאַנגזאַמער ווי די צווייטער טייל, פון זיין אַ ייִד אין גאַס, אַז דאָס הייבט אויך אָן מקוים צו ווערן.

מען האָט אָנגעהויבן צו גיין צו זיך אַליין, צו דער אייגענער שטוב, מען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו די אייגענע ווערטן, צו דער אייגענער קולטור, צו דעם אייגענעם לשון. מען האָט אָנגעהויבן צו פלעגן די אייגענע טראַדיציע, זיך נוהג צו זיין לויט די אייגענע מנהגים.

וואָס אַ מאָל שטייגט די ווערט פון ייִדישקייט. וואָס ווייטער, הייבט זיך די חשיבות פון אייגענעם לשון, און אַלץ מער הייבט זיך אָן אָנצופילן די פון פריִער אויסגעליידיקטע ייִדישע שטוב מיט ייִדישער אַטמאָספער, ייִדישער סימבאָליק, ייִדישן תוכן. ווידער הייבט אָן צו ווערן „תורה די בעסטע סחורה". ייִדישע יוגנט לערנט אַלע מאָל מער פון אונדזערע אורשפּרינגלעכע קוואַלן,

און אַנשטאָט צו דערפילן דעם אויבנגעבראַכטן משכּילישן זאָג, צו זיין אַ מענטש אויף דער גאַס, צו אויסמענטשלעכן זיך, וואָס דאָס מיינט צו גיין צו אַנדערע קולטורן, אַנדערע מנהגים, פון זיין „מיט מענטשן גלייך״, הייבט מען גאָר אָן פאָלגן אונדזערע אַלטע חכמים, וואָס האָבן געעצהט אַריינצו־ברענגען דעם „יפיפיותו של יפת באהלי־שם״, די שיינקייט פון יפת, פון דער וועלט, אין די געצעלטן פון שם, דאָס הייסט, אין אונדזער יידיש וועלטל, און אַנשטאָט צו גיין צו דער ברייטער וועלט, צו זיין אַ מענטש אין גאַס, גייט מען צו זיך אַליין, צו אונדזער אייגן יידיש וועלטל, צו דעם „עם לבדד ישכון״, מיט זיין אייגענער גייסטיקער וועלט, אַנשויונגען, באַנעמונג, קול־טור, מנהגים, שפּראַך אאַז״וו.

פאַרנעמען מיר מיט פרייד דעם דאָזיקן „ושבו בנים לגבולם״, דעם צוריקקער פון יידישע קינדער צו זיך, צו זייער גרענעץ, געאָגראַפיש, גייס־טיק און קולטורעל. נישט אומזיסט שטייט ביי אונדז אַזוי הויך דער באַגריף פון „תשובה״, צוריקקער צו זיך, צו די אייגענע דרכים און געמאַרקן, צו די אייגענע ווערטן און פירונגען.

ווייל פון דעם ערשטן ייד, פון אַברהם אָבינו, פון דעם ערשטן וואַנ־דערער, ביז צו דער היינטיקער צייט, נאָך אַלע גלגולים וואָס אונדזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט, אַלע וועגן און אומוועגן פון זיין געשיכטע, אַלע געראַנג־לען פאַר זיין עקסיסטענץ, ציט זיך אַלץ דער זעלבער לך־לך, דער זעלבער גאַנג צו זיך אַליין.

אונדזער זעלבסטשטענדיקייט

(אַ פּאָר פאַקטן און געדאַנקען)

אַן אויסערגעוויינלעכער לוח־צופאַל

עס וועט ביז גאָר אינטערעסאַנט זיין פאַר די לייענער זיך צו דערוויסן, אַ שטוינענדיק־אויסערגעוויינלעכן צופאַל מיטן יום־העצמאות אינערהאַלב דעם יידישן לוח.

ווי ס׳איז באַוווסט, קען מען לויט די טעג פון פסח, וויסן אין וואָס פאַראַ טאָג אין דער וואָך עס פאַלן אויס די אַנדערע יידישע ימים־טובים. דאָס ווייסט מען לויט איינגעשטעלטע סימנים פונעם אלף־בית, לויטן אתב״ש־סיסטעם, דאָס הייסט, דאָס פאַרבינדן די ערשטע אותיות פון אלף־בית מיט די לעצטע. (דער אלף, וואָס איז דער ערשטער אות, מיטן „ת״, וואָס איז דער לעצטער אות; דער „ב״, וואָס איז דער צווייטער אות, מיטן „ש״, וואָס איז דער צווייטער אות, אָנפאַנגענדיק פונעם לעצטן, דער „ת״ אויף צוריק; דער „ג״ — מיטן „ר״, דער „ד״ מיטן „ק״ אאז״וו).

די סימנים זענען פאָלגנדיקע:

א־ת: דאָס הייסט, אין זעלבן טאָג פון דער וואָך וואָס עס פאַלט אויס דער ערשטער טאָג (א׳) פסח, פאַלט אויך אויס תשעה באָב (דער ת׳ פון תשעה באָב).

ב־ש: אין זעלבן טאָג פון דער וואָך, אין וועלכן עס פאַלט אויס דער צווייטער טאָג פסח פאַלט אויס שבועות.

ג־ר: אין דריטן טאָג — ראש־השנה.

ד־ק: אין פערטן טאָג — שמחת־תורה (דער ק׳ פון „קריאת־התורה״,

דאָס הייסט, ווען מען פאַרענדיקט דאָס לייענען פון דער תורה אין שמחת־תורה).

ה־צ: אינעם פינפטן טאָג פסח — פאַלט תמיד אויס דער פאַסט־טאָג יום־כיפור. (דער „צ" פון „צום יום־כיפור").

ו־פ: אין זעקסטן טאָג פון פסח — פורים.

דער זיבעטער טאָג פון פסח, וואָס לויטן אתב"ש־סיסטעם, וואָלט זיין סימן באַדאַרפט זיין ז־ע איז געווען פריי, ווייל דער „ז" האָט נישט געהאַט צו זיך קיין פּאָר.

אָבער מיטן אויפקום פון „יום־העצמאות", איז אויך דער זיבעטער טאָג פון פסח אַוועקגעשטעלט געוואָרן בגלייך מיט די אַנדערע זעקס ערשטע טעג, דאָס הייסט:

ז־ע: אין דעם זעלבן טאָג פון דער וואָך וואָס עס פאַלט אויס דער זי־בעטער טאָג פסח, פאַלט אויך אויס עצמאות (דער ע' געהערט צו „עצמאות„, זעלבסטשטענדיקייט) — דער גרויסער נייער יידישער יום־טוב, צו וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל יאָרהונדערטער געגאַרט געשטרעבט און געחלומט...

די השגחה אַליין האָט אונדז באַשערט אַזאַ מין איבעראַשנדיקן לוח־צופאַל.

אין דער אמתן האָט אונדזער פאָלק געהאַט אַלע סימנים פון אתש"ב, ווי פסח, שבועות, פאַסט־טעג, שמחת־תורה, אָבער איין זאַך האָט אונדז במשך פון אונדזער לאַנגן גלות געפעלט, און דאָס איז: עצמאות, זעלבסט־שטענדיקייט, וואָס מיר האָבן דאָס איצט — סיי אויפן לוח ווי אין דער נייער רומפולער יידישער מדינה.

דאָס יידישע פאָלק — דאָס פרייהייט־פאָלק „פאַר עקסעלאַנס".

ביי אחד־העם איז פאַראַן אַ באַרימטער מאמר אונטערן נאָמען „עבדות בתוך חרות", דאָס הייסט, „קנעכטשאַפט אינערהאַלב פרייהייט".

לגבי דעם יידישן פאָלק וואָלטן מיר געקענט זאָגן דאָס פאַרקערטע: „חרות מתוך עבדות" דאָס הייסט, „פרייהייט אינערהאַלב קנעכטשאַפט".

ווייל אונדזער פאָלק איז טראָץ זיין לאַנגן גלות, זיין פינצטערער קנעכט־שאַפט און די אומבאַשרייבלעכע ליידן און פּיינען וואָס עס האָט דורכגעמאַכט

אויף זיין דאָרנדיקן מאַרטירער־וועג, געווען דאָס פרייהייטס־פאָלק „פּאַר עקסעלאַנס".

לאָמיר דאָס דערקלערן:

אַן אמתער פרייער מענטש איז דאָך איינער וואָס לעבט לויט זיין אָנ־שויונג, לויט זיין ווילן, לויטן אייגענעם באַנעם און געדאַנקען־גאַנג, לויט זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען. ער וואַרפט זיך נישט אונטער יענעמס ווילן און איז נישט פאַרפליכטעט שטענדיק צו האַנדלען לויט דעם אַנדערנס געבאָטן.

דאָס יידישע פאָלק איז, טראָץ זיין פיזישער און פּאָליטישער קנעכט־שאַפט, געווען פריי און האָט, אַנטקעגנשטעלנדיק זיך אַלע דרויסנדיקע פּאַק־טאָרן, געלעבט פריי, לויט זיין אייגענער לעבנס־אויפפאַסונג, און האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן פרעמדע געבאָטן, פרעמדע השפעות, האָט זיך דערוי־בער נישט געלאָזט פאַרשלינגען דורך פרעמדע גלויבנס און פרעמדע קולטורן.

דער דאָזיקער פרייהייטס־גייסט פון אונדזער פאָלק, איז דאָך דער עצם־סוד פון זיין קיום ביז היינט צו טאָג.

אַזוי זענען מיר ווי מרדכי בוקט זיך נישט פאַר המנען, חנהס זין בוקן זיך נישט פאַר אַנטיוכוסן, ווייל יידן זענען נישט קיין קנעכט פון מענטשן, נאָר בלויז פונעם אייבערשטן, „עבדים לה' ולא עבדים לעבדים".

די גאַנצע תורה, אַלע יידישע ימים־טובים און סימבאָלן, דערמאָנען אונדז אין דעם פרייהייטס־יום־טוב פסח, ווען מיר זענען אַרויס מעבדות לחרות, און זיי פלאַנצן איין אין דעם יידן די הייסע ליבשאַפט צו פרייהייט און ממש דעם האַס און פאַראַכטונג צו קנעכטשאַפט.

דערפאַר הייסט מען אונדז געדענקען אין דער מצרישער קנעכטשאַפט, אַלס דער סימבאָל פון דער גרעסטער מענטשלעכער געפאַלנקייט, כדי מיר זאָלן קיין מאָל קיינעם נישט פאַרקנעכטן.

דעריבער האָבן יידן בעסער געוואָלט שטאַרבן אויף קידוש־השם, ווען מען האָט געוואָלט פאַרקנעכטן זייער גייסט, זייער אמונה, זייער לעבנס־דרך, און נישט לעבן אַלס געפאַנגענע אין אַ פרעמדן גייסט, אין אַן אומאייגענעם לעבנס־דרך און אמונה.

איז ווידער אונדזער געשיכטע־גורל אַן איבערראַשנדיקער: גלייך נאָך דעם „זמן חרותנו", נאָכן פרייהייטס־יום־טוב פסח, פייערן מיר איצט דעם

„חג־העצמאות", דעם זעלבסטשטענדיקייטס יום־טוב, ווייל בלויז אונדזער דורותדיקער אומגעפעלשטער און אומבאַזיגטער פרייהייטס־גייסט האָט גע־קענט דערפירן צו אונדזער זעלבסטשטענדיקייט.

די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט

טראָץ אונדזער דורותדיקן פרייהייטס־גייסט, האָבן מיר צוליבן פעלן פון אַן אייגענער מדינה, צוליבן פעלן פון פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכ־באַרעכטיקונג, צוליבן פעלן אונדז פון אַן אַרמיי, פון אַן אייגענעם אָנער־קענטן מדינה־לשון, אייגענע אוניווערסיטעטן, טעכניק, אאַז״וו, פון מאָל צו מאָל געקוקט מיט באַוווּנדערונג אויף אַלץ וואָס איז גויִיש, און אַלס רעזול־טאַט דערפון האָבן מיר נישט שטענדיק זיך באַצויגן מיט דער זעלבער אַכ־טונג, און שוין אָפּגערעדט מיט דער זעלבער באַוווּנדערונג, צו אַלץ וואָס איז יידיש.

מיר האָבן, פאָלגלעך, נישט פאַרמאָגט קיין זעלבסטשטענדיקייט אין אונדזער באַציִונג צו אונדזערע אייגענע ווערטן, נאָר געהאַט דרך־ארץ פאַר פרעמדע, נישט־יידישע. אָבער זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, זינט דער פּראָקלאַמירונג פון איר זעלבסטשטענדיקייט, האָבן מיר אונדזער אַכ־טונג־ און כבוד־בליק אויסגעדרייט צו זיך אַליין.

ווייל חוצן דורותדיקן פרייהייטס־גייסט, אונדזער טויזנט־יאָריקער רייַ־כער קולטור, אונדזערע אומפאַרגלייכלעכע עטישע ווערטן, האָבן מיר איצט אַן אייגענע מדינה, מיט יידישע אוניווערסיטעטן, וואָס שטייען נישט אָפּ פון אַנדערע נישט־יידישע, מיט אַ יידישער אַרמיי, וואָס קען דינען אַלס ביי־שפּיל מיט איר בראַווקייט און מסירות, מיט יידישער טעכניק, יידישע דער־פינדונגען, אַן אייגן נאַציאָנאַלן לשון, וואָס איז גאָר געאַכטעט ביי כל־הגויים, יידישע מוזיק און אַזוי ווייטער.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו קוקן מיט פולע אויגן מיט כבוד און דרך־ארץ צו זיך אַליין, צו אַלץ וואָס איז אונדזערס, יידיש.

מיר דאַרפן שוין ניט ווענדן אונדזערע בליקן צו די אַנדערע פעלקער אויף צו דערזען גרויסעס, גוטס און וווּנדערלעכעס. מיר קענען דאָס באַקומען, און אַ מאָל בשפע, ביי זיך אַליין. מיר דאַרפן דערצו צו קיינעם נישט אָנקומען.

מיר זענען געוואָרן זעלבסטשטענדיק, און אין דער דאָזיקער זעלבסט־שטענדיקייט ליגט די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער „עצמאות״, וואָס האָט אונדז דערהויבן און צוריק רעהאַביליטירט, נישט נאָר ביי אנדערע פעלקער, נאָר קודם־כל אין אונדזערע אייגענע אויגן, ביי זיך אַליין.

— לאָמיר־זשע דעריבער יום־טובן און טאַקע אויפהיטן אונדזער אייגנ־אַרטיקע זעלבסטשטענדיקייט!

דער צענטער פֿון אונדזער פֿאָלק

פֿון זינט ייִדן זענען אַוועק אין גלות, האָט זיך אונדזער געשיכטע אויסגעוויקלט אין פֿאַרשיידענע ייִדישע צענטערס. איז אונטערגעגאַנגען איין צענטער, איז אויפֿגעקומען אַ צווייטער. און געווען צייטן, ווי דאָס איז היינט צו טאָג, וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט עטלעכע גרויסע צענטערס גלייכצייטיק, דאָס הייסט, גרעסערע ייִדישע ישובֿים וואָס ווירקן אויף דער ייִדישער וועלט.

אָבער זינט דעם אויפֿקום פֿון מדינת ישראל, ווערט די האָפֿענונג און דער בליק פֿון גאַנצן ייִדנטום איבער דער גרויסער וועלט אָנגעהאָנגען דאָרטן, אַז דאָרט זאָל געשאַפֿן ווערן דער מרכז־המרכזים, די צענטראַלע פֿון אַלע ייִדישע ישובֿים, דאָס הייסט, פֿון אַלע צענטערן, אויף אַלע געביטן און הינזיכטן, וועמעס אויסווירקונג זאָל געפֿילט ווערן אין אַלע ווינקעלעך פֿון אונדזער פֿאָלק בכל תפוצות־ישראל.

ווייל, מה־דאָך בעת ייִדן האָבן געהאַט צענטערס אין די פֿאַרשיידענע לענדער פֿון זייער צעשפּרייטקייט, ווו זיי האָבן געבילדעט אַ מלוכה אינערהאַלב אַן אַנדער מלוכה, ווי אין בבל, שפּאַניע, אַשכּנז, פּוילן, אַמעריקע, זענען געשאַפֿן געוואָרן אַזעלכע ריזיקע ווערק ווי דער תלמוד בבלי, דער רמב״ם, דער כּוזרי, רש״י, די בעלי־תוספֿות, דער שלחן־ערוך א״אַ, וואָס האָבן משפּיע געווען אויף דער אויספֿורעמונג פֿון ייִדנטום און עס צעמענטירט אויף דור־דורות, היינט אין אַ ייִדישער מלוכה, אין אַ ייִדיש לאַנד, מיט אונדזער אייגענער שפּראַך, געזעצן אאַז״וו, דאַרף דאָך אַוודאי און אַוודאי דאָס ייִדנטום באַקומען זיין תּיקון, און דאַרף ליגן זיין חותם אויף דער ווייטערדיקער געשטאַלטונג פֿון אונדזער פֿאָלק.

ישראל דאַרף דאָך ווערן דער צענטער פֿון ייִדישן גייסט, פֿון ייִדישער שאַפֿונג, פֿון ייִדישער אויטאָריטעט אויף אַלע געביטן.

דערצו מוז זי זיין די זיפּ, דער שמעלץ־טאָפּ פון אַלע גלותן. זי דאַרף באַקומען די ווערטן פון אַלע ייִדישע ישובים אויף דער וועלט, זיי ביי זיך דורכשמעלצן, דורכזיפּן, און שאַפן אַן איינהייטלעכע ייִדישקייט וואָס זאָל זיך צעטראָגן אויף אַלע וווּיערטער פון ייִדישן פאָלק.

מדינת ישראל דאַרף דעריבער ווערן דער כינוס פון אַלע ייִדישע ווערטן, פון אַלע דורות און וווינערטער, און עס דאַרף דאָרט אויסגעשמאָלצן ווערן אַן איינהייטלעכער טיפּ און פאָרעם פון ייִדישקייט פאַר די נייע דורות.

אין דעם זין מוז די מדינה זיין די העכסטע אויטאָריטעט פון רעליגיעזן לעבן ביי ייִדן. עס מוז אפשר דאָרט געשאַפן ווערן אַ נייער סנהדרין, וואָס זאָל רעגולירן די ייִדישע רעליגיעזע געזעצן אין הסכם מיט די נייע באַדינגונגען, שטענדיק אין גייסט פון דער תורה וואָס איז אַ תורת־החיים. אַ סך דינים זענען זיכער נישט רעווידירט אָדער צוגעפּאַסט געוואָרן צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען און אומשטענדן, צוליבן פעלן פון אַזאַ צענטראַלער מאַסגעבנדיקער רעליגיעזער אויטאָריטעט.

אויך מוז אין דער ייִדישער מדינה אויסקריסטאַליזירט ווערן אַן אייגנאַרטיקע אָריגינעלע ייִדישע מוזיק, טענץ, נוסח, אאַז״וו, וואָס זענען ביז איצט געווען פאַרשיידנאַרטיק און לויט די באַטרעפנדיקע מדינות פון ייִדישן אויסלעבן, באַקומענדיק דאָרט זייער השפעה. עס איז דעריבער נישט זעלטן צו טרעפן אַ חסידישן ניגון וואָס שטאַמט גאָר פון אַ פּוילישן מאַרש און אַ ליטורגישע קאָמפּאָזיציע, וועמענס מוזיק איז געשאַפן געוואָרן אויף דער קאַנווע פון אַ פּרייסישן מיליטערישן מאַרש.

מדינת ישראל דאַרף דעריבער זיין דער צענטער פון וואַנען עס זאָל אַרויסשטראָמען די ייִדישע אָריגינאַליטעט, און ווו עס זאָלן געשאַפן ווערן גרויסע ווערק אין הסכם מיט דעם עכטן ייִדישן גייסט, אויפן געביט פון ליטעראַטור, קונסט, ייִדישקייט, וואָס זאָלן ציִען זייער יניקה פון דער דורות־דיקער עכטער ייִדישער טראַדיציע, ייִדישע מידות און זיטן.

עס דאַרף אויך געשאַפן ווערן דאָרט דער נייער טיפּ ייִד, וואָס זאָל זיין די קווינטעסענץ פון דורותדיקער ייִדישקייט, פּלוס דעם היינטיקן פרייען ישראל־גייסט, אָבער זאָל אויך אָפּגעשאָקלט ווערן פון דעם אויפגעבלאָזענעם כנעניזם, וואָס מיינט נישט צוריקצוגיין צו דעם תנ״כישן ייִדנטום נאָר אַוועקגיין פון דורותדיקער ייִדישקייט.

ווייל ערשט נאָך דער תנ"ך־תקופה, דאַרף מען וויסן, האָט זיך אויסגע־פורעמט אַ יידנטום וואָס האָט געשאַפן דעם תלמוד, און אַנדערע גרויסע ווערטן ווי שולחן־ערוך, חסידיזם, אד"גל, און מען קען פון דעם היינטיקן יידן נישט אָפּטיילן כעמיש וועלכן עס איז עלעמענט פון יידישן גייסט, ווייל אַן אמתר ייד איז דער וואָס לעבט לויט אַלע יידישקייט־ווערטן און נישט לויט אַ באַשטימטער אָדער פון אים אויסגעקליבענעם גייסט־אָפּשניט.

עס איז ווי אַ מענטש, וואָס דאַרף פאַרמאָגן, כדי צו לעבן נאָרמאַל, אַלע רמ"ח אברים און שמ"ה גידים, און נישט זאָגן, אַז בלויז דער אָדער יענער גליד שטעלט מיט זיך פאָר דעם מענטשן, ווייל דער אבר, וואָס אַן און פאַר זיך מיינט ער גאָרנישט, שפּילט בלויז אַ ראָל אַלס אַ טייל פון אַ גאַנצן לעבעדיקן אָרגאַניזם.

מיר וואַרטן דעריבער, עס זאָל אַרויס פון ישראל אַ נייער טיפּ ייד, באַזירט אויף דער אַלטער יידישער טראַדיציע און נייער יידישער זעלבסט־שטענדיקייט, וואָס זאָל, אַלזאָ, זיין אַ פּראָדוקט און פאַרשטעלן מיט זיך אַ סינטעז פון אַלע דורות, פּלוס דעם באַוווסטזיין פון שטאַטלעכער ווירדע און פרייהייט, וואָס אין גלות האָט עס אפשר געפעלט, אָבער אָן דעם כנענישן אָנוווקס וואָס איז נישט אין הסכם מיט די יידישע אידעאַלן און אַספּיראַציעס.

עס זאָל דעריבער אויפקומען אַ נייער יידישער טיפּ, נישט בלויז אַ ישראלישער טיפּ. אַנדערש פאָרמולירט: אַ נייע יידישקייט און נישט בלויז ישראליזם. דערצו דאַרף דער גלות זיך מער ישראליזירן, און ישראל דאַרף פון זיך אויסוואָרצלען דעם גלות, דעם כנעניזם.

דער גלות דאַרף דעריבער שטיצן ישראל, און ישראל דאַרף דערהייבן דעם גלות.

פון גלות דאַרף קומען קיין ישראל אַ פיזישע עליה, און ישראל דאַרף אַריינברענגען אין גלות אַ גייסטיקע עליה.

און ריכטיק האָט דאָס פאָרמולירט ד"ר ישראל גאָלדשטיין, ביי אונדז אין בוענאָס איירעס, בעתן דרום־אַמעריקאַנער צוזאַמענפאָר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אין יולי 1958, אין זיין רעדע געווידמעט דעם צענטן אַני־ווערסאַר פון מדינת ישראל.

„די יידן אין גלות — האָט ער געזאָגט — דאַרפן לערנען פון דער

יידישער מדינה תורת ארץ־ישראל, און מדינת ישראל דאַרף לערנען ביים גלות תורת עם־ישראל".

און מיר דאַרפן צוגעבן, אַז אַלע צוזאַמען דאַרפן מיר לערנען די תורה פון אהבת ישראל און האָבן דעם באַוווסטזיין פון אחדות ישראל, דאָס הייסט, אַז אונדזער פאָלק, סיי פון דער מדינה ווי פון די תפוצות, איז איין יידיש פאָלק.

דער גלות דאַרף שיקן קיין ישראל, חלוצים, עולים, וואָס גייען דורך דעם פילטער פון דער יידישער מדינה, און ווערן פאַרוואַנדלט אין יידישן גייסט און אין אהבת־ישראל. — ווייל ווער איז דען די מדינה אויב נישט אַ פּראָדוקט פון גלות־ישראל, און וואָס פאַר אַ פנים וועט האָבן דער גלות אָן דער ברכהדיקער השפעה פון מדינת ישראל?

ווי ריכטיק, גיט איבער ז. סעגאַלאָוויטש ע"ה אין זיין בוך „מיינע זיבן יאָר אין תל־אָביב", אַז איין מאָל האָט ער געהערט ווי דער דעמאָלטיקער בירגערמייסטער פון תל־אָביב, ישראל רוקה ע"ה, האָט אין זיינס אַ רעדע געזאָגט:

„איך האָב פיינט דעם גלות!".

פרעגט סעגאַלאָוויטש מיט ווייטיק:

— ווער איז דען גאַנץ תל־אָביב, אויב נישט גלות, אויב נישט יידן פון פוילן, רוסלאַנד, רומעניע, ליטע, אַמעריקע א"אַ?

— ווי קען דעריבער זאָגן דער בירגערמייסטער, אַז ער האָט פיינט דעם גלות? אין דעם פאַל מוז ער דאָך, בעל־כרחו, פיינט האָבן גאַנץ תל־אָביב...

ישראל איז דער טרוים, די גליקלעכע ווירקלעכקייט פון גאַנצן יידנטום, פון וואַנען עס גייט אַרויס אַרויס אַ ניי ליכט און עס וועבט זיך אויס אַ נייער יידישער לעבנס־ניגון פאַר אונדזער גאַנץ פאָלק. בלויז דאָרטן קען זיין דער צענטער פון אונדזער אומה און בלויז דאָרטן קענען מיר אויסזינגען אונדזער נייעם יידישן לעבנס־ליד.

ווי זאָגט זיך אין „תהילים":

„איך נשיר את שיר ה' על אדמת נכר?", ווי וועלן מיר זינגען ג־טס ליד אויף פרעמדער ערד?, האָבן די יידן אין בבל געענטפערט זייערע שונאים, וואָס האָבן ביי זיי פאַרלאַנגט זיי זאָלן זינגען לידער פון ציון.

אָבער — האָט אויך געזאָגט אַ גדול בישראל — „איך נשיר את שיר נכר על אדמת ה׳?״, ווי וועלן מיר זינגען פרעמדע לידער אויף ג־טס ערד?

מיר, יידן פון גלות, וואָס ליבן ישראל מיטן גאַנצן ברען פון אונדזער נשמה, ווינטשן דעריבער אַז דאָרט זאָל געזונגען ווערן דאָס אייגנאַרטיק דורותדיק יידיש ליד, זאָל אויפבליִען דער עכטער יידישער גייסט, אָן פרעמדע אַנוווקסן, און זאָל פון דאָרטן אַרויסשטראָמען אמתע אהבת־ישראל צום גלות, פונקט ווי די הייסע ליבשאַפט פון גלות צו מדינת ישראל.

ישראל איז באַרופן צו ווערן דער צענטער פון יידישן פאָלק, דער וועגווייזער פון יידישקייט און יידנטום.

אַזוי האָבן יידן פאַרשטאַנען הערצלס רוף אַז „אומקערן זיך קיין ציון, מיינט פריִער זיך אומקערן צו יידישקייט״, און אַז מדינת ישראל איז אַ סינאָנים אין אַלע הינזיכטן, פון גאַנצער און עכטער יידישקייט, אין שענסטן גייסט פון יידישער טראַדיציע און פון יידישע מידות.

ווי האָט אַמאָל אַ רבי זייער טרעפלעך איינגעטייטשט:

— פאַר וואָס האָט דער אייבערשטער געזאָגט צו אַברהמען: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אָביך אל הארץ אשר אראך״. ווערטערלעך הייסט דאָס: לך לך, גיי (צו) דיר... צום לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן.

צו וואָס — פרעגט דער רבי — איז דער „לך״ (צו דיר)? עס האָט דאָך געקענט שטיין „לך״, גיי צום לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן.

אָבער — האָט דער זעלבער רבי אַליין זיך פאַרענטפערט זיין קשיה — דער וואָס גייט קיין ארץ ישראל, גייט צו זיך אַליין...

יאָ, לאָמיר גיין צו זיך אַליין, צו אונדזער מקור, צו אונדזער לאַנד, צו אונדזער יידישקייט, צו אונדזערע ווערטן!

אין דעם זין און אויף דעם דאָזיקן גאַנג צו זיך אַליין, לאָמיר פייערן די בר־מצוה פון מדינת ישראל און זי אוועקשטעלן על ראש־שמחתנו, אינעם צענטער פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער לעבן!

ביכער פון זעלבן מחבר:

●

„ציוניסטישע פיגורן״ — 196 זייטן, 1953.

צייט־מאַטיון״ — 200 זייטן, 1957.

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de noviembre de 1961, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos." S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
MORDEJAI HERBST
BUENOS AIRES

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

MORDEJAI HERBST

CONSIDERANDO DE CERCA

(BATRAJTUNGUEN FUN DER NOENT)

●

Buenos Aires, 1961